בלומע לעמפעל

# אַ רגע פֿון אמת

## דערציילונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ"א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*

*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981

נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

— טאַטע — האָב איך געזאָגט מיט דער דינסטער אויפֿריכטיקסטער שטים — טאַטע, איך ווייס, אַז דו ביסט קיין שאָף נישט געווען.

יאָ, מײַן טאַטע איז יענעם פֿרימאָרגן פֿון נאַראָדני־דאָם אַנטלאָפֿן. ער האָט נאָך דערלעבט אויסצונוצן די קוילן פֿון זײַן ביקס. נאָך דעם ווי אַלע זײַנע נאָענטע זענען אומגעקומען, האָט ער אונטערגעצונדן זײַן ליימענע כאַלופּע און אויפֿן ברענענדיקן קאַרשנבוים בײַם הויז — זיך אויפֿגעהאַנגען.



# אַפֿילו דער הימל זאָגט ליגן

איך בין נישט געבוירן שטום. מײַן מויל איז נישט קיין אָרגאַנישער, נישט קיין פֿאַרירשנטער. אין מיר האָט זיך עפּעס פּשוט פֿאַרהאַקט און איך האָב אויפֿגעהערט רעדן. ווען און פֿאַר וואָס — געדענק איך נישט מער. איך הער און פֿאַרשטיי וואָס מ'רעדט צו מיר, נאָר ענטפֿערן ענטפֿער איך נישט. אין געדאַנק רעד איך יאָ, מײנסטנס צו די שאָטנס וואָס באַפֿעלקערן מײַן וועלט. איך רעד אויך צום ווינט און צום רעגן, צו דער קאַץ וואָס וווינט אויף יענער זײַט פֿון מײַן שוועל. נישט איך, נאָר זי באַשטייט אויף דער מחיצה. מיט אײַנגעבוירענער עקשנות וואַרפֿט זי אָפּ מײַן אָנבאָט צו טיילן דעם שוץ פֿון מײַנע פֿיר ווענט. איך פּרוּוו זי נישט איבערצײַגן אין דער פֿרײַנדלעכקייט פֿון מײַן שויס, אויף וועלכן זי קאָן דרימלען און אפֿשר אויך ווי האַמלעט חלומען חלומות. ערגעץ אינעם פּלאָנטער פֿון איר קאַצישן מוח איז מיט טויזנט קנופּן פֿאַרקניפּט אַ וואָרענונג, זי זאָל זיך היטן פֿאַר מענטשן. רעספּעקטיר איך טאַקע דעם צוגאַנג פֿון איר מין, באַוווּנדער איר שטאַרקן ווילן, דעם כּוח זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַ וואַרעם ווינקל ווען דער פֿראָסט איז אונטער זעראָ, און דער שניי דעקט צו איר אייגענע סטעזשקע. איר מסירת־נפשדיקער קוראַזש באַווירקט מיך, דרינגט אַרײַן אין יענער טיף וווּ מײַן עצם ווייטיק ליגט באַגראָבן. דעמאָלט הייב איך אָן צו לאַכן, צו ערשט נידעריק, פֿאַרשטיקט, אַ מין אָפּגעהאַקט מיתה־משונה־געלעכטער. ווי געטראָפֿן פֿון אַן עלעקטרישן שטראָם, הייבן מײַנע אַקסלען אָן צו ציטערן, די קני ברעכן זיך מיר אונטער. פֿײַערפֿונקען שווינדלען פֿאַר די אויגן, אַן אָנזאָג אַז דער ווייטיק שמעלצט און דראָט מיט זײַן לאַווע צו פֿאַרגיסן מײַן באַוווּסטזײַן. דעמאָלט ווייס איך אַז איך קאָן לענגער נישט וואַרטן און שטעק זיך אַרײַן אַ נאָדל.

מענטשן וווּנדערן זיך הלמאַי איך וויין נישט. אויך די דאָקטוירים האַלטן אַז טרערן וואָלטן מעגלעך אונטערגעגראָבן יענע פֿאַרהאַרטעוועטע וואַנט און איך וואָלט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן. זיי האָבן מיר אַפֿילו פּרובירט

פּיזיש ווי צו טאָן, נאָר דעם ווייטיק וואָס זיי האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט האָט מיך בלויז געמאַכט לאַכן.

און דאָך געדענק איך אַז איך פֿלעג אַ מאָל וויינען. איך פֿלעג אויך רעדן, דערציילן, און איבערדערציילן מעשׂיות וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אין די לאַנגע ווינטערנעכט אַרום דער הרובע. איך האָב אָפּגעשטויבט דעם שימל פֿון די פֿאַרעלטערטע בלעטער און מיט ליבשאַפֿט זיי אויסגעלייגט אויף דער פּאָליצע פֿון זכּרון. ביי מיר אין געדאַנק האָבן געבליט פֿאַנטאַסטישע גן־עדנס, ווייַסע פֿייגל מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגלען האָבן געהיט דעם אונטערשייד צווישן גוטס און בייז.

איך האָב ניט געהאַט קיין סיבה צו צווייפֿלען אין איינגעשטעלטן סדר. מיין טאַטנס וואָרט און מיין מאַמעס טרער זענען געווען די מאָס אין וועלכער איך בין געוואַקסן. מיין וועלט איז געווען אַ פּאַרטיק בילד, און איך האָב רעאַגירט צו די פֿאַרבאַשטימטע קאָלירן און ניואַנסן אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן. פּונקט ווי די זון איז אויפֿגעגאַנגען יעדן פֿרימאָרגן אונטער אונדזער שטאַל, און אין אָוונט זיך געזעצט פּונקט ביי יענעם בוים וווּ מיין פֿאָטער האָט פֿריִער אָנגעוויזן מיטן פֿינגער, אַזוי האָב איך געקירעוועט מיינע טריט אין דער ראַם פֿון בילד, געגאַנגען אין ליכט און אויסגעמיטן דעם שאָטן. אויסער דער ראַם פֿון מיין לעבנסבילד בין איך קיין מאָל אין ערגעץ ניט געגאַנגען. דאָס הויז וווּ איך בין געבוירן און געוואַקסן איז געווען מיין איינציקע פֿעסטונג. איבערן הויז איז געווען אַ דאַך, און איבערן דאַך אַ הימל — אַ ראַם איבער אַ ראַם, אַ טאָפּלטע פֿאַרזיכערונג קעגן די ניט־גוטע וואָס האָבן געלויערט אין הינטערגרונט פֿון בילד. ווען מיין פֿאָטער פֿלעגט אין אָוונט פֿאַרשפּאַרן דעם טויער, בין איך געווען זיכער אַז מיר קאָן קיין בייז ניט געשען. האָבן די שקצים אויף יענער זייט טייַך זיך געמעגט שטעכן מיט מעסערס, דער ווינט האָט געקאָכט וואָיען, דער וואַלד האָט געמעגט זיין גיהנומדיק שוואַרץ, האָט עס מיך ניט אָנגעהויבן צו אַרן. איך בין געווען זיכער אַז דער אינהאַלט וואָס האַלט די ראַם קאָן בייַשטיין אַלע פֿינצטערע כּוחות.

און אפֿשר ווייַל איך האָב אַזוי שטאַרק געגלייבט אין דער רעאַליטעט פֿון סדר, געגלייבט אין דער בוכהאַלטעריע פֿון גוטס פֿאַר גוטן און שלעכטס פֿאַר שלעכטן, געגלייבט אין ווערטער, אין רייד וואָס האָבן געשטיצט דעם דאָזיקן באַגריף, אפֿשר טאַקע צוליב דעם, האָב איך אויפֿגעהערט צו רעדן.



מיט דער חיה אין וואַלד זענען רייד געווען איבעריק. קיין מעשׂיות האָט זי ניט דערציילט. זי האָט מיך געלערנט די קונץ פֿון איבערלעבן, און איך בין נאָכגעגאַנגען אירע וועגן — דאָס מויל פֿאַרמאַכט און די אויגן אָפֿן. איך האָב זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרדעכטיקן יעדן מינדסטן שאָרך, די דינסטע וויבראַציע פֿון מיילן אַוועק. דאָס לעבן אין וואַלד האָט פֿאַרשאַרפֿט מיינע חושים, ביז איך האָב געקענט אונטערשיידן צווישן יעגער און געיאָגטן, אָנניוכען דעם ריח פֿון חיה און מענטש.

איך האָב נאָכגעפֿאָלגט דער וועווערקע אויפֿן וועג צו די רייַכע נוס־ביימער. די וועלדער אין יענער געגנט זענען פֿול געווען מיט ניס, די ווע־ווערקעס — פֿעט, אויסגעפּאַשעט. איין מאָל האָט אַ בליץ אונטערגעצונדן אַ בוים און פֿאַרברענט אַזאַ גאַנצע משפּחה. דעם טעם פֿון יענע פֿאַר־סמאַליעטע חיהלעך געדענק איך נאָך ביז היינט. דאָס פֿעטס איז אָפּגערונען. איך האָב גענאָגט דעם מאַרך פֿון די פֿאַרברענטע ביינדלעך און געפֿילט ווי דער כּוח פֿון זייערע געוועזענע לעבנס גיסט זיך איבער אין מיינע אָדערן, פֿילט מיך אָן מיט גבֿורה. די פֿרישע ענערגיע שפּרודלט אין מיר, טרייַבט מיך פֿון בונקער, פֿון וואַלד. איך בין שטאַרק גענוג זיך צו שטעלן קעגן מערדער אַף ווי שמשון־הגיבור — אומקומען אין פֿאַרמעסט.

אין אַזעלכע לויטערע מינוטן פֿלעגט דער ריח פֿון מיין מוטערס לייַב זיך פֿאַרשפּרייטן אַרום מיר. איר הויט האָט געשמעקט ווי פֿערפֿעלעך גע־פּרעגלט אין אייל און אין האָניק. איך געדענק ווי גוט מיר איז געווען צו וויינען אויף איר ברוסט. „קינדישע טרערן גייען ניט לאיבוד״, פֿלעגט זי זאָגן. „אומשולדיקע טרערן געפֿינען אַ וועג צום כּסא־הכּבֿוד, צו גאָט״.

מיינע לעצטע טרערן האָבן איך ניט געוויינט פֿאַר גאָט. איך האָב גע־וויינט פֿאַר אונדזער גויִשן פּאַכאָליק טעמקע. איך האָב געוואָלט ער זאָל מיינע עלטערן צו קבֿורה ברענגען. מיינע לעצטע טרערן האָב איך פֿאַר אים אויסגעגאָסן, זינט דעמאָלט האָב איך קיין מאָל מער ניט געוויינט.

איך ווייס ניט פֿאַר וואָס מיר איז אַזוי געגאַנגען אין לעבן צוצודעקן מיינע טאַטע־מאַמע מיט דער ערד פֿון ייִדישן בית־עלמין. היינט איז דאָס הייליקע אָרט פֿאַרגאָסן מיט צעמענט. אַ קולטור־צענטער האָט מען דאָרט אויפֿגעשטעלט. דער דאַך — רויט געפֿאַרבט. שפּילפּלעצער, אָפּרו־גערטנער, טעמקעס שרצים זאָלן האָבן וווּ צו הוליען. און איך האָב געגלייבט אַז נאָר

דורך יענעם בית־עולם וועלן זייערע נשמות גרייכן די הויך וואָס דער מענטשלעכער גייַסט האָט אויספּאַנטאַזירט.

נאָך יענער לעצטער אַקציע, אין וועלכער מײַנע עלטערן זענען אומגעקומען, האָב איך איבערגעלאָזט טעמקעס שטאָל און בין אַוועק אין וואַלד אַריין. די פינצטערניש, וואָס האָט מיך אַ מאָל געשראָקן, איז איצט געוואָרן מײַן שוץ. זי האָט מיך פאַרשטעלט און אויסבאַהאַלטן און פאַר קיינעם דעם סוד ניט אַנטפּלעקט. דער ווינט האָט מײַן ריח מיט די וואַלד־ריחות פאַרמישט. דער רעגן האָט מײַנע טריט פאַרוואַשן. איך בין נאָכגעגאַנגען דער חיה און אויסגעמיטן דעם מענטש. דער ווינט האָט מיר געבראַכט דעם ריח פון יאַגדעס, פון אַ טויטן פויגל, די פוילנדיקע רעשטלעך פון אַ פאַרצוקטער חיהלע. אונטערן צודעק פון דער נאַכט בין איך נאָכגעגאַנגען דעם ריח. דער הונגער האָט מיך געטריבן און דער וואַלד האָט מיך אויפגענומען אָן טרערן, אָן ווערטער. ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַן אומפאַרזענלעכן גלײַכגילט, מיט אַ נאַקעטן, אויפריכטיקן, גרויזאַמען אמת. פאַרן ווערעמל אין גראָז, פאַרן קראָליק אין צווייַגגעפלעכט, פאַרן בוים, פאַרן שטערן, פאַר די ביס, און פאַר מיר — איין און דעם זעלביקן אמת.

אין אַזעלכע מינוטן פון טיפסטער דערקענטעניש פלעג איך צומאַכן די אויגן אָן שרעק און אַפילו אָן טרויער. פאַרוועבט אין דעם אומפאַרזענלעכן וועג פון דער נאַטור, פלעגט אַפילו דער גוף מיך פאַרלאָזן, ביז דער ווינט האָט זיך אַ ריר געטאָן און איך בין צוריק אַרונטער אין גרוב.

ווען מ׳האָט מיך אַנטדעקט און צוריקגעבראַכט צווישן מענטשן, האָב איך שוין אויף אַן אמת רעדן ניט געקאָנט. איך האָב אַפילו געמיינט אַז איך בין טויב, באַזונדערס צו די רייד פון מענטשן. אָבער דאָס איז בלויז געווען אַזאַ געוווּנטשענער געדאַנק ניט צו דאַרפן הערן און באַנעמען די אומגעלומפּערטקייט פון בראָך. איך האָב מיטן אויג געזוכט אַן ענטפער, מיט די נעגל אין מיסט זיך געראָיעט. איך האָב געזופט דעם שטויב, באַטאַפּט די שטיינער. איך האָב געזוכט די סטעזשקע צו דעם הויז ווו איך בין געבוירן, ווו מײַן וויגל איז געשטאַנען. איך האָב געזוכט די שטאָל אונטער וועלכער די זון פלעגט אַ מאָל אויפגיין. איך האָב געזוכט מײַן מוטערס האָניק־ריח אין די בערג מיט אַש. אַפילו דער הימל איז שוין מער ניט געווען. דער האָריזאָנט אָפּגעברענט, קיין צענטער, קיין אָנהאַלט, קיין ענטפער, קיין זין.



איך האָב געזוכט און געזוכט ביז דער ווייטיק האָט געפּלאַצט, און איך האָב אָנגעהויבן צו לאַכן. די מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט מיר, האָבן מיך גענומען צו אַ דאָקטער. ער האָט מיך באַטראַכט, מיר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, אין האַרץ, אין דער נשמה און באַשלאָסן אַז איך נויטיק זיך אין רו. אַבסאָלוטע רו און גוטע פלעגע, האָט ער געזאָגט, וועלן אײַנשטילן מײַנע נערוון און איך וועל ווערן צוריק נאָרמאַל.

איך בין זיכער אַז יענער דאָקטער האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט. אַ ייִדישער דאָקטער אין רוסישן מונדיר. נאָר בײַ מיר האָט דאָס וואָרט נאָרמאַל ערגעץ ווו זיך פאַרטשעפּעט, אָנגערירט דעם וואָרצל פון מײַן קרענק. פאַרחתמעטע שליוזעס פון באַגראָבענעם פײַן האָבן אויפגעריסן, פײַערכוואַליעס פון צעשמאָלצענעם צאָרן, פון שאַנד, פון דערמאָרדעטער האָפענונג זענען איבערן ווערך אַריבער און פאַרגאָסן די אויבערפלאַך מיט אַ ספּאַזמאַטישן געלעכטער. איך האָב געלאַכט ביז די פלאַמען האָבן מײַן אָטעם דערשטיקט און איך בין געפאַלן אין חלשות. דעמאָלט האָט דער דאָקטער מיר געגעבן דעם ערשטן אײַנשטעך.

מיר איז אָנגעקומען שווער זיך צו געזעגענען מיטן בית־עולם. ניט נאָר מיטן ממשותדיקן, נאָר אויך מיט דעם טיכטיק־געמאַכטן, וויסנשאַפטלעך־אויסגעפירטן, אינסטענטאַנעם בית־עולם פון מײַן סדר־וועלט, מיט די קוימענס פון געוועזענע היימען, מיט אַ פאַריתומטער וואַנט. איך האָב זיך ניט געקאָנט שיידן מיט די בערג מיסט, מיט דער ליימענער פּריזבע ווו מײַן חברטע רויזע האָט אַ מאָל געוווינט. די פּריזבע האָט נאָך אַוודאי געדענקט די ייִדישע לידער וואָס מיר פלעגן דאָרט זינגען. און אויב די ליימענע פּריזבע האָט ניט געדענקט, האָב איך אָבער ניט געקאָנט פאַרגעסן. איך האָב ניט געקאָנט פאַרגעסן רייזיע פּלטיאלס גאָלדענעם צאָן, דורך וועלכן זי פלעגט דורכזיפן אירע אַנדולירטע אָקטאַוועס. רייזיע איז געווען דאָס איינציקע מיידל אין שטאָט וועלכע האָט געקאָנט אויסזינגען אַידאַ, מיט אַלע דריידלעך און טרעלן, ווי אַן אמתער אָפּערע־שטערן. אירע אויסגעקינצלטע ליבעלידער האָבן ווי תּפילות זיך אויפגעהויבן און אַריבערגעטראָגן צו דעם הויז אויפן באַרג ווו יאָסעלע האָט געוווינט. זי און איך האָבן געוווּסט אַז יאָסעלע שטייט בײַם פאַרמאַכטן הינטער־טויער, קוקט אַרויס דורך די שפּאַרונעס. ער קלעטערט אויף די טורעמדיקע הויכן פון איר געזאַנג, איגנאָ־

רירט די געפֿאַר פֿון די אָפֿענע תּהומען. ער שוועבט אויף די טענער פֿון רייזיעס געזאַנג, פֿלאַטערט אין פֿאַנטאַזיעס פֿון איר שיר־השירים. יאָסל ווייסט אַז זײַן טאַטע, דער רייכער שניטקרעמער, וועט מיט רייזיעס טאַטן דעם בעל־עגלה זיך קיין מאָל ניט משדך זײַן. רייזיע אָבער האָט געהאַט איר אייגענעם חשבון. זי האָט זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן דראַנג פֿון אירע געפֿילן, אויפֿן כּוח פֿון איר קוש וואָס זי טיילט מיט אים אין סעדל, אונטערן צודעק פֿון דער נאַכט.

די עפּלביימער אין רייזיעס סאָד זענען געבליבן. זיי געדענקען אפֿשר דעם פֿאַרליבטן פּאָרלס לעצטן קוש. אפֿשר אַ טרער פֿון רייזיעס ברוינע אויגן, אַ זיפֿץ וואָס ציטערט מיט די בלעטער אויפֿן ווינט.

איך זיץ אויף דער פּריזבע, שאָטנס זאַמלען זיך אַרום מיר. זיי שפּרייטן זיך אויס בײַ מײַנע פֿיס, וויקלען זיך אַרום מײַן האַלדז, מײַן האַרץ, מײַנע געדאַנקען, און ווײַל איך האָב זיי געגנבֿט וואָס צו זאָגן, הייב איך אָן צו לאַכן. איך לאַך קעגן מײַן ווילן, קעגן מײַן פֿאַרשטאַנד. איך לאַך ביז איך שטעך זיך אַרײַן אַ נאָדל, און רעד זיך אײַן אַז איך בין נאָרמאַל.

שאָטנס גייען און קומען, נאָר מײַן חבֿרטע רויזע איז שטענדיק מיט מיר. מיר רעדן אָן ווערטער, ווי דער טײַך וואָס לויפֿט אונטערן באַרג, לויפֿט מיטן זעלבן אימפּעט גלײַך ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט. אויך מיר מײַדן אויס דעם קריעה־ריס וואָס טיילט אונדז פֿונאַנדער, דעם ים מיט בלוט, דעם באַרג מיט אַש.

אונטערן באַרג איבער יענער זײַט טײַך ציִען זיך פֿעלדער, רײַפֿע ווייצן כוואַליען זיך אין ווינט, גלײַך ווי דער נעכטן האָט אין גאַנצן ניט פּאַסירט. געגנדז און קאַטשקעס שווימען אויפֿן טײַך, פֿילן אָן די לופֿט מיט פֿאַרשײַטע קולות. פֿאַר נאַכט שפּרייטן זיי אויס די פֿליגלען, טרייסלען אָפּ דאָס וואַסער און קערן זיך אום אַהיים. אויך די גויִעטעס וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אַרום פֿלאַקס, אויסגעלייגט די סנאָפּעס אין פֿלאַכן וואַסער, זיי אײַנגעדעקט מיט שיטערער בלאָטע, וואַשן זיך איצט די פֿיס און קערן זיך אום אַהיים. אויף יענער זײַט טײַך שטייט דאָס דאָרף ווי דער נעכטן האָט קיין מאָל ניט פּאַסירט. פֿון די גויִישע קוימענס וויקלט זיך אַ רויך, דאָרטן גרייט מען וועטשערע. מאַמעס רופֿן קינדער. ערגעץ דאָרט אונטער אַ שטרויענעם דאַך ווינט טעמקע. אין זײַן שטאַל שטייען אונדזערע קי, דאָס פֿערד אויף וועלכן



איך האָב אַ מאָל געריטן. אונדזער גאַנצן האָב־און־גוטס האָט ער איבערגעפֿירט צו זיך פֿאַר דער פּריווילעגיע וואָס ער האָט מיך געלאָזט איבערווינטערן אין זײַן שטאַל. ער האָט צוגענומען דער מאַמעס גאָלדענע קייט און דעם טאַטנס זייגער. אין דעם פּסחדיקן געשיר, אין וועלכן מײַן מאַמע האָט זיך אַזוי געשפּיגלט, קאָכט איצט טעמקע זײַנע טריפֿהנע פּאַטראַוועס.

איך דערצייל ניט רויזען וועגן דעם. איך דערצייל איר אַפֿילו ניט אַז יענעם ווינטער וואָס איך בין געלעגן בײַ טעמקען אין סטאָדאָלע האָט ער מיך פֿאַרגוואַלדיקט. מיט רויזען רעד איך אַן אַנדער לשון, דירעקט, אָן ווערטער, פֿון האַרץ צו האַרץ רעדן מיר. מיר קוקן נאָך די דינע פֿלאַקספֿעדעם וואָס פֿלאָנטערן זיך אין דער לופֿט. זיי וויקלען זיך ווי נערוון פֿון צעריסענע לײַבער וואָס זאָגן זיך אָפּ צו שטאַרבן, די פֿעדעם לויפֿן ווי געדאַנקען. די נאַכט פֿאַלט צו. נאָר מיר האָבן ניט וווּהין צו אײַלן. מיר קוקן נאָך די פֿייגל וואָס הייבן זיך אויף פֿון די פֿעלדער. מיר שעלטן ניט די פֿעלדער, די שוואַרצע ערד, פֿעט מיטן בלוט פֿון אונדזער דערמאָרדעטער וועלט. מיר רעדן ניט פֿון הײַנט, מיר שטעקן אין נעכטן. טיף פֿאַראַנקערט אין יונג־מיידלישע חלומות, אין ליבעס וואָס מיר וועלן פֿירן ווען מיר וועלן גרייכן דעם עלטער פֿון רייזיעס פֿלטיאלס.

מיר רעדן וועגן בומקען, דעם בחור מיטן שוואַרצן שויבער. זי גלייבט נאָך אַלץ אַז ער דרייט זיך אין אונדזער גאַס, אייגנסט צוליב איר. איך אָבער ווייס אַז דאָס צי איך אים צו. איך זע אים אויך איצט אין פֿאַרטריקנטן סעדל. דער ווינט שפּילט מיט זײַנע צעפּלאָשעטע האָר. איך פֿיל זײַן בליק און מיר ווערט הייס. מיר דאַכט אַז ער ווייסט וואָס טעמקע האָט מיט מיר געטאָן. און אפֿשר טראַכט ער אַז איך בין טמא? איך קאָן אויף אים קיין פֿאַראיבל ניט האָבן. ער איז אין וואַלד ניט געווען. נאָך אַלעמען, ער איז נאָך אַלץ אַזוי יונג, מער ווי פֿופֿצן יאָר וועט ער שוין מער קיין מאָל ניט אַלט זײַן.

מיר רעדן ביז שפּעט אין דער נאַכט, מיר רעדן ביז אין דער פֿרי. מיר רעדן און רעדן. מיר רעדן וועגן ישׂראל, וועגן די חלוצים וועלכע זענען שוין עולה געווען, יענע וועלכע קלייבן זיך ערשט צו פֿאָרן. מיר ברענען מיטן פֿײַער פֿון די רעדעס וואָס ווערן געהאַלטן אין דער גרויסער שול. און כאָטש מיר פֿאַרשטייען ניט די פּאָליטיק מיט די ענגלענדער, גלייבן מיר אָבער דעם פֿײַער פֿון דעם רעדנערס רייד. מיר זענען אַ טייל פֿון יענעם פֿײַער

וואָס האָט פאַרכאַפּט אונדזער וועלט, די לאַווע וואָס זוכט דאָס מויל פון וווּלקאַן. מיר גלייבן אין דער ווײַסבלויער פאָן, אין די העברעיִשע לידער, אין דער הכשרה, אין קיום פון אונדזער פאָלק. מיר גלייבן און מיר גלייבן.

רעדן מיט די שאָטנס איז געוואָרן מײַן לעבנסשטייגער. איך האָב איבערגעטראָגן די געוווינהייט איבערן ים. איך קוק אויף די שטערן וואָס זענען שוין פון לאַנג פאַרלאָשן אָבער פאַר מיר שײַנען זיי נאָך מיטן ערשטן פײַער פון באַשאַף. מיך אַרט ניט אַפילו וואָס דער הימל זאָגט ליגן. איך נעם אָן דעם פאַקט צוזאַמען מיט דער פאַנטאַזיע. איך זוך ניט דעם אמת. איך זוך דעם גלויבן וואָס איך האָב פאַרלוירן, אַ וועג וואָס פירט אַרויס פון כאַאָס, אַ קלימאַט ווו אײַנצופלאַנצן מײַן צעבראָכענעם איך. איך ווייס די טריפֿהנע כּוחות וואָס ווינען אין מענטשן און פּרוּוו זיי ניט צוצודעקן מיט שיינע רייד. איך נעם זיך ניט אַרויס פון כּלל. איך לעב בלויז אַ ביסל אָפּגערוקט, אין אַ זײַט. איך לעב ווי אַ פרעמדע אין מײַן אייגענער וועלט. איך לעב מיט די שלאַנגען און עקדישן, מיט די שוואַרצע פּיאַווקעס אין מײַן מאַרך, אין מײַן בלוט.

איך לעב מיט מײַן גאָרטן וואָס הינטער מײַן הויז. צווישן די שטיינער וואָס איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך וואַקסן בלומען. איך רוף די בלומען מיט די נעמען פון די וואָס קיינער רופט שוין ניט מער. די בלומען ברענען ווי יאָרצײַטליכט, יעדער נאָמען אין זײַן סעזאָן. מײַנע עלטערן וואָס זענען אומגעקומען אין ווינטער הייבן זיך אַרויס פון שניי מיט זייערע רויטע, טערפּקע, בלוט־פאַרגאָסענע יאַגעדע־פינגער. איך האָב הנאה צו זען ווי הונגעריקע פייגל פּיקן אויס די יאַגעדעס איינס נאָך איינס. מיר דאַכט אַז מײַן מאַמעס ווײַסע פינגער האַלטן אונטער די פּירות כּדי די פייגל זאָלן זיי בעסער זען. אויך זי האָט הנאה וואָס פייגל עסן פון אירע הענט.

די ערשטע בלום וואָס ברעכט דורך דעם ווינטערדיקן פאַנצער הייסט רויזע. זי באַווײַזט זיך ווי אַ נאַרציס — ווײַס, שלאַנק, און שעמעוודיק. די רײַכע פאַרפיומען פון איר ריינער נשמה שענקט זי אַוועק דעם ווינט. טייל מאָל ליגט נאָך דער שניי בײַ אירע פיס, זי אָבער האַלט אויס דעם ביטערן וועטער. איר יונגער האַלדז הויך, אָנגעצויגן מיט די זאַפטן פון איר יוגנט. אַ מאָל דויערט זי אַ טאָג, אַ מאָל אַ וואָך, נאָר דער קערן טיף אין דר'ערד בלײַבט אײַנגעפלאַנצט ביז זי וועט צוריקקומען. זי ווייסט אַז איך וואַרט.



די זומערבלומען האָבן ניט קיין באַשטענדיקייט בײַ מיר. זיי בײַטן די אַסאָציאַציעס לויט מײַן שטימונג פון טאָג. איז דער הימל לויטער, לאַכט די גלאַדיאָלע מיט מײַן קוזינע גיטלס סענסועלן געלעכטער. איר ראָזעווער בעכער, רויט געזוימט, דערמאָנט מיך אין גיטלס האַלב־אָפענע ליפּן, שטענדיק הונגעריק זיך צו פּרוכפּערן און צו מערן. צו צוואַנציק יאָר איז גיטל שוין געווען אַ מאַמע פון צוויי פּאָר צווילינגס. בעת זי זייגט אָן דאָס קינד, טרינקען זיך אירע מחשבות אין שיכּורע קוואַלן. זי האַלט אירע גרויע אויגן אַראָפּגעלאָזט, זי שעמט זיך אויפצוהייבן איר בליק מ'זאָל ניט דערקענען אירע געדאַנקען. און אפשר בעט זי צו גאָט ער זאָל איר מוחל זײַן די זינד, וואָס זי טראָגט צו איר מאַן אַזעלכע הייסע באַגערן. מען דערציילט אַז בײַם סאַמע סוף איז זי אויך געווען שוואַנגער. אַ דײַטש האָט איר אַרײַנגעשאָסן אַ קויל אין בויך און זי ליגן געלאָזט אין גאַס מיט אַרויסגעלאָזטע קישקעס. אַזוי אויסטערליש איז דאָס בילד געווען אַז די פּויערים וואָס זענען יענעם זונטיק געגאַנגען פון קלויסטער האָבן פון שרעק זיך איבערגעצלמט. אין געדאַנק הייב איך זי אויף און טראָג זי אַוועק ווײַט פון מענטשלעכע אויגן. איך טראַכט אַז ווען אַ וואָלף אין וואַלד וואָלט אויף איר שפּור געקומען, וואָלט ער זי אַוודאי פאַרצוקט. אַ קאַניבאַל וואָלט אַ סעודה געפּראַוועט. דער סופּער־ציוויליזירטער מערדער האָט זי אין גאַס געלאָזן, די וועלט זאָל זען וואָס ער קאָן טאָן.

איך זיץ אין מײַן גאָרטן, שאָטנס שלײַכן זיך אַרום מיר. אַ שמייכל, אַ זשעסט שווימט אויף אין זכּרון. ניט קיין ציפערן, נאָר לעבעדיקע מענטשן, יעדער מענטש אַן אוניקום. אין דער רײַכער ערד פון מײַן גאָרטן בליִען זייערע פאַרשניטענע לעבנס. נשמה־שוועסטערלעך מיט פיאָלעטע אויגן, בלויע פאַרגעס־מיך־ניט, מאָן־בלומען רויט ווי פאַרגליווערט בלוט. ווײַסע רויזן באַלאַגערט פון מערדערשע קלעטערפלאַנצן וואָס שטיקן און נערן זיך פון זיי. בײַ דער זײַט פון נעכטן בליט אַ הײַנט, און אָפט מאָל פיל איך אַז עס וואַקסט אויך אַ מאָרגן.

יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך אין אַ באַשטימטן פּנים, פאַרזעץ איך אַ בלום. איך פאַרפּיעשטשע ניט מײַנע בלומען מיט סינטעטישער שפּײַז. מײַנע בלומען מוזן אויסקומען מיטן רויען עלעמענט. פרײַ פון אילוזיעס, זעלבסטבאַוווּסט, פאַרלאָזן זיי זיך אויף קיינעם ניט, אַחוץ אויף זיך אַליין.

זיי נעמען די בראַנד פון דער זון, די שפּע פון רעגן, דעם האָגל, דעם הוראַגאַן. זיי ווייסן די קונץ פון צופּאַסן זיך און איבערלעבן.

טייל מאָל ווען די שטורעמס פאַרפעלן צו קומען און די שטעכלקעס אויף מײַנע רויזן ווערן שלאַף פון פּאַסיווקייט, דעמאָלט באַפאַלט מיך אַ שרעק. אין מײַן פאַרצווייפלונג רוף איך אַרויס מײַן אייגענעם שטורעם. וועק אויף די שאָטנס מיט מײַן שטומען געוויין, מיט מײַןווילדן געלעכטער. איך לאַך, און איך שטורעם, און מיר דאַכט אַז דער ווינט שטורעמט מיט מיר מיט.



# פאַקיסאַנדראַ

ווער עס האָט געקענט פאַקיסאַנדראַן האָט געוווּסט אַז זי האָט אַ טבע צו רעדן צו זיך אַליין. איר ציגלברוין פּנים האָט ניט געגעבן דעם מינדסטן אָנדײַט וועגן וואָס זי רעדט. איר אויסדרוק איז פאַרבליבן האַרט, פאַרשלאָסן, די הויט אָפּגעצויגן איבער אירע שאַרפע קינבאַקן, די אויגן פאַרשאָטנט אונטער די ראַנדן פון איר שטרויענעם הוט וואָס זי האָט קיין מאָל פון קאָפּ ניט אַראָפּגענומען.

באַלד אין דער פרי, ווי נאָר פאַקיסאַנדראַ האָט געעפנט די אויגן און זיך דערמאָנט ווער און ווו זי איז, האָבן זיך אירע ליפּן גענומען באַוועגן. דאָס זענען ניט געווען סתּם ווערטער; זי האָט געחזרט פּסוקים פון דער ביבל. דער ערשטער פּסוק וואָס איז איר געקומען אויפן זינען, אַרײַנגעדרונגען אין איר געמיט, איז שוין פאַרבליבן מיט איר כּדי צו חזרן און איבערחזרן דעם גאַנצן טאָג.

פאַקיסאַנדראַ האָט ניט געקליבן איר מאַטעריאַל. בילדער פון דער ביבל באַגלייט מיטן טעקסט האָבן פאַרפלייצט אירע רעיונות, זיך צוגעפּאַסט צו איר שטימונג וואָס איז געקומען אַ מאָל לויטן אָנרעג פון וועטער, אַ מאָל נאָך אַן איבעררייד מיט איר זון טאָם, אָדער גאָר פון אַ ווײַטערן, טיף פאַגאַנישן ירושה־קוואַל, וועמענס מקור זי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט דערגיין.

פאַקיסאַנדראַ האָט געגלייבט אין די הייליקע אָבות פון אַלטן טעסטאַמענט. זי האָט געוווּסט, אַז זיי זענען אויף איר זײַט, שוין דערפאַר ווײַל זיי קומען צו איר אָן שום צוגרייטונג, אָן שום געבעט. פון דער טיפעניש פון איר געמיט קומען זיי, פילן אָן איר צימער, זעצן זיך אויס אויפן בעט, גיבן איר עצות וואָס צו קאָכן, וואָס צו עסן. ווען זי לאַכט, לאַכן זיי מיט איר, ווען זי וויינט, וויינען זיי מיט איר, זיי נעמען זי אַרום ווי אַ גדר פון רויזן, היטן און באַשיצן איר פּריוואַטע וועלט.

ווען איר געדאַנק איז פאַרנומען מיט טעגלעכע זאָרגן, זענען די בילדער אָפּגערוקט. געשטאַלטן ציִען ווי אונטער אַ זילבער־וואָלקן. זי זעט אַבֿרהמס קאַראַוואַן אויפן ברעג פון מדבר: מוטער שׂרה, אַרומגערינגלט מיט אַ סוויטע

בלומע לעמפעל

# אַ רגע פון אמת

דערציילונגען

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשמ״א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*
*A REGE FUN EMES*

©
כל הזכויות שמורות למחברת

**I.L. Peretz Publishing House**
**31, Allenby Str., Tel-Aviv**
**פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31**

**Printed in Israel 1981**
**נדפס בישראל, תשמ"א**

**נסדר בלינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א**
**נדפס בדפוס מ. ערבה, רח' לבנדה 36, ת"א**

זיי נעמען די בראַנד פון דער זון, די שפּע פון רעגן, דעם האָגל, דעם הוראַגאַן. זיי וויסן די קונץ פון צופּאַסן זיך און איבערלעבן.

טייל מאָל ווען די שטורעמס פֿאַרפּעלן צו קומען און די שטעכלקעס אויף מײַנע רויזן ווערן שלאַף פון פּאַסיווקייט, דעמאָלט באַפּאַלט מיך אַ שרעק. אין מײַן פֿאַרצווייפלונג רוף איך אַרויס מײַן אייגענעם שטורעם. וועק אויף די שאָטנס מיט מײַן שטומען געוויין, מיט מײַן ווילדן געלעכטער. איך לאַך, און איך שטורעם, און מיר דאַכט אַז דער ווינט שטורעמט מיט מיר מיט.



# פּאַקיסאַנדראַ

ווער עס האָט געקענט פּאַקיסאַנדראַן האָט געוווּסט אַז זי האָט אַ טבע צו רעדן צו זיך אַליין. איר ציגלבֿרוין פּנים האָט ניט געגעבן דעם מינדסטן אָנדײַט וועגן וואָס זי רעדט. איר אויסדרוק איז פֿאַרבליבן האַרט, פֿאַרשלאָסן, די הויט אָפּגעצויגן איבער אירע שאַרפּע קינבאַקן, די אויגן פֿאַרשאָטנט אונטער די ראַנדן פון איר שטרויענעם הוט וואָס זי האָט קיין מאָל פון קאָפּ ניט אַראָפּגענומען.

באַלד אין דער פרי, ווי נאָר פּאַקיסאַנדראַ האָט געעפנט די אויגן און זיך דערמאָנט ווער און ווו זי איז, האָבן זיך אירע ליפּן גענומען באַוועגן. דאָס זענען ניט געווען סתם ווערטער ; זי האָט געחזרט פּסוקים פון דער ביבל. דער ערשטער פּסוק וואָס איז איר געקומען אויפן זינען, אַרײַנגעדרונגען אין איר געמיט, איז שוין פֿאַרבליבן מיט איר כּדי צו חזרן און איבערחזרן דעם גאַנצן טאָג.

פּאַקיסאַנדראַ האָט ניט געקליבן איר מאַטעריאַל. בילדער פון דער ביבל באַגלייט מיטן טעקסט האָבן פֿאַרפּלייצט אירע רעיונות, זיך צוגעפּאַסט צו איר שטימונג וואָס איז געקומען אַ מאָל לויטן אָנרעג פון וועטער, אַ מאָל נאָך אַן איבעררייד מיט איר זון טאָם, אָדער גאָר פון אַ ווײַטערן, טיף פּאַגאַנישן ירושה־קוואַל, וועמענס מקור זי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט דערגיין.

פּאַקיסאַנדראַ האָט געגלייבט אין די הייליקע אָבות פון אַלטן טעסטאַ־מענט. זי האָט געוווּסט, אַז זיי זענען אויף איר זײַט, שוין דערפֿאַר ווײַל זיי קומען צו איר אָן שום צוגרייטונג, אָן שום געבעט. פון דער טיפֿעניש פון איר געמיט קומען זיי, פּילן אָן איר צימער, זעצן זיך אויס אויפן בעט, גיבן איר עצות וואָס צו קאָכן, וואָס צו עסן. ווען זי לאַכט, לאַכן זיי מיט איר, ווען זי וויינט, וויינען זיי מיט איר, זיי נעמען זי אַרום ווי אַ גדר פון רויזן, היטן און באַשיצן איר פּריוואַטע וועלט.

ווען איר געדאַנק איז פֿאַרנומען מיט טעגלעכע זאָרגן, זענען די בילדער אָפּגערוקט. געשטאַלטן ציִען ווי אונטער אַ זילבער־וואָלקן. זי זעט אַבֿרהמס קאַראַוואַן אויפן ברעג פון מדבר : מוטער שׂרה, אַרומגערינגלט מיט אַ סוויטע

דינסטן, רײַט אײַנזײַטיק אויף אַ קלײנעם אײזעלע. ווײַסע לײַנענטיכער הילן אײַן איר געשטאַלט. פּאַקיסאַנדראַ זעט ניט איר שײנקײט, זי פֿילט איר מלכותדיקן פּאַרנעם און פֿון גרויס יראת־הכּבֿוד פּרוּווט זי ניט אָפּצודעקן די טיכער וואָס הילן אײַן איר אינטימקײט. פֿאַר יעדן באַזונדערן בילד האָט פּאַקיסאַנדראַ אַ פּאַסיקן פּסוק. די בילדער און די פּסוקים לעבן און פֿילן אויס פּאַקיסאַנדראַס וועלט. זי האַלט די וועלט אין אַ קעמערל פֿון איר וועזן, קלײן ווי אַ שפּילקע־קעפּל און אָנסופֿיק גרויס.

פּאַקיסאַנדראַ האָט געזען פֿאַרגלײַכן צווישן איר און דער מוטער שׂרהס מזל. אויך זי האָט אָפּגעראַטעוועט איר אײנציקן זון פֿון אונטער דעם שלאַכט־מעסער וואָס ער אַלײן האָט אָנגעשאַרפֿט. אויך זי האָט אַריבערגעשפּרײַזט דעם טײַך צו אַ פֿרעמדן לאַנד. ניט אײן טײַך, נאָר אַ סך טײַכן, אַ סך ימים ביז איצט, אויף איר סאַמע לעצטן וואַנדער פֿון דרום־קאַראָלײַנאַ צום קאַלטן, פֿרעמדן ברוקלין.

פּאַקיסאַנדראַ האָט געבענקט נאָך דרום־קאַראָלײַנאַ. זי האָט געבענקט נאָך דער פֿרײַער אָפֿענער וועלט, ווי גאָט האָט זי באַשאַפֿן. יעדן אינדערפֿרי ווען זי איז געגאַנגען אײַנקויפֿן פֿאַר איר זון טאָם, האָט זי בכּיוון אָנגעלײגט וועג כּדי זיך אָנצוזעטיקן אין פּראָספּעקט־פּאַרק מיטן ריח פֿון די גראָזן, מיט די בײמער, מיטן וואַסער. זי פֿלעגט פֿאַרוואַרפֿן די פֿײגל אין פּאַרק למאַי זײ האָבן ניט אויפֿגעפּיקט די קרישקעס ברויט וואָס זי האָט פֿאַריקן אָוונט פֿאַר זײ אַוועקגעלײגט.

— וואָלט איך געהאַט צײַן, וואָלט איך גאָטס ברויט אין גאַס ניט געוואָרפֿן — האָט זי מיט זײ אײַנגעטענהט — פֿאַר אײַך האָט דער באַשאַפֿער אָנגעגרײט ניס אויף די בײמער, ווערעמלעך אין דער ערד. — פּאַקיסאַנדראַ האָט די איבערגעבליבענע ברעקלעך אַוועקגעטראָגן צום טײַך, ווו די קאַטש־קעלעך וואָס זענען קלענערע איבערקלײַבערס, האָבן עס גיך פֿאַרצערט.

— אײַך איז ווויל — האָט זי גערעדט צו די קאַטשקעלעך — קײן זאָרג, קײן דאַגות האָט איר ניט, אײַך פּלאָגט ניט דאָס געוויסן ווען איר רײַסט אַרויס דעם ביסן פֿון יענעמס מויל. איר ווײסט אין גאַנצן ניט פֿון קײן זינד, איר לעבט און לאַכט ווי איר וואָלט גאָר קײן מאָל פֿון גן־עדן ניט אַרויס, פֿון עץ־הדעת ניט געגעסן. אײַך איז גוט, דראַבנינקע. עסט, עסט, און זאָל אײַך ווויל באַקומען.



דאָס רעדן צו די פֿײגל האָט איר ניט געשטערט ממשיך צו זײַן מיטן געזאַנג וואָס האָט געזונגען אין איר, זי אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט אַ גײַסטיקער וועלט.

האָט זיך אַ מאָל געטראָפֿן און פּאַקיסאַנדראַ האָט פֿאַרגעסן אַ וואָרט פֿון דעם מאַמר וואָס זי האָט געחזרט, האָט זי געעפֿנט דאָס קײבערל, אָנגע־רירט די ביבל וואָס זי האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן, און דאָס וואָרט איז גלײַך געקומען צו איר, שוין מיטן טראָפּ און קלאַנג, ווי דער פֿריטשער אין דרום־קאַראָלײַנאַ פֿלעגט עס אויסציקלען יעדן זונטיק אין דער פֿרי.

אין דעם גרויסן אַפּאַרטמענט־הויז, ווו איר זון טאָם איז געווען דער סטרוזש, פֿלעגט פּאַקיסאַנדראַ זיך אָפּגעבן מיטן ביסל גרינס וואָס האָט באַצירט דעם אַרײַנגאַנג צום הויז. איר איז ניט אָנגעקומען שווער זיך איבערצוטראָגן אין געדאַנק צו דער ווײַטער דרום־קאַראָלײַנאַ. דאָרט האָט יעדער טראָפּן וואַסער צוריקגעצאָלט מיט שפֿע ברכה: גאָלדענע קוקורוזע, גרינער פֿעפֿער. דאָרט האָט זיך איר לעבן אָנגענומען ווי אַ זערנע אין דער ערד. דער אויפֿשטײַג און דער דורכפֿאַל פֿון אירע גרינע טעג לויפֿן איר נאָך אין חלום. פֿאַרבלאַסטע בילדער וואַכן אויף ווי נאָר זי ווערט אַנטשלאָפֿן.

אין חלום איז זי יונג, אויך טאָמס טאַטע איז יונג. זײַט־בײַ־זײַט צופֿן זײ די וואַטע אין זון פֿאַרגאָסענעם פֿעלד. זײ צײלן די בושלעך וואָס זײ האָבן אָנגעקליבן איבערן טאָג. טײל מאָל חלומט זיך איר, אַז זי וואַרט אויף טאָמס טאַטן, זי וואַרט אויף אים אין הויכן קאָרן. אַלע גלידער ציִען זיך צו אים. ער שטײט נאָענט צו איר נאָר זען זעט ער זי ניט. ער קוקט אַריבער איבער איר צו אַן אַנדערער ווײַטקײט. זי פֿילט זײַן אָטעם אויף איר פּנים. זי זעט דעם שווײס וואָס רינט פֿון הינטער זײַן ברײטן הוט, רינט אים אַרײַן אין די אויגן. ער ווישט זיך דאָס פּנים מיטן צעריסענעם העמד. זײַנע ווײַסע צײן זענען אָפּגעדעקט, שטענדיק גרײט צום לאַכן.

זײַן לצנישער געלעכטער שטראָמט אַרויס פֿון קישן. טײל מאָל גײט זײַן לאַכן איבער אין אַ געוויין. זי וויל אים טרײסטן, זוכט זי ווערטער וואָס זאָלן לינדערן זײַן צער. זי זוכט די ביבל און קאָן זי ניט געפֿינען, און ווען זי געפֿינט זי שוין יאָ, זענען אַלע בלעטער בלאַנק. אמת, אין דער צײַט פֿון איר בליִונג האָט זי פֿון דער ביבל ווייניק וואָס געוווּסט. אַפֿילו אין קלויסטער פֿלעגט זי בלויז גײן בעת די גרויסע ווינטער־יום־טובֿים. ערשט ווען מ׳האָט

טאָמס טאַטן אַהיימגעבראַכט אַ טויטן, האָט זי זיך גענומען אײַנהערן צום פּריטשערס רייד.

אויף דער צעשפּאָלטענער וויגשטול אין פּאָדערהויז פֿון איר שטיבל פֿלעגט זי זיצן מיטן קינד אויפֿן שויס, זיך וויגן אַהין און צוריק, און זוכן גאָט. די גאַנצע וועלט האָט בײַ איר איצט אויסגעזען ווי אַ מידבר און זי, הגר מיטן קינד אויף די הענט, זוכט אַ קוואַל דעם לאָגל אָנצופֿילן. און דער קוואַל איז אויפֿגעגאַנגען פֿאַר איר. און זי האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און דערזען דאָס גרויסע הויז אויף יענער זײַט פֿון די רעלסן, איבערן גרויסן גאָרטן, דאָרט ווו איר מוטער האָט אַ מאָל געאַרבעט. האָט פֿאַקיסאַנדראַ זיך געפּעדערט, גענומען דאָס יינגל אויף די הענט און איז אַוועק צום גרויסן הויז. טאָג־אײַן, טאָג־אויס איז זי אָהין געגאַנגען מיטן יינגל אויף די הענט, געטאָן וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן. אין אָוונט האָט זי זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים, צום אָרעמען שטיבל אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד.

די טיפֿע ווונדן וואָס טאָמס טאַטע האָט איבערגעלאָזן, האָט די דרום־זון אויסגעטריקנט. די יאָרן זענען געגאַנגען און טאָם איז געוואַקסן הויך און שטאַרק, אַן אָפּבילד פֿון זײַן טאַטן, ווײַבער האָבן זיך געיאָגט נאָך אים. די וואָס ער האָט אויסדערוויילט און געהייליקט דעם בונד פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט, האָט אים שפּעטער פֿאַרראַטן. זי האָט דערוועקט אין טאָמען דאָס בייזע בלוט פֿון זײַן טאַטן און געפֿירט דערצו אַז זי, פֿאַקיסאַנדראַ, זאָל שווערן פֿאַלש.

אויף דער וויגשטול אין שפּעטן אָוונט פֿלעגט זי רעדן צו גאָט. זי פֿלעגט רעדן צו אים איבער אַלע אוממעגלעכע צוימען. די זאַנפֿטע זעפֿירזווינטלעך, וואָס ווייסן אַלע פֿאַרהוילענע וועגן, האָבן אַוועקגעטראָגן איר געבעט דאָרט אַהין ווו אַלע אויפֿריכטיקע תּפֿילות דאַרפֿן און מוזן גרייכן. זי לעבט נאָך הײַנט מיטן גנאָד פֿון יענע הימלען, מיט דער ברכה וואָס לעבט אין יענער ברוינער ערד.

ווען טאָם האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ סטרוזש אין ברוקלין, האָט זי מיטגענומען אַ קעסטעלע מיט יענער ברוינער ערד. זי האָט די ערד אויסגעגראָבן פֿון הינטער דעם באַיאָרנטן נוסבוים ווו זי און טאָמס טאַטע פֿלעגן זיך טרעפֿן. קיין ניס האָט דער בוים שוין פֿון לאַנג ניט געטראָגן. שפּאַנישער מאָך האָט באַלאַגערט זײַנע צווײַגן ווי אָפּגעבליאַקעוועטע טרויערשאַלן אויף די קעפּ



פֿון אַלמנות. פֿאַקיסאַנדראַ האָט אַרײַנגעלייגט די ערד אין דעם פֿײַן־געשניצטן קעסטעלע וואָס טאָמס טאַטע האָט איר אַ מאָל געגעבן, אָנגעפֿילט מיט שאָקאָלאַד.

אין איר קעלערשטוב אין ברוקלין שטייט דאָס קעסטעלע אויף אַ פּריוואַטן אַלטאַר. זי האַלט דעם אַלטאַר פֿאַרדעקט מיט אַ ווײַסן טישטעך, אויסגעהאָפֿטן מיט קאָלירטע בלומען. אַ בילד פֿון מוטער מערי מיטן געקרייציקטן אויף די הענט. דערנעבן שטייט אַ ווײַרעך־קאַניצל און די ביבל, וואָס זי נעמט אַרויס פֿון שטרויענעם קויבערל אַזוי גיך ווי זי קומט אַרײַן אין הויז.

ווען פֿאַקיסאַנדראַן ווערט שווער אויפֿן האַרצן, שטעלט זי זיך קניִען פֿאַרן אַלטאַר. אירע אויגן זוכן אַ שטיקל פֿרײַען הימל, אַ ברעג פֿון אַ גרינעם פֿעלד. אַלץ וואָס זי קאָן זען דורך איר נידעריקן קעלער־פֿענצטערל זענען פֿיס. פֿיס פֿון מענטשן אָן פּנימער, אָן געשטאַלטן, טאָפּטשען אָן אויפֿהער, אַהין און צוריק. פֿאַקיסאַנדראַן דאַכט זיך, אַז דאָס ווילן זיי זי צעטרעטן. זיי ווילן זי פֿאַרשיטן מיטן שטאָטישן שטויב. זיי ווילן ניט איבערלאָזן קיין זכר פֿון נעכטן ווי אַ שטיין, ניט געדענקען ווער די מאַמע איז געווען.

אויך טאָמען וואַרגט דער נאָפּלשנור צו וועלכן ער איז געבונדן. ער ברומט ווי זײַן טאַטע און קריצט מיט די ציין. פֿאַקיסאַנדראַ זעט אים ווי אַ גילגול פֿון זײַן טאַטן. אויך ער האַלט אַז גאָט איז אַ ווײַסער, אַז נאָר דורך בלוט און פֿײַער וועט דער שוואַרצער געפֿינען זײַן פּלאַץ אויף דער ערד.

פֿאַקיסאַנדראַ הערט אים אויס. זי וויגט זיך אַהין און צוריק, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געזעסן אויף דער וויגשטול אין ווײַטן דרום־קאַראָלײַנאַ. עס נעמט זי אָן אַ רחמנות אויף איר זונס עלנט: אַ פֿאַרפֿײַניקטע, אויסגעהונגערטע, אויסגעליידיקטע נשמה. זי וואָלט וועלן טיילן מיט אים איר עשירות, איר גלויבן, דעם חלום וואָס געלט קאָן ניט קויפֿן, וואָס די טעלעוויזיע און דער טראַנזיסטאָר־ראַדיאָ קאָן ניט געבן. זי וואָלט וועלן אַנטפּלעקן פֿאַר אים אירע זעונגען, נאָר פֿאַקיסאַנדראַ ווייסט, אַז זי טאָר דעם סוד ניט מגלה זײַן. טאָם וואָלט אַוודאי געלאַכט פֿון איר: די אָבֿות פֿון דער ביבל האָבן שוין ניט וועמען צו באַזוכן נאָר אַן אַלטע שוואַרצע דינסטמויד פֿון דרום־קאַראָלײַנאַ, וואָלט ער געזאָגט. און ווײַל זי ווייסט וואָס ער וואָלט געזאָגט, האַלט זי די וויזיע פֿאַרשלאָסן אין זיך, היט זי אָפּ פֿון אויגן וואָס קוקן און קאָנען ניט זען,

הערצער וואָס קאָנען ניט פֿילן. דער בונד איז צווישן איר און איר גאָט, און זי מוז דעם סוד נעמען מיט זיך אין גרוב אַרײַן.

פּאַקיסאַנדראַ קוקט אַריבער איבערן געקרייציקטן צו דער נאַכט ווען טאָם איז אַרײַן אין הויז מיט אַ מעסער אין האַנט, געוואָלט זײַן ווײַב שעכטן. ער האָט זיך נאָר וואָס דערוווּסט אַז זי האָט אים פֿאַרראַטן. פּאַקיסאַנדראַ האָט זיך געשטעלט צווישן זיי ביידן. זי האָט אָנגעכאַפּט דאָס מעסער בײַ דער שאַרף.

— טרעט אָפּ! — האָט ער געשריגן — ווען ניט וועל איך אײַך ביידן הרגענען.

— דו וועסט קיינעם ניט הרגענען. — האָט פּאַקיסאַנדראַ געענטפֿערט.

טאָם האָט געזען דאָס בלוט פֿון זײַן מוטער וואָס האָט געפּלייצט פֿון איר האַנט צו דער ערד, מירטל, זײַן ווײַב, איז געלעגן אַ פֿאַרחלשטע.

— דײַן ווײַב איז אומשולדיק, איך שווער פֿאַר איר, בײַ דער הייליקער ביבל שווער איך אַז דאָס איז אַ בילבול אויסגעטראַכט פֿון אַ שונא וואָס וויל דיך אומברענגען, ווי זיי האָבן דײַן טאַטן אומגעבראַכט.

— מײַן טאַטע האָט פֿאַרטיידיקט זײַן כּבֿוד.

— דײַן טאַטע האָט גענומען אַ ליגנערס וואָרט.

— שווער! — האָט טאָם געדונערט.

— איך שווער! — האָט זי געענטפֿערט.

— בײַ דער אָפֿענער ביבל?

— בײַ דער אָפֿענער ביבל!

— בײַם כּבֿוד פֿון מײַן טאַטן?

— בײַם כּבֿוד פֿון דײַן טאַטן.

פּאַקיסאַנדראַ האָט אַרויפֿגעלייגט איר פֿאַרבלוטיקטע האַנט אויפֿן הייליקן ספֿר און געשוווירן אַ שבֿועה וואָס זי האָט געוווּסט אַז זי איז פֿאַלש.

יענע נאַכט איז פּאַקיסאַנדראַ געזעסן אין איר וויגשטול, אײַנגעהילט אין טיפֿער נאַכט. זי האָט געוואַרט און געהאָפֿט אַז איר שטראָף וועט קומען, ווי אַ בליץ זי דערשלאָגן גלײַך אויפֿן אָרט. זי האָט געוואַרט דאָס גיהנום זאָל זיך פֿאַר איר עפֿענען, די טייוואָלים מיט אָנגעגליטע צוואַנגען זאָלן בראָטן איר לײַב. אַ שלאַנג זאָל פֿון גראָז אַרויסשפּרינגען, אַרום איר האַלדז זיך אַרומוויקלען, אויף טויט זי דערשטיקן. פּאַקיסאַנדראַ האָט געעפֿנט איר



האַרץ, אויסגעשפּרייט איר נשמה אויפֿצונעמען די שטראָף. זי איז גרייט געווען צו צאָלן מיט איר לעבן פֿאַרן אָפּגעראַטעוועטן לעבן פֿון איר זון.

פּאַקיסאַנדראַ מאַכט צו די אויגן. קילע ים־ווינטלעך גלעטן איר הייס פּנים. זיי גלעטן אירע קנאָכיקע הענט, אירע באָרוועסע פֿיס. זי ציט אײַן דעם שאַל אַרום די אַקסלען, איר קאָפּ זינקט אַרונטער אויף דער ברוסט. זי זעט דעם אָלעאַנדער־בוים וואָס וואַקסט בײַם הייזל, שטייגט ווי אַ לייטער צום הימל־געוועלב. איבער דער לייטער, אויף אַ געפֿלעכט פֿון רויזן, נידערן געשטאַלטן: איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר. פֿיר פֿרויען אין ווײַסן געקליידט. זיי גייען אַראָפּ פֿון דער לייטער, באַזעצן די טרעפּלעך, די ראַמפּע. זיי אַמפּערן זיך וועגן אַן ענין וואָס איז איר באַקאַנט.

— זי האָט פֿאַרשוועכט גאָטס וואָרט — זאָגט איינע.

— זי האָט געהאַנדלט ווי אַ מאַמע — ענטפֿערט איר אַ צווייטע.

— זי האָט פֿאַלש געשוווירן.

— זי האָט געראַטעוועט איר שנור פֿון טויט און איר זון פֿון אייביקער תּפֿיסה.

— זי האָט גענוצט גאָטס וואָרט צום פֿאַלשן.

— זי האָט געהאַנדלט ווי אַ מאַמע.

— מיר אַלע זענען מאַמעס.

— ווער קאָן משפּטן אַ מאַמעס האַרץ ווען איר איינציקער זון ווערט געפֿירט צו דער עקדה?

— מײַנע צווילינגזין זענען צו דער עקדה ניט געגאַנגען, דאָך האָב איך פֿאַר זיי געטאָן וואָס ניט דער קאָפּ, נאָר דאָס האַרץ האָט דיקטירט.

— צען זין האָב איך געבוירן און אַלעמען געלאָזט צו זייער אייגענעם גורל.

בלויז די פֿערטע, די ייִנגסטע, האָט גאָרניט געזאָגט. זי האָט געלאָזט אירע באַדינערינס אויסגלעטן די פֿאַלדן פֿון איר ווײַסן קלייד. איר קאָפּ איז געווען טיף געבויגן און לויטן ציטערן פֿון די אַקסלען האָט מען געקאָנט זען אַז זי וויינט.

פּאַקיסאַנדראַ האָט געפֿילט ווי די טרערן פֿון יענער פֿאַרשלייערטער געשטאַלט רינען הייס איבער איר פּנים. זי רײַסט אויף די אויגן, זי וויל פֿאַרהאַלטן דעם חלום, אָניאָגן די בכּבֿודיקע געסט, שטעלן כּיבוד: קאַלטן

קוואַס, געבראָטענע קוקורוזע. זי וויל זיצן בײַ זייערע פיס, זיך אײַנהערן צו זייערע טענות, זי וויל אָננעמען זייער משפט, גוט אָדער שלעכט. אַרום איר די נאַכט איז שטיל און ליידיק. זי בייגט זיך אַראָפּ און קושט די טרעפּ, ווו די בכבודיקע געסט זענען אָקערשט געזעסן.

ס'איז בלויז אַ חלום! — זאָגט איר אונטער אַ געדאַנק. פּאַקיסאַנדראַ וויל די שטים ניט הערן, זי וויל און זי הערט דעם גערויש אין דער לופט וואָס זייערע פײַנע קליידער האָבן נאָך זיך געלאָזן. זי הערט דאָס געוויין פון דער יינגסטער, דער שענסטער צווישן זיי.

פּאַקיסאַנדראַ שטייט ווי אין אַ טראַנס, זי קוקט און זעט ווי דער הימל שפּאַלט זיך. זי איז ניט איבעראַשט. טיף אין דער נשמה פילט זי אַז אַזוי דאַרף עס זײַן. זי מאַכט ניט קיין פּאַרזוך דעם נס צו באַנעמען. זי זעט ווי פון אָפענעם הימל שפּאַרט אַרויס אַ פײַער־אָרעם, אויסגעשפּרייטע פײַער־פינגער זייען שטערן איבערן נאַכטיקן פעלד.

אין יענער נאַכט, אין יענער רגע, האָט אַ קוואַל זיך געעפנט, הייליקע ווערטער האָבן גענומען פליסן, גאַנצע קאַפּיטלען פון דער ביבל האָבן זי פאַרפלייצט. אירע ליפּן האָבן זיך גענומען באַוועגן. ווערטער גיסן זיך ווי פון אַן איבערגעפילטן לאָגל. אַ כאָר פון מלאָכים העלפן איר מיט.

אַ גאַנצע נאַכט איז פּאַקיסאַנדראַ געשטאַנען אונטערן אָפענעם הימל, קיין רעגנבויגן האָט זי ניט געזען. אין די טיפענישן פון איר נשמה האָט זי געוווּסט אַז הײַנטיקע נאַכט האָט זי פאַרשניטן אַ בונד מיטן אַלמעכטיקן. זי וועט חזרן די ביבל אַלע טעג פון איר לעבן. די ביבל וועט זײַן דער אינהאַלט פון איר לעבן. כל־זמן די ווערטער וועלן קוואַלן, וועט גאָט זי באַשיצן, זי און איר זון טאָם.



# אַ ניט געלייזטער פּראָבלעם

רויזעלע בלושטיין איז נאָך אַ לאַנגער נאַכט טראַכטן געקומען צום באַשלוס אַז זי מוז אים אַלץ דערציילן. זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן, זאָל ער זי אָפּגטן, פון שטוב אַרויסטרײַבן, זי לאָזן אַ שוואַנגערע אויף גאַס באַראָט.

ווי נאָר זי האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, איז איר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און איז באַלד אײַנגעשלאָפן. איר שלאָף איז, ווי אַלע מאָל, געווען אָנגעפּראָפּט מיט חלומות. עראָטיק און קאָשמאַר האָבן זיך געקייטלט, איין סיטואַציע האָט געפירט צו אַ צווייטער און זי געהאַלטן אין זייער רשות ביז אין האַלבן טאָג אַרײַן.

רויזעלע האָט ניט געהערט ווען איר מאַן הערי איז אַרויס פון הויז. אַפילו דעם קלונג אין טעלעפאָן האָט זי דערהערט ערשט ווען יענער האָט שוין אויפגעהאָנגען דאָס טרײַבל. רויזעלע איז צוריק אַרײַן אין בעט און מיט פאַרמאַכטע אויגן געזוכט דעם חלום וואָס דער טעלעפאָן האָט נאָר וואָס איבערגעריסן.

זינט רויזעלע האָט אָנגעהויבן אַרײַנצוגיין צום פּסיכיאַטער, האָט זי יעדן פרימאָרגן אויסגעלייגט אירע חלומות ווי אַ ווראָזשקע לייגט אויס קאָרטן. זי האָט געמאָסטן און געוויגן וואָס יאָ און וואָס ניט צו דערציילן. ניט אַלע מאָל איז עס איר געלונגען. דער געניטער איבערניצעווער פון נשמות האָט שוין געוווּסט ווי אַזוי אויסצומאַניען אירע אינטימע חלומות. ער האָט געבושעוועט איבער איר געמיט, זיך געראָיעט אין אירע געפילן. ער האָט אַראָפּגעטויכט צום דנאָ פון איר נשמה. זײַנע ווייכע, גליטשיקע פינגער האָבן אָנגעטאַפּט דאָס ניט דערזאָגטע, אויף אַ לשון וואָס האָט אין ווערטער זיך ניט געניייטיקט.

נאָך יעדער סעסיע האָט רויזעלע זיך צוגעזאָגט, אַז דאָס איז די לעצטע. זי קאָן ניט און טאָר אים מער ניט זען. נאָר ווען די באַשטימטע צײַט איז געקומען, איז זי ווידער אַ מאָל געגאַנגען, און ווידער און ווידער. וואָס דער קאָפּ האָט געזאָגט „ניין“, האָט דאָס האַרץ געזאָגט „יאָ“, און צווישן

בלומע לעמפעל

# אַ רגע פון אמת

דערציילונגען

פארלאג י. ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשמ״א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*

*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981
נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

# דער טויט פון מײַן מומע

אין די פריִע שעהען נאָך האַלבער נאַכט קלינגט דער טעלעפאָן גאָר אַנדערש. יעדן פאַלס האָט זיך מיר אַזוי אויסגעדאַכט ווען דער מעטאַלענער קלונג איז מיך באַפאַלן ווי אַ גזלן, דערהרגעט מײַן חלום, מיך אַרויסגעוואָרפן פון בעט. איך בין געלאָפן אין דער פינצטער דורכן לאַנגן קאָרידאָר, צו דער עסשטוב ווו דער טעלעפאָן איז געשטאַנען. איך האָב אָנגעטאַפּט דאָס טרײַבל:

— יאָ, איך הער — האָב איך אַרײַנגערעדט מיט אַ ניטדאָ־קער שטים.

איך האָב באַלד ניט געקענט אויפכאַפּן דאָס קול אויף יענער זײַט.

— ווער זאָגט איר רעדט? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— די „אָלד עידזש האָום" אויף האָוואַרד עוועניו — האָט די שטים געענטפערט.

איך האָב אָנגעטאַפּט אַ בענקל, זיך אַוועקגעזעצט, מחמת די שפּינען וואָס נעסטיקן אין פאַרבאָרגעניש זענען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך און מיט זייערע דינע, שאַרשקע פיסלעך פאַרקניפּט די לויזע נערוונגעץ. איך האָב געהאַלטן דאָס טרײַבל מיט ביידע הענט און געוואַרט.

— איר זענט אָל־רײַט, מיסעס לעמפּל? — זײַן פלומרשטע העפלעכ־קייט האָט מיך אַ ברי געטאָן. איך האָב אים געוואָלט פרעגן צי צוליב דעם האָט ער אָפּגערופן צוויי אַ זייגער פאַר טאָג? נאָר די שטימבעגדער אין מײַן האַלדז האָבן זיך פאַרהאַקט. די שטים אויף יענער זײַט נאַכט האָט ווײַטער געצויגן:

— מיר באַדויערן זייער, מיר האָבן פאַר אײַך אַ טרויעריקע בשׂורה, אײַער טאַנטע, אײַער טאַנטע, רחל האַלפּערן, איז מער ניט צווישן די לע־בעדיקע.

די היצכוואַליע וואָס האָט באַדעקט מײַן לײַב איז אַריבער אין אַ פראָסט און באַלד דאַרויף איז מיר ווידער הייס געוואָרן. מיטן טרײַבל בײַם אויער האָב איך געעפנט דאָס פענצטער. אַ קאַלטער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אויף מיר. אַן אויטאָמאָביל איז פאַרבײַגעלאָפן. אין דעם שײַן וואָס ער האָט געוואָרפן



פאַר זיך האָב איך דערזען אַז עס שנייט. דאָס גראָז אַרום הויז איז שוין געווען ווײַס.

— מיסעס לעמפּל?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

— מיר גרייטן די לוויה באַלד אין דער פרי, ווילן מיר אײַך בעטן איר זאָלט קומען אין צײַט — איך האָב אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט.

— ווען האָט דאָס פּאַסירט?

— שבת, פינף אַ זייגער אין אָונט — האָט ער געענטפערט.

איך האָב געוואָלט שרײַען, שעלטן, צאַפּן בלוט פון זײַן קילן געמיט... פאַר וואָס, פאַר וואָס האָבן זיי געוואַרט ביז צוויי אַ זייגער פאַר טאָג? פאַר וואָס האָבן זיי זי געלאָזט אויסגיין אין עלנט, אַליין?

— מיסעס לעמפּל, איך זע אַז איר זענט אויפגערעגט, איך פאַרשטיי אײַער לאַגע און וויל זיך מיט אײַך ניט קריגן. איר מוזט אָבער פאַרשטיין, אַז — —

איך האָב צוגעמאַכט דאָס פענצטער און געפּרוּווט פאַרשטיין פאַר וואָס ער רופט זונטיק, ווען זי האָט נאָך דאָנערשטיק געקראָגן דעם ערשטן האַרץ־אַטאַק. לויט ווי ער זאָגט איז איר פרײַטיק געוואָרן עטוואָס בעסער, שבת אין דער פרי איז געקומען דער צווייטער אַטאַק. זי האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המוות, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד ביז פאַר נאַכט... איך האָב מער ניט געקאָנט הערן, האָב איך אויפגעהאָנגען דעם טעלעפאָן און צוריק־געגאַנגען אין בעט אַרײַן.

מײַן מאַן און די קינדער זענען דורכגעשלאָפן דעם אינצידענט. איצט האָב איך זיי ניט געוואָלט וועקן, צו וואָס?

האָט זי געוואַרט אויף מיר, געהאָפט, אַז אָט וועל איך קומען. גאָט מײַנער, פאַר וואָס האָבן זיי ניט גערופן, פאַר וואָס האָבן זיי עס געטאָן איר, מיר?... איך האָב זיך ראַפּטעם אויפגעזעצט אין בעט, איך האָב געוואָלט אָפּרופן די „האָום", זיי זאָגן, אַז איך ווייס, איך ווייס דעם פאַרוואָס... איך האָב געוואָלט שרײַען: מערדער, רויבער, פאַר אַ פאַר אָרעמע פענעס האָט איר אַ לעבנס־לאַנגע אילוזיע דערהרגעט? נאָר אַנשטאָט צו גיין צום טעלע־פאָן, האָב איך צעעפנט די פירהאַנגען פון מײַן פענצטער. איך האָב געקוקט אויפן בוים וואָס האָט זיך געוויגט אינעם ווינט. דער שניי האָט זיך פאַר־

וואַנדלט אין אַ גאַס רעגן. קלאָגווײַבער, אײַנגעהילט אין שוואַרצע שאַלן, האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די נאַקעטע צווײַגן פון מײַן בוים. זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף די בושעס, אויפן שטעכיקן גדר און מיט מײַן מומעס ניגון גערעדט צו מיר: „געדענק, למען־השם, טו מײַן רעכט ווי איך האָב דיך געבעטן... פאַרשעם ניט דעם מת... איך וויל ניט קיין ליפּסטיק און ניט קיין פּודער... קוק איבער מײַנע תּכריכים, זע צי עס האָט זיך, חלילה, קיין מילבל ניט אַרײַנגעכאַפּט... פאַרגעס ניט די רבנים אויף ווילעט־סטריט. אין זכות פון צדקה זאָלן זיי זאָגן קדיש און לערנען משניות... געדענק, געדענק!" „איך געדענק", האָב איך געענטפערט, אין קישן אַרײַן.

איך האָב זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. די קלאָגווײַבער אין דעם מאַרץ־ווינט האָבן ניט אויפגעהערט צו יאָמערן. זיי האָבן מיך געצוווּנגען צו לייענען און פאַרשטיין די ווינט־געבלאָזענע בלעטער פון איר לעבן. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך געקוקט און געזען די שמאָלע הילעצע, ווו מײַן מומע איז געבוירן און געוואַקסן בײַ איר טאַטן דעם מלמד. אָט איז זי אַ קליין מיידל, שפּילט זיך מיט די יִנגלעך וואָס לערנען בײַ איר טאַטן אין חדר. אָט איז זי אַ דערוואַקסענע, זיצט בײַ דער מאַשין און נייט אויסשטײַער פאַר פרעמדע כּלות. זי נייט אַזוי לאַנג, ביז ס'נעמען זיך ווײַזן ווײַסע האָר אין אירע שוואַרצע צעפּ. דעמאָלט גיט מײַן מומע נאָך דעם ווילן פון איר טאַטן און האָט חתונה פאַר אַן אַלמן מיט דערוואַקסענע קינדער. איר טאַטע דער מלמד שטאַרבט, איר מאַן נעמט איבער דעם חדר. זײַנע קינדער פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע. די אַלטע מאַמע גייט אַוועק וווינען צו איר עלטערער טאָכטער, מײַן מאַמע. קורץ פאַרן צווייטן וועלטקריג איז מײַן מומע מיט איר מאַן אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

איר מאַן האָט דאָ לאַנג ניט געלעבט. די פרעמדע סביבה האָט אונטער־געגראָבן זײַן ווילן צום לעבן. ער האָט אָנגעהויבן קרענקען און אין אַ קורצער צײַט אַרום געשטאָרבן.

נאָך זײַן טויט האָבן זיך זײַנע קינדער אָפּגעוואַשן די הענט פון איר. אַליין אין אַ פרעמדער וועלט, אָן אַ קרובֿ, אָן אַ גואל, די אַלטע היים פאַר־וויסט — האָט מײַן מומע זיך אַרומגעדרייט, געהונגערט, ניט געוווּסט ווו אַ טיר צו עפענען, ביז עמעצער האָט איר פאָרגעשלאָגן צו רוימען פרעמדע



שטובן, כּדי צוריקצושלאָגן די חרפּות און בושות פון דער אויסערלעכער וועלט, האָט מײַן טאַנטע זיך באַפעסטיקט אין די געהיימע קאָרידאָרן פון איר אינדיווידן. דאָרט האָט זי געפונען דעם קוואַל וואָס האָט זי געשטאַרקט, זי געפירט און מאָטיווירט אָנצוגיין מיטן לעבן. מיט יעדן עונש פון עולם־השקר האָט זי דערגרייכט אַ העכערע מדרגה אויפן עולם־האמת. זי איז אַנטקעגנ־געגאַנגען דער ליַיטזעליקער, גערעכטער וועלט מיט באַוווּסטזײַן אַז דאָרט וועט מען איר אַלץ ממלא זײַן. זי האָט זיך געגרייט צו יענער נסיעה יעדע רגע פון טאָג און יעדן טאָג פון יאָר. צוויי מאָל אַ וואָך, מאָנטיק און דאָנער־שטיק, האָט זי געפּראַוועט תּעניתים, געפאַסט צו האַלבע טעג.

ווען מיר זענען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן מיר מײַן מומען געטראָפן אויף פּאַוועל־סטריט אין בראָנזוויל. זי האָט געוווינט אין אַ פינצטערן אַל־קערל, בײַ אַ בעל־הביתטע וועלכע האָט געהאַלטן דעם טואַלעט פאַרשלאָסן פאַר איר. דעם זעלבן טאָג האָבן מיר איבערגעפירט מײַן מומע צו אונדז אויף אוישן־עוועניו. מיר האָבן איר אָפּגעגעבן אַ צימער מיט אַ פענצטער צום פּראָספּעקט־פּאַרק. מײַן מומע וועלכע איז אַלט געווען קוים זעכציק יאָר, איז שוין געווען ווײַט אַוועק אויפן וועג צו עולם־הבא. זי האָט זיך אין מײַןווירטשאַפט ניט געמישט. אין איר צימער האָט זי געקאָכט פאַר זיך אַליין, אָפּגעהיטן כּשרות, געדאַוונט אין דער פרי, געדאַוונט פאַר נאַכט. שטענדיק געבויגן איבער די ספרים, האָט זי זעלטן ווען אויפגעהויבן די אויגן צו זען וואָס עס טוט זיך אויף גאָטס לעבעדיקער וועלט.

צווישן טאָג און נאַכט, ווען איר צימער האָט גענומען טונקלען און שאָטנס האָבן זיך געשאַרט פון אַלע ווינקלען, ווען זי האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, דאָס בעט געבעט, דאָס נעגל־וואַסער אויפן נאַכטטישל — דעמאָלט איז מײַן מומע אַרײַנגעקומען דערציילן די קינדער אַ מעשׂה.

זי האָט זיי דערציילט די מעשׂה פון באָבעטשקעלע וואָס האָט געהאַט אַ סך, אַ סך קינדערלעך, מיידעלעך און יִנגעלעך, שוואַרץ־חנעוודיקע, יִדיש־רעדנדיקע, תּורה־לערנענדיקע, גאָטספאָרכטיקע יִדישע קינדערלעך.

איין מאָל, ווען דאָס באָבעטשקעלע איז אַוועק אין וואַלד אַרײַן קלויבן שפּענדעלעך, האָט זי אָנגעזאָגט די קינדערלעך צו זײַן גוט און פרום, לייענען קריאת־שמע פאַרן שלאָפן גיין, וועט זיי קיין בייז ניט געשען.

האָבן די קינדערלעך געטאָן ווי די באָבעצע האָט געהייסן: געלייענט קריאת־שמע ביז זיי זענען אײַנגעשלאָפן.

איז געקומען צו לויפן אַ ברוינער בער, ניט פון וואַלד, נאָר פון שטעט ווײַטע, ציוויליזירטע, און האָט אויפגעגעסן אַלע קינדערלעך. גראָד דאָס ייִנגסטע, דאָס שוואַכסטע, דאָס איידלסטע צווישן אַלע קינדערלעך, דער קליינער ישׂראליק, איז געבליבן לעבן.

ישׂראליק איז געווען אַ שטערנזעער. אים האָבן געצויגן די ווײַטע שטערן. ישׂראליק האָט געפּראַוועט וואַכנעכט אויף די הויכע בערג און די טיפע טאָלן. ער האָט געלייענט די מזלות וואָס האָבן געוואַנדערט אויפן הימל. ווען ער איז אַהיימגעקומען און דערזען דעם בראָך — האָט ער גענומען דעם שפּאַקטיוו און אַוועק צום לאַנד פון זײַנע אָבות. — —

ערב שבת האָט מײַן מומע אויפגעלעבט. די נשמה־יתרה האָט אַרויסגעשײַנט פון אירע גרויע אויגן, די קנייטשן אויף איר פּנים האָבן זיך אויסגעפּרעסט. זי האָט אײַנגעקויפט פליש בײַם גלאַט־כּשרן קצב. זי האָט געקאָכט צימעס פון מייערן און געבאַקן אַ זיסן קוגל. לכּבוד שבת האָט זי אַרויסגענומען דאָס בעסטע קלייד פון דער שאַפע, עס אויסגעלייגט אויפן בעט, צוזאַמען מיט דער ווײַס־זײַדענער פּאַטשיילע מיט די גאָלדענע פראַנדזן, אין וועלכער זי פלעגט בענטשן די שבת־ליכט.

די פּאַטשיילע האָט מײַן טאַנטע מיטגעבראַכט פון פּוילן. דאָס איז געווען דער איינציקער אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענער מאַמען. די פּאַטשיילע האָט מײַן טאַנטע באַשטימט צו טראָגן אויף איר קאָפּ ווען די צײַט וועט קומען זיך צו שטעלן פאַרן רבונו־של־עולם. זי האָט אויך אַליין אויפגענייט תּכריכים מיט לאַנגע אַרבל און מיט אַ הויך קעלנערל, פאַרענדיקט מיט אַ שליאַרקעלע, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ צדקת.

מיט יעדן טאָג איז מײַן מומע געוואָרן פרומער, אָפּגעהיטענער און זיך אַלץ מער דערווײַטערט פון דער גשמיותדיקער וועלט.

— פאַר וואָס גייסטו ניט אַ מאָל אין פּאַרק אַרײַן? — פלעג איך זי אָפט פרעגן — וועסט זיך אָנשעפּן מיט אַ ביסל פרישער לופט, שמועסן מיט ווײַבער.

— איך האָב קיין צײַט ניט, קינד מײַנס — האָט זי געזאָגט — איך האָב נאָך אַזוי פיל צו טאָן און מײַן זון האַלט שוין בײַם אונטערגיין.



ווען אונדזער משפּחה האָט זיך פאַרגרעסערט און דער אַפּאַרטמענט אויף אוישן־אַוועניו איז געוואָרן צו ענג, האָבן מיר באַשלאָסן צו קויפן אַ הויז אין לאָנג־אײַלענד. אומדערוואַרט האָט זיך מײַן מומע אָפּגעזאָגט מיט אונדז מיטצוקומען. איר איז יענע געגנט ניט באַקאַנט, אפשר איז דאָרט קיין בית־מדרש ניט פאַראַן. איצט, אויף דער עלטער, וועט זי זיך אין אַ גויִישער געגנט ניט אַרײַנצינען, אַפילו ניט צווישן ייִדישע גויִם.

זיבעציק יאָר איז מײַן מומע אַלט געווען ווען זי איז אַרײַן אין דער „אָלד עידזש האָום״. אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט, האָט זי זיי אָפּגעגעבן. דאָרט האָט זי ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן צו שפּאָרן. יעדע פּעני, וואָס איך האָב איר געגעבן, האָט זי אַוועקגעלייגט פאַר די רבנים, תּלמידי־חכמים, איבער אַ הונדערט יאָר. זי האָט זיך ניט פאַרגונען צו קויפן אַ פּרוכט, אַ קליידל, אַלץ איז געגאַנגען אין בײַטעלע אַרײַן וואָס איז געהאָנגען בײַ איר אויפן האַלדז ווי אַ קמיע.

מײַן מומע האָט קיין אייגענע קינדער ניט געהאַט. וויפל איך האָב געטאָן פאַר איר, האָט זיך אַלץ געדאַכט אַז אייגענע וואָלטן געווען בעסער: אַ זון וואָלט געזאָגט קדיש, אַ טאָכטער וואָלט געטיילט צדקה, איר נשמה זאָל ניט פאַרשעמט ווערן אויף יענער וועלט. אַזוי מוז זי אַלץ אַליין פאַרזאָרגן.

יעדן זונטיק פלעג איך באַזוכן מײַן מומע אין דער „אָלד עידזש האָום״. אויך דאָרט איז זי געווען פאַרנומען, אַ מאָל האָט זי געזאָגט אַ קאַפּיטל תּהילים פאַר אַ חולה, אָדער געשריבן אַ בריוו פאַר אַ פרוי וואָס האָט נעבעך אַליין ניט געקאָנט שרײַבן. מיט דער צײַט האָב איך אָנגעהויבן צו באַמערקן אַז צווישן מײַן מומעס נאָרמאַלע רייד כאַפּן זיך אַרײַן אָפּווייכונגען.

— זעסט די פרויקע? זי איז אונדזער שוחטס ייִנגסטע טאָכטער. דו מוזסט זי נאָך געדענקען פון דער היים. דאָרט איז זי געווען אַ גאַנצער „יאַ טעביע דאַם״, דאָ איז זי נעבעך אַן אָפּגעקומענע. זי שעמט זיך מיר אין די אויגן צו קוקן. זי וויל מיר אײַנרעדן אַז זי קומט גאָר פון וואַרשע. נו, אַז פאַר איר איז גוט, איז פאַר מיר ניחא.

דאָס איז ניט געווען דער איינציקער פאַל. מײַן מומע האָט פּאַקטיש באַפעלקערט די „האָום״ מיט די טיפּן פון איר שטעטל. דער דאָרטיקער שטריק־דרייער איז דאָ מגולגל געוואָרן אין אַ משגיח. דעם פּאַכטערס זון

איז דאָ געוואָרן דער הויזדאָקטער. דער חזן איז פאַרבליבן דער זעלבער וואָס האָט אַ מאָל געדאַוונט אין דער גרויסער קלויז. איך האָב וועגן דער דערשײַנונג גערעדט מיטן דאָקטער. ער האָט מיר פאַרזיכערט אַז דאָס איז דער רעזולטאַט פון פאַרהאַרטעוועטע אָדערן. איך האָב מיר געהאַט מײַן אייגענע אויסטײַטשונג. מײַן מומע איז פּשוט אַנטלאָפן פון דער „האָום" צוריק אין שטעטל אַרײַן. זי איז אַוועק צו איר היים, צו איר יוגנט, צו איר שורש. זי איז געגאַנגען שטופּנווײַז, גענידערט ווי פון אַ לייטער, טרעפּ נאָך טרעפּ, צו איר אייגענעם בראשית.

איין מאָל, אין אַ זונטיק־פאַרנאַכט, האָט זי מיך גערופן מיטן נאָמען פון מײַן מאַמען, איר שוועסטער.

— פּעסעניו — האָט זי צו מיר געזאָגט — איך מוז דיר עפּעס דערציילן, נאָר געדענק, פאַר קיינעם קיין וואָרט ניט איבערצוחזרן — זי האָט צוגערוקט איר בענקל נאָענט צו מײַנעם, אירע אויגן האָבן געלויכטן, די ווײַסע האָר פון הינטער דער פאַטשיילע האָבן זיך אַפּערגערוקט און געוויזן אַ פאַרשאַרטן לאָק פון אַ יונג מיידל.

— הער אַ מעשׂה — האָט זי געזאָגט — מאָטעלע שויבער האָט זיך שוין ווידער באַוויזן, איך פאַרשטיי גאָרניט פון וואַנען ער געפינט אויס ווו איך וווין. איך בעט דיך, פּעסעניו, למען־השם, פאַרן טאַטן קיין וואָרט ניט דערציילן. — זי קוקט מיר גלײַך אין די אויגן, שמייכלט צו עמעצן הינטער מײַנע פּלייצעס. איך דריי אַוועק דעם קאָפּ, איך וויל ניט זי זאָל דערקענען, אַז איך זע ווי זי בלאָנדזשעט. — ער דרייט זיך שוין ווידער בײַם פענצטער, ווי אַ מאָל אין די אַלטע גוטע יאָרן. איך בעט זיך בײַ אים: ס׳טײַטש, מאָטעלע, דו האָסט דאָך אַ ווײַב מיט קינדער, וואָס ווילסטו פון מיר? — דו ביסט מײַן זיווג, פון הימל מיר באַשערט — ענטפערט ער מיר... נעכטן אָוונט, איך האָב נאָר וואָס אָפּגעזאָגט „גאָט פון אַברהם", קיין ליכט האָט נאָך ניט געברענט, ווען איך הער מיט אַ מאָל ווי מ׳קלאַפּט אין פענצטער, ניט חלילה מיט קיין זאַמאַך, ניט מיט קיין בייזוויליקייט, נאָר עפּעס אַ מין גלעטן, זאַכט ווי אַ געבעט... איך גיב אַ קוק, ס׳איז מאָטל. — וואָס טוסטו דאָ אין אַזאַ רעגן? — פרעג איך אים. — עפן, רחלע — בעט ער זיך בײַ מיר. ער בליצט אויף מיר מיט זײַנע ציגײַנערישע אויגן, אַזש ס׳ווערט מיר הייס און קאַלט. איך גיי אויס פון שרעק, יעדע מינוט קאָן דער טאַטע



אַרײַנקומען... און ער טרעט ניט אָפּ. — רחלע לעבן, עפן דאָס פענצטער, דאָס חיות גייט מיר אויס נאָך דיר. — זײַנע צעגליטע אויגן ברענען אויס לעכער אין דער שויב. איך פאַרשטעל זיך די אויגן... איך וויל אויף אים ניט קוקן... איך וויל ניט זען די נעץ, וואָס ער שפּרייט פאַר מיר... כאָטש איך דאָס ספר, וואָס ליגט אויפן טיש, דער זכות פון טאַטע־מאַמע שטייען מיר בײַ... און כאָטש איך דריי ניט אויס דעם קאָפּ, פיל איך אָבער אַז ער שטייט נאָך אַלץ... אַזאַ פאַרלוירענער, אַזאַ באַטריבטער...

מײַן מומע וויינט און איך וויין מיט מיט איר.

אַ גאַנצן זומער האָט מײַן מומע פאַנטאַזירט וועגן מאָטלען. מיטן אָנקום פון האַרבסט האָט איר וועג באַרג־אַראָפּ גענומען לויפן ווי אויף גליטששיך. אַרום חנוכּה איז זי שוין געווען אַ קליין מיידל... זי לויפט אַרום באָרוועס, וואַשט דער מוטערס לאָקשנברעט אין טײַך... זי לייגט אַוועק דעם לאָקשנ־ברעט אויפן וואַסער און שווימט אַוועק מיטן שטראָם...

ניט אַלע מאָל האָבן אירע געדאַנקען געוואַנדערט. די דאָזיקע עקס־קורסיעס זענען פאָרגעקומען מייניסטנס צווישן טאָג און נאַכט, ווען זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס ספר און געבליבן אַליין מיט די נאַקעטע ווענט. זי האָט זיך זעלטן באַקלאָגט אויף איר דאָליע, זי האָט אַפילו אויפגעהערט מקנא צו זײַן די ווײַבער וואָס האָבן אייגענע קינדער.

— גאָטס וועגן זענען פאַרבאָרגענע — האָט זי געזאָגט — דער מענטש מיט זײַן באַגרענעצטן שׂכל קאָן זײַנע דרכים ניט משׂיג זײַן.

*

איך בין געלעגן אין בעט און געטראַכט וועגן דעם באַגרענעצטן שׂכל פון מענטש. דער מאַרץ־ווינט האָט ערגעץ ווו אַוועקגעצויגן, מיטגענומען מיט זיך די קלאָגווײַבער וואָס האָבן גערעדט צו מיר מיט מײַן מומעס שטים. איך האָב אויך געטראַכט וועגן יענעם פילאָזאָף וואָס האָט געזאָגט אַז אַ ביסל וויסן איז געפערלעך. יאָ, אַ ביסל האָב איך דאָך געוווּסט. לעצטנס, ווען זי האָט מיך אָנגעהויבן צו רופן מאַמע, האָב איך געוווּסט, אַז איר סוף איז נאָענט. איך האָב אַפילו געבעטן בײַם סעקרעטאַר מיר באַלד צו טעלעפאָנירן בײַם מינדעסטן בײַט אין איר געזונט־צושטאַנד.

נו, האָבן זיי מיר געלאָזט וויסן איצט, ווען ס׳איז שוין געווען צו שפּעט, ווען גאָטס פאַרבאָרגענע וועגן טרײַבן מיך אַראָפּ פון זינען.

נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל האָב איך זיך פֿאַרגעשטעלט איר פֿאַרצווייפלונג. זי האָט אַלץ געשטעלט אויף מײַן לעצטן באַזוך. זי האָט געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן... אַזוי פיל צו הערן... איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט ווי זי האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, אים געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, געוואַרט און געהאָפֿט, אַז אָט־אָט וועט זיך די טיר עפֿענען און איך וועל אַרײַנקומען. ביז פֿינף אַ זייגער פֿאַר נאַכט האָט זי דעם מלאך־המוות ניט צוגעלאָזט. מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט האָבן זיך אירע געדאַנקען אַוודאי פֿאַרפּלאָנטערט, אָפּגעוויַכט פֿון סטראַטעגישן פּונקט, ערשט דעמאָלט האָט כּביכול זי מנצח געווען...

וואָלטן זיי מיך גערופֿן באַצײַטנס, וואָלט איך געווען געשטאַנען בײַ איר טויטן בעט — אפֿשר מיט די ווײַסע פֿליגל פֿון מלאך גבריאל. איך וואָלט געעפֿנט פֿאַר איר די טויערן פֿון גן־עדן. איך וואָלט זי געווען אַרײַנגעפֿירט מיט פּאַראַד צו איר ווױלפֿאַרדינטן אָרט, וווּ די אָבֿות און אימהות, און אַלע צדיקים און צדקניות, זינגען שירה פֿאַרן כּיסא הכּבֿוד.

מיטן טאָג גלײַך בין איך אויפֿגעשטאַנען, אויסגעפּרעסט איר אויסשטײַער, עס אײַנגעפּאַקט אין זײַדן פּאַפּיר און מיר זענען אַוועק צו דער לוויה.

אין דער „לאַבי" זענען מיך די ווײַבער באַפֿאַלן: — סטײַטש, ווי האָט דאָס אַ מענטש אַזאַ אײַזערן האַרץ, אירע געוויינען האָבן געקאָנט אַ שטיין רירן און איר האָט ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו ענטפֿערן איר געבעט. אין אָפּיס האָט מען אונדז געזאָגט, אַז זיי האָבן אײַך טעלעפֿאָנירט, האָט זי נעבעך געוואַרט, ביז די נשמה איז איר אויסגעגאַנגען.

איך בין נאָכגעגאַנגען דעם מאַן וואָס האָט מיך אַראָפּגעפֿירט אין קעלער צו אידענטיפֿיצירן דעם גוף. זי איז געלעגן אין אָפֿענעם אָרון, אײַנגעהילט אין בילינקן לײַוונט, צונויפֿגעסטריגעוועט מיט לאַנגע שטעך.

אײַנגעפֿרוירן אין שרעק בין איך געשטאַנען און געקוקט. איך מוז דאָס טאָן... איך מוז! דער געדאַנק האָט מיך געהאַלטן מיט אײַזערנע קלאַמערן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מײַן באַגלייטער. „גייט אַרויס פֿון דאַנען!" — האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול, קעגן וועלכן ער האָט קיין ווידערשטאַנד ניט געקאָנט שטעלן. ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ביסל פֿאַרחידושט, נאָר געזאָגט האָט ער גאָרנישט.



ווען ער איז אַרויס, האָב איך אויפֿגעפּאַקט דעם גאַרניטור מיטן שליאַקעלע אַרום האַלדז און מיט די קרייגדעלעך אַרום די אַרבל. איך האָב די תּכריכים אַרויפֿגעצויגן אויף איר דאַרן גוף, פֿון די פֿיס ביז צו אירע בלויע ליפּן. איך האָב אײַנגעהילט איר קאָפּ מיט דעם צוגעגרייטן הײַבל און איבער דעם הײַבל האָב איך איר אָנגעטאָן איר מאַמעס ווײַס־זײַדענע פּאַטשיילע, אַרומגעליאַמעוועט מיט גאָלדענע פֿראַנדזן. איך האָב די פּאַטשיילע אַראָפּגערוקט ביז איבער אירע פֿאַרמאַכטע אויגן. בלויז די נאָז, אויסגעצויגן, פֿאַרשפּיצט, האָט אַרויסגעקוקט צו מיר.

פֿאַרפּאַנצערט קעגן שרעק, קעגן טויט, קעגן מײַנע אייגענע געפֿילן — האָב איך צוגערירט מײַנע ליפּן צו דער זײַדענער פּאַטשיילע, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז איך האָב מיט דעם זשעסט באַפֿרײַט די פֿאַרשפּאַרטע נשמה וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט אַ שטילן פֿלאַטער און אַוועקגעשוועבט צו אירע באַשערטע הייכן — איבערלאָזנדיק דעם גוף ווי אַ מתּנה דער מאַמע ערד.

## בלומע לעמפּעל

# אַ רגע פון אמת

### דערציילונגען

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישׂראל

תל־אביב, תשמ״א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*

*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

**I.L. Peretz Publishing House**
**31, Allenby Str., Tel-Aviv**

פארלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

**Printed in Israel 1981**

נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

# בילדער אויף אַ נאַקעטער קאַנווע

איבער די זון־פֿאַרגאָסענע גאַסן פֿון תּל־אָביבֿ בין איך נאָכגעפֿאָרן דעם אָרון וואָס האָט געפֿירט מײַן לאַנדסמיידל זאָסיע צו איר אייביקער רו. שוואַרצע קראָען אין הינטערגרונט פֿון געדאַנק האָבן געטומלט אַרום דער טויטער, פֿאַרשטעלט די גאַסן, די דורכגייער, דעם שוואַרצן אויטאָ וואָס איז געלאָפֿן פֿאָרויס, און מיך ניט געלאָזט דערגיין צו די וועגן אָדער אומוועגן וואָס האָבן זאָסיען געפֿירט צו זנות.

ס'איז געווען מײַן ערשטער באַזוך אין ישׂראל. איך האָב זיך געקליבן פֿאָרן אין אילת. מײַן צימער אין תּל־אָביבֿ האָב איך שוין געהאַט אָפּגעזאָגט, מײַן צייַנבערשטעלע אין דער וואַליזקע פֿאַרפּאַקט, ווען דער ראָש פֿון מײַן געבוירן־שטעטל האָט מיך אָפּגערופֿן און מיך געבעטן קומען צו דער לוויה.

איך האָב זיך שוין פֿון לאַנג אויסגעלערנט איבערצוהיפּערן דאָס אָרט וווּ מײַן וויגעלע איז געשטאַנען און דערבליקן מײַן אָנהויב אין דער פֿאַרשטיינערטער סטראַטאַ פֿון דער געשיכטע: הינטער די צײַט־פֿאַרשאָטענע זאַמדן פֿון נגבֿ אויפֿזוכן דעם לעבעדיקן קוואַל און אויף זײַנע שלוזן אויפֿהייבן מײַן זעגל, און קירעווען מײַן שיף צו איר באַשערטן וועג.

דאָס פֿענצטערל צום עבֿר האָב איך מיט קינסטלעכן פֿראָסט פֿאַרפֿרוירן. ווײַסעביימער און טויטע רויזן בלײַען דאָרט כּסדר, ניט ווי אַ דענקמאָל, נאָר ווי אַ דערמאָנונג, אַז די אײַזשיכט איז דין, פֿאַרפֿירעריש, אַן אילוזאָרישע הויט איבערן שוואַרצן תּהום, וווּ שלאַנגען און עקדישן נערן זיך נאָך אַלץ מיט די רעשטלעך פֿון ניט באַגראָבענעם קרבן.

טרעף איך אַ מאָל אַ מענטש וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון תּהום, קוק איך אויף אים מיט שרעק און דערוואַרטונג. טאָמער דעק איך אויף עפּעס וואָס גייט קעגן מײַן פֿאַרשטאַנד.

איך זיץ אין אויטאָ און קוק־נאָך דעם וואָגן וואָס פֿירט זאָסיעס מאַר־טירער־גוף. מיר דאַכט אַז איך הער דעם סאַמעטן און זאַיען סכּנותדיק פֿאַרשפּיצט אין איר פּוילישן נאָמען. זאָסיע, זאָשקע דעם בוכהאַלטערס



צעבאַלעוועטע טאָכטער, לויפֿט אַרום אויפֿן ביציקלעט. אירע צעפּלאָשעטע האָר, בלאָנד ווי דאָס מעבל אין איר פֿאָטערס סאַלאָן. זאָסיע לאַכט און די צוויי שורות ביימער ענטפֿערן אָפּ מיט אַ פּאָזיטיוון „יאָ!"

אַ סך מיידלעך בײַ אונדז אין שטעטל האָבן גערעדט פּויליש. זאָסיעס פּויליש איז געווען אַן אײַנגעפֿונדעוועטער, אײַנגעזויגן מיט דער מילך פֿון איר גויִשער ניאַניע. אין איר פּויליש איז געלעגן דער שטעמפּל פֿון איר טאָפּלטער פּערזענלעכקייט.

איך מיש בלעטער וואָס לויפֿן אין געדאַנק. די שוואַרצע קראָען אין הינטערגרונט ציִען זיך צוריק. דער וועג, אָפֿן, פֿרײַ, פֿירט צוריק אין שטעטל אַרײַן. איך גיי נאָך דער לאָקאַלער בת־מלכּה איבער די שאָטנדיקע ראָגן פֿון דער וועלט. איך גיי איר נאָך צום ים, צו די בלויע ברעגן פֿון תּיכון, וווּ זי האָט זיך אַרײַנגעוואָרפֿן. איך זע ניט ווי זי זעט איצט אויס. פֿאַרקלאַפּט אין קאַסטן, איז זי געזיכערט פֿון מענטשלעכן נײַגער. זי איז שוין מער ניט צום פֿאַרקויפֿן, ניט פֿאַר ברויט און ניט פֿאַר יִיאוש. בעל־כּרחו געקומען, בעל־כּרחו גייט זי אַוועק.

מיט מיר אין אויטאָ זיצן נאָך דרײַ מענטשן. אויך זיי מישן בלעטער שוין צוגעגרייטע מיט משפּט. „זי האָט געוווינט מיט אַן אַראַבער, געשטאַנען אין גאַס". זיי דערציילן פֿאַקטן, וואָס זייערע אויגן האָבן געזען. איך באַמי זיך צו דערפֿילן דאָס ניט געזעענע. איך געטרוי ניט דעם אויג וואָס פֿאַרלאָזט זיך אויף פֿאַקטן. האַלבע אמתן קענען פֿאַרפֿירן, אָפּלעקענען די שולד פֿון מערדער און זי וואַרפֿן אויפֿן דערמאָרדעטן. דער טויטער שווײַגט, און דער מערדער, באַקוועם אונטער דעם בכּבֿודיקן סטאַטוס פֿון אַ בירגער, אַ טאַטע, און אפֿשר שוין אַ זיידע — זופּט זײַן ביר געמיטלעך, און ווערט פֿעטער פֿון טאָג צו טאָג.

— למאַי האָט זי זיך נישט צוגעפּאַסט צום נײַעם וועג פֿון לעבן? פּונקט ווי אַלע אַנדערע עולים געוואָרן אַ פּראָדוקטיווער מענטש?

איך ענטפֿער ניט אויף די פֿראַגן. דער אמת, פֿאַרהוילן אונטער בלוטיקע באַנדאַזשן, לאָזט ניט אָנרירן די ווייטיקדיקע ווונד. אויך דער אויבערפֿלאַך ווײַזט אַז גרייטע מאָסן פּאַסן ניט פֿאַר יעדן גוף. איך טראַכט אַז קיין שום זעלבסטמאָרד ווערט ניט באַגאַנגען צופֿעליק. יעדע שעה, יעדע רגע האַלט דער זעלבסטמערדער דעם חלף איבערן האַלדז. זאָסיע איז איר זעלבסטמאָרד

באַגאַנגען אויף פּעליקס׳ בוידעם, דעם ערשטן גײַסטיקן זעלבסטמאָרד. דאָס פיזישע איז שוין געקומען שטופּנווײַז, גראַד נאָך גראַד.

איך דריי זיך אויפן קרבנס משונהדיקע וועגן. איך קען דעם מערדער וואָס האָט זי דערהרגעט. פאַר אַ שטיק ברויט מיט שינקע זיך אָנגעזויפּן מיט איר ווײַס צעבליטן, זוניק־רײַפן, יונגפרוילעכן גוף. און אפשר איז זי איר זעלבסטמאָרד באַגאַנגען נאָך פריִער? אפשר האָט זיך איר לעבן געענדיקט אין יענער ווילדער אָסיען־נאַכט, ווען פּעליקס איז געקומען ווי אַ פּרינץ אויפן ווײַסן פערד? אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ ברויט, אַ גויִשע ספּודניצע, אַ קאַמיזעלקע און אַ כוסטקע. זאָסיע איז אַרײַן אין די שיקסעשע בגדים, געקושט דער מאַמעס נאַסן פּנים, שוואַרץ ווי יענע אָסיען־נאַכט...

זי האָט געקושט דעם הונט וואָס איז געלעגן בײַ דער טיר, און ניט געוווּסט אַז דאָס הויז וואָס ער היט איז איצט אַ תּפֿיסה. זי האָט געקושט איר טאַטנס צעשאָסענעם קערפּער, וואָס איז געלעגן אויף הפקר אין מיטן מאַרק. זי האָט געקושט די פּיאַנע, דעם גאָרטן אַרום הויז. אַלץ, אַלץ האָט זי אַרײַנגענומען אין זיך, און ווי אַ פּדיון באַהאַלטן אין די קעלערן פון איר וועזן.

היגטער פּעליקס׳ סטאָדאָלע, באַרג־אַראָפּ מיט דער סטעזשקע, איז געשטאַנען אַ שטיל וואַסער אײַנגערעמט אין ליפּע־ביימער. גרינער שלײַם האָט פאַרדעקט דעם אויבערפלאַך. הינטער דער פאַרצויגענער הויט האָבן זיך געפּלאָדיעט פיש. אין אַ זוניקן טאָג האָט זאָסיע געקענט זען ווי די פיש באַוועגן זיך. זי האָט געקענט זען די שוואַרצע רינגען אויפן גרינעם שפּיגלדעק. דורך די שמאָלע שפּאַרונעס פון פּעליקס׳ בוידעם זענען די רינגען געוואָרן דער איינציקער אויסגאַנגפּונקט פון איר הונגעריקן בליק. זי האָט געקענט קוקן און טראַכטן וועגן דעם רינג וואָס זי וועט אַרויסרופן ווען זי וועט זיך וואַרפן אין וואַסער. טיף אין היי אַ באַגראָבענע, האָט זי צײַט געהאַט צו באַווײנען איר אייגענעם טויט, נאָכגיין איר אייגענער לוויה.

איצט, אויפן וועג צו איר לוויה, האָב איך איר געוואָלט זאָגן אַז איך קוק מיט אירע אויגן, פיל מיט איר סענסיוויטעט. איך מעסט אָן סיטואַציעס אויף פאַרשוויצטע געלעגערס, גלעט מיט אירע פינגער לײַבער פון געקויפטער לופט. איך טו עס לויטן גײַסט פון דעם קינד וואָס איך האָב געקענט. איך זוך אָן אָנדײַט צום הײַנט אין דער פאַרזונקענער וועלט פון נעכטן. איך וויל בײַ יענעם ליכט, אָדער בעסער געזאָגט, בײַם שאָטן, דערפילן דעם



פאַרוואָס. איך נידער אין געדאַנק אַראָפּ צום אָפּגרונט, איבער דער פאַרוואַקסענער סטעזשקע צום אַמאָל.

אַ מאָל, אַ מאָל, ווען איך פלעג טראָגן קאַווע פאַר מײַן טאַטן אין יאַטקע אַרײַן, פלעג איך אויף מײַן וועג אַהיים זיך אָפּשטעלן פאַר זאָסיעס פּרעכטיקן גאָרטן. איך פלעג זיך אויפשטעלן אויף די שפּיץ פינגער און איבערן פּלויט באַוווּנדערן די גאָלדענע ליליעס וואָס זענען געוואַקסן אַרום זייער הויז.

מיט גרויס באַדויער פלעג איך טראַכטן וועגן דעם וואָס האָט געקענט זײַן און ניט געוואָרן. ווען מײַן זיידע זאָל ניט געווען זײַן אַזוי פאַנאַטיש אויסגעהאַלטן און צוזאָגן די עלטערן פון זאָסיעס טאַטן דעם נדן וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, וואָלט איך הײַנט געווען דעם בוכהאַלטערס טאָכטער, געשפּילט די פּיאַנע, איך וואָלט זיך געגרייט צו פאָרן אין לעמבערג שטודירן. האָט מײַן זיידע ניט געוואָלט, און אפשר ניט געקאָנט גיין קעגן אײַנגעפּלאַנצטן עטיש־פרומען גײַסט, און געבן אַ צוזאָג, וועלכן ער האָט געוווּסט אַז ער קאָן ניט האַלטן. דער בוכהאַלטער און מײַן מאַמע האָבן אויף אייביק זיך צעשיידט. ער האָט חתונה געהאַט מיטן גבירס טאָכטער, מײַן מאַמע — מיט אַ קצבֿ־יונג.

איך פלעג שטיין פאַרן פּלויט און פאַנטאַזירן ווי עס וואָלט געווען, ווען עס וואָלט געווען, געווען...

איצט באַגלייט איך דעם בוכהאַלטערס טאָכטער צו איר אייביקער רו. איך, די טוריסטין פון פּאַריז, געדענק ווי גערן איך וואָלט געווען אָפּגעגעבן מײַנע וועלטלעכע אַמביציעס פאַרן לעמבערגער סעמינאַר.

דורכן דאַכפענצטערל פון מײַן פּאַריזער מאַנסאַרדע פלעג איך קוקן אויף דעם פּירעקיקן שטיקל הימל וואָס מײַן מזל האָט מיר צוגעטיילט און טראַכטן פון זאָסיעס רײַכן אין שלאָף־פאַרזונקענעם גאָרטן. איך פלעג שעלטן מײַן מזל וואָס האָט אויפן וועג קיין ישׂראל מיך געלאָזט שטעקן אין פּאַריז.

זאָסיע האָט קיין ישׂראל ניט געוואָלט און ניט געדאַרפט פאָרן. פאַר איר האָט דער ווײַנשטאָק געבליט מיט אַלע צויבערפאַרבן פון אַ פאַרפּוצטער פּאַווע וואָס לעבט אין חלום פון יעדער יונגער פרוי.

ווי אַזוי האָט זי געקאָנט וויסן אַז די זעלבע ציוויליזאַציע, וועמענס נאָטן זי כּישופט אַרויס פון דער פּיאַנע, צייכנט מיט די זעלבע פינגער דעם טויט־אורטייל פון איר פאָלק? ווי אַזוי האָט זי געקאָנט וויסן אַז פורעם און

הארמאניע זענען דער פארפירערישער געזאנג פון דער לארעליי, דעם קאניבאלס פאסאדע, אונטער וועלכן ער שארפט די קרומע ציין? באשיצט און באשירעמט, ווי די גאלדענע ליליע אין איר טאטנס גארטן, האט זאסיע דעם קאניבאלס ציינער נישט געזען. מיטן כוח און רעכט פון יעדן לעבעדיקן וועזן האט זי געלויכטן אנטקעגן דעם ליכט פון דער זון. באשענקט מיט אלע נייטיקע אטריבוטן צו וואקסן און געדייען, איז זאסיע רייף געווארן אויסצושפרייטן אירע אייגענע קערנער אויף גאטס גרייטער ערד.

די בלעטער וואס איך מיש, זענען ניט קיין פארשריבענע. זיי שווינדלען ווי בילדער אין א צעבראכענעם שפיגל. איך טראכט אז די ערד צו וועלכער זאסיע קערט זיך איצט צוריק, האלט דאס געביין פון אן אנדער זונה, די זונה תמר פון חומש. תמר איז געזעסן אויפן שיידוועג ווו די מזלות טיילן זיך און באצווינגען די מאנצלייט מיט איר רייץ. איך זוך א פונק פון תמרס תאווה אין זאסיעס בילד, פאראנקערט טיף אין מיין זכרון. איך זוך אין אירע חן־גריבעלעך דעם לוסט פון א זונה, אירע ראזע, פויליש־רעדנדיקע ליפעלעך, וואס האבן זיכער ניט געוווסט וואס זונה באטייט. איך קוק אריין אין אירע אויגן, אין דעם שפיגלשיין פון איר נשמה. איר כאראקטער א ניט געצייטיקטער, אויסגעריסן מיטןווארצל, טראגט זיך אויפן ווינט איבער די ראגן פון דער וועלט. איך זוך דעם המשך וואס דורות פון צניעות האבן ארויסגעבראכט. איך זוך דעם איינגעשטעלטן וועג פון איר טאטן, און פאר מיר שטייט אויף אן אנדערע געשטאלט: איר פעטער שלמה דער רוסישער. איך פארסיר ניט די געשטאלט, איך לאז זי וואקסן צו איר פולער שלימות. איך לעב איבער דעם פחד וואס זיין טויט האט אויף מיר אנגעווארפן, אריינגעדרונגען אין מיינע חלומות, לאנג נאך דעם ווי איך האב דאס שטעטל פארלאזט. זיין אימפאזאנטע געשטאלט הייבט זיך ארויס פון נעפל: גרויע אויגן, שווארצע בושיקע ברעמען, די פלייצעס ברייט, שטאלץ און גלייך. פון זיין מויל האב איך צום ערשטן מאל געהערט: „הכל הבל". אז שלמה דער רוסישער האט גערעדט, האט יעדעס ווארט געברענט, אפגעשפיגלט דעם צער און צארן וואס האט אים ביסלעכווייז פארצערט. דעמאלט האב איך מיר פארגעשטעלט, אז אזוי האט איוב אויסגעזען זיצנדיק אין אש. „וואס איז די נפקא־מינה צווישן מענטש און חיה", האט ער געזאגט, „ווען אפילו דער רב טאפט דאס ווייב פארן ציצל."



דער דאזיקער זאג, אזוי זיך שבת נאך מיטאג ביי אונדז אין הויז, האט ארויסגערופן א רעוואלוציע אין מיין דענקען. אויך איך האב אנגעהויבן צו פרעגן שאלות, וואס האבן מיך געפירט אוועק פון אויסגעטראטענעם וועג. ווען שלמה דער רוסישער איז געלעגן אויף זיין טויטנבעט, האט ער בלויז געוואלט איין זאך: דער רבונו־של־עולם זאל אים שענקען כוח גענוג אראפצוגיין פון בעט, אונטערצוצינדן דאס הויז און פארברענט ווערן צוזאמען מיט זיין האב־און־גוטס אויף גאטס אייגענעם מזבח פון לעבן. און אזוי האט ער טאקע געטאן. מען האט דערציילט, אז מיט יארן פריער האט מען אים אין חרם אריינגעלייגט פאר לייענען שפינאזען און פאר שפאצירן אום שבת אויסערן תחום.

האט אויך זאסיע געזוכט א וועג צו גאט דורך פרעמדע גערטנער? האט דער טראגישער ווארעם וואס האט געפרעסן שלמה דעם רוסישן אויך אין איר נשמה זיך איינגעבירגערט און זי געצווונגען צו גיין ניט מיטן שליאך, נאר אין א זייט פון אים? זי געצווונגען צו שפאצירן אויסערן תחום, זיך אליין אריינלייגן אין חרם?

שלמה דער רוסישער האט געהאט א לעגיטימע טענה צו זיין באשעפער. זיין ווייב, די עקרה, איז געווען די ערשטע זיך אפצוקערן פון גאט. זי האט זיך געווענדט צו אלע שווארצע כוחות, צו שדים און רוחות, כישוף־מאכערינס וועלכע האבן זי געקארמעט מיט ווילדע קרייטעכצער, אויסגענארט ביי איר א פארמעגן, מיטן צוזאג אז זי וועט זיכער געהאלפן ווערן אויב זי וועט אויספאלגן אלע זייערע אנווייזונגען. האט די רוסישע שארקע טאקע געפאלגט. זי האט פארצילעוועט ארום האלדז די נעגל פון א קרא, פעדערן פון א פאנטארקע האט זי אריינגעלייגט אין בוזעם. ארום האלבער נאכט האט זי זיך אויסגעבאדן אין מילך פון א מעוברתער קו, מיטן בלוט פון א בוהאי זיך ארומגעשטרייכט דעם נאפל. די האר צעלאזט, די אויגן מיט סאדזע באמאלן, די באקן רויט פון ציקאריע־פאפיר — איז שארקע די רוסישע געקומען צו איר מאן ער זאל זי באפרוכפערן.

✶

אין אויטא איז שטיל. איך קוק ארויס אויף די געדרייטע גאסן פון יפו. דער הימל ריין, תכלת־בלוי, קיין איינציק וואלקנדל ווו צו פאראנקערן דעם געדאנק. דער וואגן וואס פירט דעם מת, לויפט פארויס. די פאראלעלן ציען,

ציִען. כאַראַקטערן וואָס האָבן אויבנאויפיק קיין שייַכות נישט קניפּן אָן פאַרבינדונגען ווי וואָרצלען אונטער ד׳רערד. דורך געהיימע אונטערערדישע קאַנאַלן דרינגען זיי אַרייַן אין זאָסיעס פערזענלעכער ראָם. זיי העלפן מיר אויפבויען פון דעם אַמאָליקן קינד — אַ פרוי.

איך זע די פרוי אויף פעליקס׳ בוידעם. אויך זי רעדט צו גאָט. זי בעט בייַ אים ער זאָל שוינען איר מאַמען, איר קליינע שוועסטער. זי בעט אַזוי לאַנג ביז איר בלייַבט מער ניט אויף וואָס צו בעטן. די שטאָט איז חרוב. דער נעכטן איז חרוב. און אפשר איז גאָר אין גאַנצן קיין נעכטן ניט געווען? דער תהום אין וועלכן זי קוקט אַרייַן האָט אַלע קענצייכנס פאַרלוירן. קיין סימן פון נעכטן. קיין אָנדייַט אויף מאָרגן. דער וואַלד אין זייַן אומשולד בליט. די פיש אין דער סאַדזעווקע מערן זיך. ציקאַדעס רופן זיך איבער. זיי זוכן זיך אויס אויף דער לאָנקעס טיפע גראָזן, ער און זי באַגעגענען זיך. זאָסיע ווייסט, אַז זי שוואַנגערט. אויך די קו אין שטאַל שוואַנגערט. ביידע שווייַגן. די קו מאַלעגיירעט און טראַכט. אויך זאָסיע הייבט אויף אַ שטרוי און טוט דאָס זעלבע. מייַנסטנס טראַכט זי פון עסן. ניט פון פאַזיאָמקעס מיט שמאַנט וואָס איר מאַמע פלעגט איר אונטערטראָגן, נאָר פון ברויט מיט זאַלץ, און אפשר אויך אַ ציינדל קנאָבל.

די הינער אויפן הויף פיקן קערנער און גייען אָן מיט זייערע קריגערייַען. די הינער אויפן הויף ווייסן ניט אַז דאָס האָט דער מענטש צוליב זייַן אייגענעם אינטערעס אין אַ גוטע זיי פאַרשפאַרט, מיט ציניש קאַלטער מענטשלעכער אויסגערעכנטקייט זיי אייַנגעאָרדנט אַ באַקוועמען מאָרדלאַגער. ווען עס וועט זיך אים פאַרגלוסטן, וועט ער אַ כאַפּ טאָן דאָס האַקמעסער, אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון אַ ווייַסער הון און דערבייַ זיך צופייַפן אַ לידל. זאָסיע שרעקט זיך ניט פאַרן טויט. זי נעמט אָן פעליקס׳ לאַסקעס ווי די ציקאַדע אין גראָז. זי דערציילט אים ניט פון איר שוואַנגערשאַפט.

פעליקס האָט אַ ווייַב מיט קינדער. זאָסיען האַלט ער פאַרשטעקט אויף זייַן מוטערס בוידעם. ער האַלט זייַן מוטער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זאָסיעס זיכערקייט. פעליקס מוטער ווייסט אַז איר זון טרייַבט ניט קיין קאַטאָוועס. זי קען איר זונס לייַדנשאַפטן. ציטערט זי איבער דער ייִדישקע, לאָזט זי פון בוידעם נישט אַראָפּ. פאַרשטעקט אין האָבריק, וואָס זי טראָגט פאַר דער קו, ברענגט זי אויך פאַר זאָסיען עפּעס צום עסן. פעליקס׳ מוטער איז באַרע-



דעווודיק. זי האָט ליב צו דערציילן מיט אַלע מעגלעכע פרטים ווי אַזוי דער דייַטש האָט אַלע ייִדן אויסגעשאָסן, ווי קלאַפּטער האָלץ די מתים צונויפגעלייגט, מיט נאַפט זיי באַגאָסן און אונטערגעצונדן. פעליקס׳ מוטער באַהאַלט ניט איר צופרידנקייט. כאָטש זי האַסט דעם דייַטש, איז איר אָבער זייַן אַכזריות ניחא. „שוין פון לאַנג באַדאַרפט פטור ווערן פון זיי״, זאָגט זי.

זאָסיע דערציילט ניט פעליקסן וועגן זייַן מוטערס רייד. זי האָט שוין פון לאַנג זיך אויפגעהערט צו פיעשטשען סייַ פאַר גאָט און סייַ פאַר מענטשן. זי ליגט אויפן בוידעם און הערט זיך אייַן ווי דער פראָנט קומט נענטער מיט יעדן טאָג. די שטאַל ציטערט פון די שווערע האַרמאַטן וואָס קייקלען זיך ווי דונערן אין פרילינגס-צייַט. זאָסיע וואַרט ניט אויפן מאָרגן. זי האַלט זיך אויך ניט אָן אין הייַנט. גראָד איצט, ווען די באַפרייַונג איז נאָענט, ווילט זיך איר רק שלאָפן. אין חלום האָט זי אַ פאַרגאַנגענהייט. זי האָט אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַן אָנגעצייכנטן וועג. אַ גלייַכע ליניע צווישן צוויי בערג שנייען. זי לויפט אויף גליטש-שיכלעך, דימענטן גלאַנצן אַנטקעגן דער זון. זי מאַכט צו די אויגן פון צו פיל גליק אויף איין ווייַלע בלויז — פאַרלירט דעם וועג אין אַ ווילדער זאַוויערוכע.

זאָסיע שלאָפט. זי וויל זיך אָנעסן מיטן חלום ביז איבערן האַלדז. זי וויל זיך דערווערגן מיטן חלום, גראָד איצט ווען דער באַפרייַער קלאַפּט אין דער טיר, קען זי דעם כוח ניט געפינען זיך אויפצוהייבן און עפענען די טיר. ליגט זי און הערט זיך אייַן ווי די צעלן אין איר בלוטשטראָם טיילן זיך. זי ציילט דעם פולס פון דער האַנט, דעם קלאַפּ פון האַרצן. טיפער און טיפער נידערט זי אַראָפּ צו די שוואַרצע שאַכטן פון באַוווסטזייַן. אינטש נאָך אינטש ציט זיך זאָסיע צוריק אין זיך אַרייַן. די טריט פון באַפרייַער הילכן ריטמיש אויפן וועג. זי האָט קיין וועג ניט. אירע סטעזשקעס זענען פאַרוואָקסן מיט גראָז. זי גראָבט אונטער די ערד אונטערן ווילדגראָז, רירט אָן דעם וואָרצל מיטן זעלבסטמערדערישן סם — — דאַן הייבט זי זיך אויף. קריכט אַרונטער פון בוידעם. זי שטעלט זיך אָפּ בייַ דער קו. זיי קוקן זיך אָן לאַנג און שטום און פול מיט פאַרשטענדעניש.

באַרג-אַראָפּ, צווישן פריש פאַרזעצטע בייטן, גייט זאָסיע פּאַמעלעך און באַדאַכט. זי גייט צו צו דער סאַדזעווקע וואָס איז פאַרצויגן מיט אַ גרינער הויט, מאַכט צו די אויגן און וואַרפט זיך אַרייַן.

אויפגעמאַכט די אויגן האָט זאָסיע אין שפּיטאָל. אין אַ גלאָז בײַ איר בעטל האָט געציטערט אַ פאַרגליווערט שטיקל בלוט. „אַ פיר־חדשימדיקער נפש", זאָגט די קראַנקן־שוועסטער. „אַלץ געמוזט אַרויסנעמען, אַלץ אין דיר איז געווען פאַרפוילט".

זאָסיע שמייכלט און שווײַגט. זי פרעגט ניט, זי וויל ניט וויסן. און אפשר טראַכט זי פון איר מומען, שאָרקע די עקרה? אין דער אמתן איז איר קיין אונטערשייד נישט. זי ליגט אין בעט אַזוי לאַנג ביז מען נעמט זי פון דאָרט אַרויס. צוזאַמען מיט אַנדערע ווינט־געטריבענע וואָגלער וואַנדערט זי פון לאַגער צו לאַגער. נאָר אויך דאָ איז זי אַליין. זאָסיע פּרוּווט גיין מיטן שטראָם. נאָר די אָפּגעריסענע צווײַגן, די בלעטער און די שטיינער, וואָס דער שטראָם האָט פאַרטראָגן — האָבן זיך איר געשטעלט אין וועג, אַרויפּגעלייגט זייער טויטע וואָג אויף אירע יונגע אַקסל, אַטראָפירט איר ווילן, זי אָפּגעשיידט פון לעבעדיקן גאַנג פון דער געשיכטע, זי געצויגן צום אָפּגרונט, צום דנאָ.

אַ מאָל, ווען פעליקס פלעגט זי פּײַניקן, פלעגן די טרערן קומען ווי אַ לײַטזעליקער רעגן. ער איז געווען שטראָפנדיקע רוט און זי האָט גענומען זײַנע שמיץ ווי אַ שטראָף פאַר די זינד, וואָס זי האָט געלאָזט איר מאַמען און שוועסטער גיין אַליין צום טויט. יעדן ביסן ברויט האָט זי אויסגעקויפט דורך אַליין־פּייניקונג און זעלבסטהאַס. דאָס דאָזיקע שולדגעפיל איז איר אויך נאָכגעגאַנגען קיין ישׂראל.

אין קאָנפליקט מיט זיך אַליין, אין קאָנפליקט מיט דער רעאַליטעט, צו וועלכער זי האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן, האָט זאָסיע געזוכט און געפונען אַ זין אין אַליין־דערנידערונג; וואָס טיפער אין זומפּ, אַלץ מער באַרעכטיקט האָט זי זיך געפילט אַרומצוגיין אויף גאָטס ערד.

זאָסיע ליגט אויפן דנאָ און לאָזט זיך אַטראָפירן. ווי דער לעגענדאַרער פּראָמעטעוס שטייט זי, מיטן בויך אָפן, אויסגעשטעלט צו די רויבפייגל פון דער וועלט. און ווען די פייגל האָבן מער ניט געפונען וואָס צו פּיקן — איז זי אַוועק צום ים, פּונקט ווי אַ מאָל צו דער סאַדזעווקע, און זיך אַרײַנגעוואָרפן.

*



איך זיץ אַליין אין אויטאָ אײַנגעהילט אין טויטער שטילקייט. אויך איך מײַד אויס די רעאַליטעט. איך זע פון דער ווײַטנס ווי מ'דעקט צו איר קבר. אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ ברייטן קאַפּעליוש רעכט אָפּ אַ תּפילה. איך זע אַז ער אײַלט זיך. די תּפילה וואָס ער ריכט איצט אָפּ וועט ער באַלד איבערחזרן בײַ אַ צווייטן קבר. איך הער ניט וואָס ער זאָגט. איך הער זיך אײַן צו דער תּפילה וואָס ציטערט אין מיר. די תּפילה וואָס קאָן מער קיין מאָל ניט איבערגעחזרט ווערן. עס איז אַ תּפילה אָן ווערטער, טיף אײַנגע־גראָבן אין קאָלעקטיוון געוויסן פון מײַן פאָלק. דער ייִד מיט דער לאַנגער באָרד אײַלט זיך. ערגעץ וואַרט אויף אים אַ צווייטער מת. די תּפילה וואָס איך זאָג האָט קיין סוף ניט. זי קאָכט און יערט ווי אַ כעמישער געמיש ערב ווערן. איך זוך אין געמיש דעם סימבאָל וואָס זי האָט פאַרלוירן. איך מוז אים אויסזוכן, פון דער בלאָטע אים אָפּרייניקן, פון דער טומאה. פון דער שאַנד.

איך ווייס אַז איך וועל צוריקקומען, אפשר מאָרגן, אָדער גאָר איבער אַ יאָר. פון דעם נײַ געפונענעם סימבאָל וועל איך אַ מצבה אויפשטעלן, אין גאַנצן אָן ווערטער, אַ נאָקעטער שטיין. דער פאַרבײַגייער וואָס וועט זיך אָפּשטעלן וועט פון דעם ניט געזאָגטן אַליין מוזן אויספורעמען איר געשטאַלט. ער וועט שטיין פאַרן שטיין ווי אַ מײַסטער פאַר זײַן נאַקעטער קאַנווע. צווישן אַלע מעגלעכע בילדער וואָס וועלן אויפגיין אין זײַן געדאַנק — וועט ער אויך מוזן אײַנזען אַז זאָסיע איז די קראָ וואָס פּיקט מײַן געוויסן.

בלומע לעמפּעל

# אַ רגע פון אמת

## דערציילונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ"א — 1981




PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*
*A REGE FUN EMES*

©
כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981
נדפס בישראל, תשמ"א

נסדר בלינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח' לבנדה 36, ת"א

האָב איך אויף די קני זיך אַראָפּגעלאָזט, מײַן אָטעם אין אים אַרײַנגעבלאָזן. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך מיט מײַן לײַב אים געוואַרעמט. ווען די ערשטע שטראַלן פון נײַעם טאָג האָבן דעם נעפּל פאַרברענט, האָב איך דערזען אַז דער מאַן מיט וועמען איך האָב פאַרבראַכט די נאַכט איז אָדם נאַקעט.

האָב איך אָפּגעריסן אַ בלאַט פון עפּלבוים וואָס איז איצט געווען אַ פײַגנבוים און לויט דעם אַלטן נוסח זיך דערנענטערט צו אים.

דער מאַן וואָס האָט די גאַנצע צײַט געוווּסט מײַן סוד, האָט דעם בלאַט מיט דער האַנט אַוועקגעשאַרט. מיך האָט ער צוגעצויגן צו זיך. און כאָטש ער האָט גערעדט אין אַן אַנדער שפּראַך, האָב איך פאַרשטאַנען דעם תּמצית לויט די אותיות וואָס זענען געלאָפן פון רעכטס אויף לינקס.

און איך האָב פאַרזוכט די פּרוכט פון נײַעם בוים. און זי איז געווען זיס. דער זאַפט פול מיט צוזאָג אויף פײַגנצווייט און טייטלצווייט אין אַ גאָרטן פון גאָלדענע פּאָמעראַנצן.



# שכנים איבערן פּלויט

יעדעס מאָל וואָס בעטי הייבט אויף די אויגן פון איר שרײַבמאַשין, פאַרהאַלט זיך איר בליק אויף מיסעס זאַגרעטיס ווײַס־געפאַרבטן גאַניקל. זי ווייס אַז ווען די אַלמנה עפנט די פעדערשטע טיר, איז עס פּונקט נײַן אַ זייגער אין דער פרי. זי דאַרף אַפילו ניט אויפהייבן די אויגן כּדי צו זען דער אַלמנהס ווינטערדיק פּנים, אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצער שאַל. די ים־פייגל וואָס טשאַטעווען אויף איר פון די אַרומיקע דעכער, נייטיקן זיך אויך ניט אין אַ זייגער. באַלד נאָכן ערשטן פרישטיק אויפן ים, קומען זיי פאַרבײַסן מיט מיסעס זאַגרעטיס געשמאַקן ביסן פון ברויט געטונקען אין פעטס, באַזאַלצן צום טעם, ווי זי וואָלט געוווּסט וואָס די פייגל האָבן ליב.

ווי נאָר די טיר עפנט זיך, באַפאַלן זיי זי מיט אַ ווילדן געפילדער. זיי פלאַטערן איבערן פּלויט, שטעלן זיך אויף אירע אַקסלען. זי שטייט מיטן טאָפּ אין דער האַנט און וואַרפט פּענעצלעך ברויט אַריבער דעם גדר. די ים־פייגל כאַפּן עס קונציק אין דער לופטן. נאָך דעם ווי זיי האָבן אויפגעפּיקט די לעצטע קרישקעס, גייט מיסעס זאַגרעטי צוריק אַרײַן אין הויז. די פייגל בלײַבן נאָך זיצן אויף די שכנותדיקע דעכער און וואַרטן אויף אַן איבערחזרונג, און ווען דער נס פּאַסירט ניט, פליִען זיי צוריק צום ים, וווּ די שיסל עסן שעפּט זיך קיין מאָל ניט אויס.

בעטי האַלט ניט קיין זייגערל בײַ דער האַנט. זי האָט זיך ליב צו פאַרלאָזן אויף דער אַלמנה.

אַרום צען אין דער פרי שטייט שוין אַ טאַקסי בײַ מיסעס זאַגרעטיס טיר און פירט זי אָפּ צום זון און אין זײַן שפּײַזגעשעפט. דרײַ אַ זייגער נאָך מיטאָג קערט זיך מיסעס זאַגרעטי אַהיים, אָנגעלאָדן מיט פּראָדוקטן. זי ברענגט אויך מיט פאַרלעגערטע ברויטן פאַר די אייביק הונגעריקע פייגל.

ווען דער טעקסט איבער וועלכן בעטי אַרבעט איז אַ ליטעראַרישער,

פֿאַרגעסט זי אין גאַנצן אין דער צײַט פֿון טאָג. ערשט ווען מיסעס זאַגרעטיס טאַקסי שטעלט זיך אָפּ, כאַפּט זיך בעטי אַז ס׳איז צײַט אָוועקצולייגן די אַרבעט איידער די קינדער קומען צוריק פֿון דער שול.

בעטיס אַרבעט אויף דער מאַשין איז בלויז אַ ווינטערדיקע. זומער גיט זי זיך אָפּ מיט די קינדער. אויך פֿרײַנד, פֿון וועלכע זי האָט אַ גאַנצן ווינטער ניט געהערט, רופֿן זיך אָפּ אין די היצן. זיי קומען כאַפּן אַ שווים אין ים און בלײַבן שוין אויף אָוונטברויט. זיי לאָזן איבער נאַסע האַנטעכער און אַ טעפּעך פֿול מיט זאַמד — ווי אַן אָנדענק.

בעטיס פֿרײַנדשאַפֿט מיט דער אַלמנה האָט זיך אָנגעהויבן איבערן פּלויט. יעדע פֿון זיי, אין איר אייגענעם גאָרטן, אויף איר אייגענער טעריטאָריע, האָט זיך געפֿלײַסט אַרויסצווייזן איר קענטעניש אין גערטנערײַ. אין דעם פֿאַרמעסט איז מיסעס זאַגרעטי אַרויסגעקומען די געווינערין. זי האָט געהאַט ניט איין גרינעם פֿינגער, אַלע אירע צען פֿינגער האָבן געלאָזט נאָך זיך אַ גרעטעניש. זי האָט געקענט די סודות פֿון דער גרינער וועלט, געוווּסט זייערע באַדערפֿענישן און מיט ליבשאַפֿט זיי נאָכגעגעבן וואָס זיי האָבן געוואָלט. זי האָט אָנגעוויזן איר ייִדישער שכנה וועלכע פֿלאַנצן נייטיקן זיך אין אַ סך זון און וועלכע עס קאָנען זיך באַגיין מיט ווייניקער. זיי האָבן זיך געביטן מיט די שפּראָצלינגען פֿון טאָמאַטן, פֿון אוגערקעס, זוקיניס, פֿאַר־שיידענע מינים בלומען.

— דאָס לעבן, מײַן טײַערע — האָט מיסעס זאַגרעטי געזאָגט — איז אַ גאָרטן ווו עס וואַקסן אַלע מינים פֿלאַנצן. אויך דער מענטש איז אַ פֿלאַנץ וואָס מ׳מוז פֿלעגן, קולטיווירן, כּדי ער זאָל אַרויסברענגען פֿון זיך דאָס בעסטע פֿון זײַן שטאַם.

מיסעס זאַגרעטי האָט דעם גאַנצן זומערטאָג פֿאַרבראַכט אין איר גאָרטן. זי האָט זיך באַצויגן צו יעדן געוויקס מיט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי צו אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש. זי האָט זיי געצערטלט מיט די הענט, מיט די אויגן, און ווי בעטין האָט זיך געדאַכט — אויך מיטן האַרץ.

דער שטאָלץ פֿון איר גאָרטן איז געווען איר פֿײַגנבוים. זי האָט דעם בוים אימפּאָרטירט דירעקט פֿון איטאַליע. איבערן ווינטער איז דער בוים געשטאַנען אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצן געוואַנט — פֿון דער קרוין ביז צום



וואָרצל. אין אַפּריל, ווען די געפֿאַר פֿון פֿראָסט איז שוין אַריבער, האָט מיסעס זאַגרעטי אָפּגעוויקלט איר בוים מיט דער זעלבער פּיעטעט ווי מ׳וויקלט אָפּ אַ מומיע פֿון אַן אַנטיקן פּרעה. דאָס איבערגעבן דעם בוים אין רשות פֿון דער פֿרילינגזון פֿלעגט אַלע מאָל פֿאָרקומען אין אַ זונטיק פֿאַר דער מעסע. די גאַנצע משפּחה האָט אָנטייל גענומען אין דער צערעמאָניע: דער זון, די שנור, די מחותּנים און די קינדער פֿון די מחותּנים. געוויינלעך איז דער ספּעקטאַקל פֿאָרגעקומען אין „גוטן פֿרײַטיק”. יעדער פֿון זיי האָט געטאַנצט אַרום דעם בוים, ווי ער וואָלט געווען אַ פּאַגאַנישער גאָט.

נאָך אַ ביסל זון, אַ ביסל רעגן און אַ ביסל אָרגאַנישער קאָרמע, האָט דער בוים גענומען שפּראָצן. קליינע רויטע קנעפּעלעך האָבן זיך באַוויזן אויף די צווײַגן. מיט יעדן טאָג זענען זיי געוואָרן פֿולער, בלעטערלעך האָבן זיך אויסגעשיילט, זיך צעעפֿנט ווי גרינע לעפֿל קעגן דער זון. מיסעס זאַגרעטי האָט זיך ממש געשפּיגלט אין די בלעטער. אין דער פֿרי און אין אָוונט האָט זי געוואַסערט דעם בוים. זי האָט געציילט די בליטן און שפּעטער די פּירות. צום פֿײַגנבוים האָט מיסעס זאַגרעטי גערעדט איטאַליעניש.

סוף סעפּטעמבער, בײַם אײַנזאַמלען די פֿײַגן, האָט די אַלמנה זאַגרעטי גערעדט צו זיך אַליין. זי האָט גערעדט מיט אַ ניגון וואָס האָט אויך געקאָנט זײַן אַ געזאַנג. איבערן פּלויט האָט זי בעטין מכבּד געווען מיט אַ טוץ גרינע פֿײַגן. זי האָט די פֿײַגן אויסגעלייגט אויף אַ טעלערל, צוגעדעקט מיט אַן אויסגענייטן טישטעכל.

— איר זענט די איינציקע וואָס געניסט פֿון מײַן פֿײַגנבוימס פּרוכטן — האָט זי געזאָגט. מײַן אייגענע שנור האָט ניט דעם זכות. אַ מענטש וואָס קאָן זאָגן אַז פֿײַגן פֿון אַ בלעכענער פּושקע זענען פּונקט אַזוי גוט ווי די פֿײַגן פֿון בוים, האָט ניט די ווערט צו פֿילן דעם טעם פֿון אַן אמת גוטער, נאַטירלעכער פּרוכט, אַ פּרוכט אָן כעמישע מאַכערייקעס, אָן קינסטלעכער קאָרמע, אַ פּרוכט ווי גאָט האָט זי באַשאַפֿן. נאָר וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פֿון אַן אַמעריקאַנערין וואָס לאַקירט די נעגל און פֿאַרבט די האָר!

בעטי האָט צו ליב געטאָן איר שכנה. זי האָט געלויבט די פֿײַגן און איר פֿאַרזיכערט, אַז טאַקע נאָר אַן איטאַליענישער בוים קאָן אַרויסגעבן אַזאַ געשמאַקע פּרי. זי האָט זיך באַצויגן צו דער אַלמנה מיט אויפֿריכטיקער וואַרעמקייט. זי האָט אויסגעהערט אירע רייד וואָס זענען אַלע מאָל געווען

די זעלבע: דער גאָרטן, די ווירטשאַפט, דעם זונס שפּיַיזקראָם און די קרומע וועגן פון איר אַמעריקאַנער שנור.

אין שיינעם ווינטערטאָג, בעת בעטי איז געזעסן ביַי דער מאַשין אַריַינגעטאָן אין איר אַרבעט, האָט מיסעס זאַגרעטי אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. בעטי האָט זי שוין דורכן פענצטער געזען קומען און זיך ניט געקאָנט צוגלייבן אַז דאָס גייט זי טאַקע צו איר. פאַר די דריַי יאָר, זינט בעטי און איר משפחה האָבן זיך אַריַינגעצויגן אין דער געגנט, האָט נאָך די אַלמנה איר שוועל ניט איבערגעטראָטן, און אויך בעטי איז ניט אַריַין צו יענער. זייער פריַינדשאַפט איז קיין מאָל איבערן פּלויט ניט אַריבער. דאָס ערשטע יאָר האָט מיסעס זאַגרעטי די ייִדישע פאַמיליע מיט אַ כּיוון איגנאָרירט. זי האָט ווי באַשלאָסן ניט צו זען בעטיס פריַינדלעכן שמייכל, ניט צו ענטפערן אויף איר שטומער באַגריסונג. דאָס הויז האָט פריִער באַלאַנגט צו אַן איטאַליענישער פאַמיליע, און מיסעס זאַגרעטי האָט דעם ביַיט ניט געקאָנט פאַרדיַיען. ערשט מיטן אָנקום פון פרילינג, ווען ביידע פרויען האָבן געאַרבעט אין גאָרטן, האָט זיך צווישן זיי איינגעשטעלט אַן אומגעריכטע פאַרבינדונג, אַ קרובישאַפט פון געפילן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט און פאַרקניפּט, ווי די וואָרצלען אונטערן פּלויט.

מיסעס זאַגרעטי האָט, קעגן איר איַינגעשטעלטער מיינונג, באַמערקט אַז איר ייִדישע שכנה טוט איר גאָרטן־אַרבעט מיט איַינגעבוירענער שלימות. זי האָט עס געזען אין אירע ניט־באַהענטשיקטע הענט. זי איז געשטאַנען אויף יענער זיַיט פּלויט און געקוקט מיט חידוש ווי בעטי גראַבלט די ערד מיט נאַקעטע פינגער, אַ זאַך וואָס איר שנור וואָלט קיין מאָל ניט געטאָן. האָט זי זיך איבערגעבויגן אַריבערן פּלויט און אָנגעבאָטן איר ניַיער שכנה אַ האַלבן טוץ גלאַדיאָלע־וואָרצלען. זי האָט איר אָנגעוויזן ווי אַזוי זיי צו פאַרזעצן, ווי אַזוי זיי צו פלעגן, און נאָכן זומער די וואָרצלען אויסגראָבן און באַהאַלטן פאַרן קומענדיקן סעזאָן.

דעם צווייטן פרילינג האָט מיסעס זאַגרעטי אויסגעכאָוועט פאַר איר שכנה טאָמאַטן־פלאַנצן, ריַיף גענוג צו פאַרזעצן אונטערן פריַיען הימל. אין דער פרי האָבן די צוויי פרויען זיך באַגריסט מיט אַ פריַינדלעכן „גוט־מאָרגן“, אין אָונט איך געווונטשן „אַ גוטע נאַכט“. אין הויז אַריַין האָט מען זיך קיין מאָל ניט פאַרבעטן. דער גאָרטן איז געווען דער פאַרמיטלער וואָס



דערנענטערט מענטש צו מענטש. ווען דער גאָרטן האָט געבליט, האָט זייער פריַינדשאַפט געבליט, דורך דער טיר פון הויז האָט זייער פריַינדשאַפט זיך ניט געקאָנט דורכשטופּן.

איצט, ווען די אַלמנה האָט אָנגעקלאַפּט אין בעטיס טיר, האָט זי בעטי באַגעגנט מיט אָפענער שטוינונג. זי האָט ניט געוווּסט צי זאָל זי די אַלמנה אַריַינבעטן אין הויז אַריַין אָדער דערליידיקן דעם ענין אויף יענער זיַיט טיר. מיסעס זאַגרעטי האָט דערפילט איר פאַרלעגנהייט און אָן צערעמאָניעס אַריבערגעטראָטן די שוועל. „מאַכט צו די טיר, אַ שאָד די וואַרעמקייט אַרויסצולאָזן“, האָט זי געזאָגט.

מיסעס זאַגרעטי האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, דעם שוואַרצן שאַל פון קאָפּ האָט זי ניט אַראָפּגענומען. זי איז געזעסן און האָט געציילט די תפילה־פּאַטשערקעס, ווי זי וואָלט זיך געפונען פאַרן גלח אין מתוודה־שטיבל, ניט אין אַ ייִדיש הויז.

בעטי האָט אויפגעקאָכט קאַווע. זי האָט זיך געדרייט אַרום איר גאַסט, געוואַרט אַז יענע זאָל אַרויסקומען מיט רייד.

— ווי קומט עס וואָס איר זענט היַינט ניט געגאַנגען העלפן איַיער זון אין זיַין געשעפט? צי איז עפּעס געשען?

מיסעס זאַגרעטי האָט אָנגעקוקט איר שכנה, ווי עמעצן וואָס מ׳דערוואַרט ניט צו זען אין דעם מאָמענט.

— ווי איר באַמערקט אַזוי אַלץ — האָט זי געזאָגט — ניין, ניט געקאָנט ביַי זיך פועלן דעם היַינטיקן טאָג זיך צו פאַרנעמען מיט מיסחר.

בעטי האָט געזופּט איר קאַווע און מיט זיַיטיקע בליקן געפּאָרשט איר עלטערע שכנה. יענע האָט זיך צו דער קאַווע ניט צוגערירט. עפּעס האָט דאָך פּאָרט געמוזט פּאַסירן, האָט בעטי געטראַכט. אפשר איז היַינט אַ רעליגיעזער יום־טוב? ניין, ס׳זעט אויס מער ווי אַ פערזענלעכע סיבה, דער שאָטן אויף איר פּנים זאָגט עדות דערויף. די נאָז אירע איז היַינט מער פאַרשפּיצט ווי אַלע מאָל. אירע באַקן איַינגעפאַלן, ניט געבליבן מער קיין סימן פון די זומערדיקע קאָלירן. נאָר די ברעמען שוואַרץ, שטרענג צונויפגעוואַקסן, ווי זיי וואָלט באַשערט געווען אָנצוהאַלטן אַ זכר פון איר אַמאָליקן גלאַנץ.

מיסעס זאַגרעטי איז נאָך אַלץ געזעסן אַ שטילשוויַיגנדיקע, פאַרטאָן

אין זיך אַליין. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט איבערן צימער.

— אַזעלכע לײדיקע ווענט בײַ אײַך — האָט זי אַ ברום געטאָן מיט פאַרדרוס.

— לײדיק? — האָט בעטי צוריקגעפרעגט — איך פאַרשטײ ניט וואָס איר מײנט, מיסעס זאַגרעטי.

— בײַ די פריערדיקע בעלי־בתּים זענען די ווענט געווען באַהאָנגען מיט הײליקע בילדער.

— מיר, ייִדן, באַנוצן זיך ניט מיט קײן רעליגיעזע בילדער — האָט בעטי געענטפערט.

— אַ הויז אָן אַ בילד איז ווי אַ האַרץ אָן אַ גאָט, פלעגט מײַן מאַמע זאָגן — ווען איך בעט צו גאָט, מוז איך האָבן אַ בילד פאַר די אויגן.

— מיר, ייִדן, טראָגן גאָט אין האַרצן — האָט בעטי שאַרף געענטפערט.

— איך וויס, איך וויס. איך זע אײַך אָפט מאָל שטײן בײַם פענצטער, נאָר מענטשן וואָס פילן די נאָענטקײט פון דער געטלעכער השגחה קאָנען שאַפן אַזאַ בילד. מיך קאָן מען ניט נאַרן, איך פאַרשטײ זיך אויף מענטשן, איך באַנעם זײ אפשר ניט אַזוי ווײַט מיטן שׂכל, ווי מיט עפּעס וואָס מײַנע אָבות האָבן אין מיר פאַרפלאַנצט. איך פיל אַז אויך איר, בעטי, האָט דעם עפּעס, דעריבער איז מיר גרינגער צו רעדן צו אײַך, אײדער צו מײַן שנור, מײַן זון, אָדער אַפילו מײַן פריסט.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט, מיסעס זאַגרעטי, צוליב דעם אַליין האָט איר זיך ניט געדאַרפט מטריח זײַן.

די אַלמנה האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך גיך דורכגעשאַרט דורכן קאָרידאָר און געבליבן שטײן אויף יענער זײַט טיר. אַ זומערדיקער שמײכל האָט אַ שײַן געטאָן אויף איר פּנים. זי האָט אײַנגעצויגן דעם שאַל אַרום קאָפּ, פאַרקנעפּלט דעם מאַנטל. ווי פון אַ געהײמער האַנט האָבן זיך די קנײטשן אויף איר פּנים אויסגעפּרעסט. זי האָט אַ הוסט געטאָן און געזאָגט:

— קאָנט איר זיך פאַרשטעלן אַז אַ מענטש זאָל זיך צובינדן צו אַ פליגעלע?

— צו וואָס? — האָט בעטי געפרעגט.

— אַ פליגעלע, אַ פּשוטע הויזפליג, איר ווײסט וואָס איך מײן?



— יאָ, אַוודאי, איך האָף אַזוי.

— און איר לאַכט ניט פון מיר?

— נײן, פאַר וואָס זאָל איך לאַכן, אַ פליגעלע איז אויך גאָטס באַשעפעניש.

די אַלמנה האָט זיך ווידער גענומען פאָרען מיט די פּאַטשערקעס. איר שמײכל איז פאַרשוווּנדן.

— דאַכט זיך, אַ מענטש האָט מיט אַ פליגעלע קײן שײַכות ניט. ער האָט עס אין שטוב ניט פאַרבעטן. ער האָט פאַר איר קײן נעסט ניט געגרײט, קײן שיסל עסן ניט אַוועקגעשטעלט, און דאָך — איר פאַרשטײט וואָס איך מײן?

בעטי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

מיסעס זאַגרעטי האָט זיך אָנגעלענט אין דער האַלב־אָפענער טיר, אַזוי ווי איר שטײגער איז געווען זיך אָנצולענען אויפן פּלויט. מ'האָט געקאָנט זען אַז אין דרויסן פילט זי זיך פרײַער. אירע רײד שטראָמען אומגעצוימט:

— איר קאָנט זיך גאָר ניט פאַרשטעלן וויפל צער דער טויט פון עם פליגעלע האָט מיר הײַנט פאַרשאַפט. איך קום אַרײַן אין קיך, מײַן פליגעלע, אַ ברעקעלע, ליגט אויפן פענצטערברעט טויט. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? הענט און פיס זענען מיר אָפּגענומען געוואָרן. איך האָב געפילט ווי איך וואָלט צום צווײטן מאָל געוואָרן אַן אַלמנה.

בעטי האָט אַראָפּגעקוקט צו די ערד און געשוויגן. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגערירט דער אַלמנהס אַקסל.

מיסעס זאַגרעטי האָט זיך אַ טרײסל געטאָן ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טראַנס:

— איר מוזט פאַרשטײן אַז דאָס פליגעלע איז געווען פאַר מיר אַ מין נשמה־פרײַנד. יעדעס מאָל ווען איך בין אַרײַן אין הויז, איז עס מיר אַנטקעגנגעפלויגן. ס'איז מיר נאָכגעפלויגן פון חדר צו חדר. בײַ נאַכט, ווען איך האָב זיך געלײגט אין בעט אַרײַן, האָט דאָס פליגעלע געקרײַזט אַרום נאַכטלאָמפּ — אַרום און אַרום, אַרום און אַרום. זיך אַוודאי געפּרוּווט דערשלאָגן צו דער וואַרעמער נעסט ווו עס איז געבוירן געוואָרן. עס איז ניט געווען אין גאַנצן דערוואַקסן. אַוודאי אין שפּעטן זומער פון אײעלע זיך אויסגעבריט, ווען אַלע באַשעפענישן פון איר מין זענען שוין געווען טויט, האָט עס ערשט

אָנגעהויבן צו לעבן. איך האָב אַזוי צו זאָגן דערפילט די טראַגעדיע פון בלייַבן אַליין אויף דער וועלט. אַלע פעדעם איבערגעריסן, אַלע סטעזשקעס פאַרוואַקסן, די נאָענטסטע פאַרטיליקט, די שפורן פאַרווישט, אָן אויסבראַקירטע פון גורל אָפצופינצטערן אַ לעבן וואָס איז נאָר איין מאָל באַשערט...

בעטי האָט איר געוואָלט זאָגן אַז זי קען אַ סך מענטשן וואָס זענען פאַריתומט געוואָרן און פאַרבליבן אַליין אויף דער וועלט, ניט צוליב אַ טעות אין קאַלענדאַר, נאָר דווקא דורך דער אויסגערעכנטער, ברוטאַלער, אָרגאַניזירטער מערדערהאַנט פון אַ פאָלק.

פון ערגעץ ווו איז אָנגעלאָפן אַ ווינט און האָט אויפגערודערט די צווייַגן אויף די נאַקעטעביימער. מיסעס זאַגרעטיס ליפן זענען בלוי געוואָרן פון קעלט.

— אפשר פאָרט זיך אַריבערכאַפן צום זון אין סטאָר? וואָס איז ער נעבעך שולדיק אַז ער האָט אַזאַ נאַרישע מאַמע?

— ניט קיין שלעכטער אייַנפאַל, מיסעס זאַגרעטי. גייט, גייט, מיר וועלן וועגן דעם נאָך שמועסן.



# דער חוב

זי איז געלעגן אויפן אָפעראַציע־טיש מיטן פנים צום סופיט. איר איבערשטער טייל קערפער איז געווען שטייַף פאַרפאַנצערט מיט פלאַסטישע בענדער. די קני האָט זי געהאַלטן אויפגעשטעלט, די פיס אָפגעדעקט, אָפן.

זי האָט ניט געטראַכט פון דער פאַרשטייענדיקער סכנה. די ספקות און דעם זעלבסט־רחמנות האָט זי איבערגעלאָזט אין איר מאַנסאַרדע־שטיבל, דאָרט ווו זיי זענען צו ערשט אויפגעקומען און זיך באַזעצט אין איר. זי האָט זיי צעהאָנגען, ווי אַנאָנימע שירה־גריסלעך אויף דעם זשעדנעם שטיקל הימל וואָס האָט זיך געשפרייט ווי אַ לאַטע איבער איר דאַך־פענצטערל אויפן זעקסטן שטאָק.

אויפן אָפעראַציע־טיש איז זי געווען רויִק, אַ מין פערוועזע רויִקייט וואָס נעמט אַרום געוויסע מענטשן ווען אַלץ זעט אויס פאַר זיי פאַרלוירן. הינטער די אויגן־דעקלעך האָט זי געהאַלטן אַ זומער־פרימאָרגן, וואָס האָט זיך באַזעצט אויף די ראַנדן פון איר באַוווסטזייַן און ניט דערלאָזט אויפצונעמען די רעאַליטעט.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן אָן באַזונדערע פּאַסירונגען. די זון האָט נאָר וואָס דערגרייכט דעם ערשטן גאָרן פון סאַקרעקער, מיט ווייכע גאָלדענע פינגער געזוכט אַ וועג דורך די רייַך־צעבלעטערטע קאַשטאַנביימער, און אָנגערירט דאָס שטיינערנע ייִנגעלע, פון וועמענס גליד ס'ריזלט אַ פאַלנדיקער שטראָם.

אין דעם אָפעראַציע־צימער זענען קיין פענצטער ניטאָ. דאָס נעאָנליכט שטראָמט פון אוממיטלבאַרע קוואַלן, שלאָגט זיך אָן אין סופיט און נידערט אַראָפ צום דיל. דאָס מיידל אויפן טיש האַלט די אויגן צוגעמאַכט. זי זעט קיינעם ניט. זי הערט שטימען וואָס קומען פון אַן אַנדערער וועלט מיט וועלכער זי האָט קיין שום שייַכות ניט. זיי רעדן וועגן עמעצן וואָס זי וויל ניט קענען. שיצט זי זיך אונטער דער וויזיע פון זומערדיקן פרימאָרגן, שיצט

בלומע לעמפעל

# אַ רגע פון אמת

דערציילונגען

פארלאג י. ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשמ״א — 1981




PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*
*A REGE FUN EMES*

©
כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981
נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

אָנגעהויבן צו לעבן. איך האָב אַזוי צו זאָגן דערפילט די טראַגעדיע פון בלײַבן אַליין אויף דער וועלט. אַלע פּעדעם איבערגעריסן, אַלע סטעזשקעס פאַרוואַקסן, די נאָענטסטע פאַרטיליקט, די שפּורן פאַרווישט, אַן אויסבראַקירטע פון גורל אָפּצופּינצטערן אַ לעבן וואָס איז נאָר איין מאָל באַשערט...

בעטי האָט איר געוואָלט זאָגן אַז זי קען אַ סך מענטשן וואָס זענען פאַריתומט געוואָרן און פאַרבליבן אַליין אויף דער וועלט, ניט צוליב אַ טעות אין קאַלענדאַר, נאָר דווקא דורך דער אויסגערעכנטער, ברוטאַלער, אָרגאַניזירטער מערדערהאַנט פון אַ פאָלק.

פון ערגעץ ווו איז אָנגעלאָפן אַ ווינט און האָט אויפגערודערט די צווײַגן אויף די נאַקעטע ביימער. מיסעס זאַגרעטיס ליפּן זענען בלוי געוואָרן פון קעלט.

— אפשר פאָרט זיך אַריבערכאַפּן צום זון אין סטאָר? וואָס איז ער נעבעך שולדיק אַז ער האָט אַזאַ נאַרישע מאַמע?

— ניט קיין שלעכטער אײַנפאַל, מיסעס זאַגרעטי. גייט, גייט, מיר וועלן וועגן דעם נאָך שמועסן.



# דער חוב

זי איז געלעגן אויפן אָפּעראַציע־טיש מיטן פּנים צום סופיט. איר אייבערשטער טייל קערפּער איז געווען שטײַף פאַרפּאַנצערט מיט פּלאַסטישע בענדער. די קני האָט זי געהאַלטן אויפגעשטעלט, די פיס אָפּגעדעקט, אָפּן.

זי האָט ניט געטראַכט פון דער פאָרשטייענדיקער סכּנה. די ספקות און דעם זעלבסט־רחמנות האָט זי איבערגעלאָזט אין איר מאַנסאַרדע־שטיבל, דאָרט ווו זיי זענען צו ערשט אויפגעקומען און זיך באַזעצט אין איר. זי האָט זיי צעהאָנגען, ווי אַנאָנימע שירה־גריסלעך אויף דעם זשעדנעם שטיקל הימל וואָס האָט זיך געשפּרייט ווי אַ לאַטע איבער איר דאַך־פענצטערל אויפן זעקסטן שטאָק.

אויפן אָפּעראַציע־טיש איז זי געווען רויִק, אַ מין פּערוועזע רויִקייט וואָס נעמט אַרום געוויסע מענטשן ווען אַלץ זעט אויס פאַר זיי פאַרלוירן. הינטער די אויגן־דעקלעך האָט זי געהאַלטן אַ זומער־פרימאָרגן, וואָס האָט זיך באַזעצט אויף די ראַנדן פון איר באַוווּסטזײַן און ניט דערלאָזט אויפצונעמען די רעאַליטעט.

ס׳איז געווען אַ פרימאָרגן אָן באַזונדערע פּאַסירונגען. די זון האָט נאָר וואָס דערגרייכט דעם ערשטן גאָרן פון סאַקרעקער, מיט ווייכע גאָלדענע פינגער געזוכט אַ וועג דורך די רײַך־צעבלעטערטע קאַשטאַנביימער, און אָנגערירט דאָס שטיינערנע ייִנגעלע, פון וועמענס גליד ס׳ריזלט אַ פאַלנדיקער שטראָם.

אין דעם אָפּעראַציע־צימער זענען קיין פענצטער ניטאָ. דאָס נעאָנליכט שטראָמט פון אוממיטלבאַרע קוואַלן, שלאָגט זיך אָן אין סופיט און נידערט אַראָפּ צום דיל. דאָס מיידל אויפן טיש האַלט די אויגן צוגעמאַכט. זי זעט קיינעם ניט. זי הערט שטימען וואָס קומען פון אַן אַנדערער וועלט מיט וועלכער זי האָט קיין שום שײַכות ניט. זיי רעדן וועגן עמעצן וואָס זי וויל ניט קענען. שיצט זי זיך אונטער דער וויזיע פון זומערדיקן פרימאָרגן, שיצט

זיך לאַנג, אויך נאָך דעם ווי די קראַנקן־שוועסטער האָט צוגעלייגט די עטער־מאַסקע צו איר נאָז.

זי הערט אַ שטים וואָס באַפעלט איר צו ציילן: Un, deux, trois (איינס, צוויי, דריי). זי שטעלט אונטער דאָס מויל צום יִינגעלעס אומשולד. דאָס קוואַלנדיקע וואַסער איז קאַלט. עס גיסט זיך איבער איר פּנים, איבער איר לײַב... Quatre, cinq, six, sept (פיר, פינף, זעקס, זיבן.)

אויב דאָס איז דער לעצטער אָטעמצוג, טראַכט זי, איז גוט וואָס ס׳האָט פּאַסירט דאָ, בײַ דער סטאַטוע פון יִינגעלע, גוט וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין דער פרי, איידער די מאַמעס מיט די קינדער־וועגעלעך פילן אָן דעם סקווער.

די קראַנקן־שוועסטער בײַ איר צוקאָפּנס דריקט די מאַסקע צו איר פּנים. איר האַנט איז ווײַכלעך ווייך. מיט דער רעכטער האַנט האַלט זי די מאַסקע, מיט דער לינקער גלעט זי איר שטערן. דאָס מיידל אויפן טיש גיט זיך אונטער דער שוועסטערס קילע פינגער. אויך זי האָט אַלע יאָרן געוואָלט זײַן אַ קראַנקן־שוועסטער, טראַכט זי.

— Respirez Mlle (אָטעמט פרײַלין) — הערט זיך עמעצענס היפּנאָטישע שטים — צוויי און צוואַנציק, דרײַ און צוואַנציק — דער צימער שווימט. די שטימעס טרינקען זיך. זיי טויכן אויף און גייען אונטער. די וואַסערן וואָס דעקן זיי איבער זענען שוואַרץ און טיף, זיי שוימען ניט ווי דער ים, זיי שטייען פאַרגליווערט אויף איין אָרט: אַ סטאַגנירטע אָזערע פול מיט כלאָראָפאָרם. זי, אַ פּאַס נעאָנליכט, ציטערט אויף דער אייבערפלאַך אָן אָנווייז, אָן ריכטונג.

זי פילט די הענט וואָס דרינגען אַרײַן אין אירע אינטימע ערטער, גליטשן זיך ווי פיש אַרײַן און אַרויס. די רו וואָס באַהערשט זי איז טיף ווי דאָס וואַסער, ווי דער ווירבלראָד וואָס דרייט זיך אַרום איין איינציקן געדאַנק. אויך דער געדאַנק איז פאַרנעפּלט, רירט ניט אָן דעם עצם איך. די דראַמע וויקלט זיך הינטער אַ פירהאַנג. אויף דער זײַט פון דער סצענע הערשט טאָטאַלע רו.

די שטימעס וואָס קומען פון דער טיף גייען איר ניט אָן. זיי רעדן וועגן עמעצן וועמען זי וויל לחלוטין ניט קענען. זיי רעדן וועגן דעם מיידל וואָס ליגט אויפן טיש: אַ בתולה און — פיר חדשים שוואַנגער.

די דאָזיקע ווערטער דערמאָנט זי זיך ערשט אין אַלגעמיינעם זאַל.



זי וויל דערפון נישט טראַכטן, קוקט זי נאָך דער קראַנקן־שוועסטער וואָס באַוועגט זיך גראַציעז, מיט לײַכטע פלינקע טריט. די קראַנקן־שוועסטער כאַפּט אויף איר בליק, זי דערנענטערט זיך צו איר, זי ווישט אַרום איר פּנים, נעמט אַוועק דאָס שיסעלע צום ברעכן, דעקט זי אַרום.

ערשט איצט באַמערקט זי אַז זי ליגט לעבן אַ פענצטער. די לאָדנס זענען פאַרמאַכט. זי הערט דעם רעגן, זעט די גרויע פּאַסן טאָג. פייגעלעך רודערן ערגעץ נאָענט. מן־הסתם איז דאָ אַ גאָרטן, ביימער, בלומען.

בײַ דער קעגנאיבערדיקער וואַנט ברעכט אַ פרוי. אַ וואַלד מיט רויטע האָר פאַרשטעלט איר פּנים. אַ יונגער בחור מיט פּריצייטיק גרויע האָר בייגט זיך איבער איר. ער העלפט איר זיך איינאָרדענען צוריק אויפן קישן, צעשפּרייט אירע האָר ווי אַ פײַערראָד.

די שוועסטער גייט פון בעט צו בעט. אירע טריט זענען ריטמישע, זיי וויקלען זיך אַרום געדאַנק ווי אַנאַסטעטישע מאַסקעס, זיי דערווײַטערן דאָס רעאַלע, פאַרנעפּלען דעם מאָמענט.

אויפן שכנותדיקן בעטל קעמט זיך אַ פרוי די האָר. זי קוקט אין שפּיגל און רעדט צו ניטדאָיִקע צוהערער. און אפשר רעדט זי גאָר צו איר? רעדט דורכן שפּיגל ווי דורך אַ פּאָזיטיוון מאָסשטאַב. אַן אָן־סופיקער שנור פון רייד. די שנור וויקלט זיך אַרום איר משפּחה, איר מאַן, אירע קינדער. איר מאַן — זאָגט זי — ווערט קיין מאָל ניט זאַט. ליבע בײַ טאָג און ליבע בײַ נאַכט. ס׳איז ניט מער קיין ליבע, ס׳איז אַ קאַשמאַר.

אירע רייד לייגן זיך אויפן מיידלס געמיט ווי רויער אַספאַלט. דער אײַנדרוק בלײַבט אויף אייביק פאַרקילט. זי בייגט זיך אַראָפּ, הייבט אויף דאָס שיסעלע, ברעכט אויס. אויפן טישל בייַ איר זײַט ליגט אַ זייגערל. דער, וואָס האָט געזאָלט קומען צו איר, האָט זיך פאַרשפּעטיקט? און אפשר וועט ער אין גאַנצן ניט קומען?

דער יונגער־מאַן מיט די פּריצײַטיק גרויע האָר קושט די הענט פון דעם רויט־געלאָקטן מיידל. זי איז נאָך גאָר אַ יונגע. אפשר פופצן און אפשר זעכצן. זי איז אַ געמיש פון פאַרשיידענע ריטמען. איר פּראָפיל איז שאַרף געצייכנט: הויכע קינבאַקן, דאָס נעזל פאַרריסן, דער שטערן נידעריק, דאָס מויל קליין, אָפן, פול מיט חן.

די פרוי אויפן שכנותדיקן בעטל פּאַקט שוין אירע זאַכן. זי איז שוין דאָ

אין שפּיטאָל צום פערטן מאָל. הינטערן פּודער ברעכט זיך איר פּנים. די ליניע פון איר האַלדז איז פאַרגאָסן מיט פעטס. זי ציט אַרויף די זאָקן אויף אירע בלויאָדערדיקע פיס. איר מאַן וואַרט שוין אויף איר. ער קוקט ניט אין איר זײַט, ער קוקט אויף דעם רויטהאָריקן מיידל.

איז זי מקנא דאָס רויטהאָריקע מיידל? וויל זי אויך פילן אַ האַנט אויף איר שטערן? הערן אַ וואָרט שעפּטשען אין איר אויער? וויל זי ער זאָל קומען?

דאָס רויטהאָריקע מיידל איז אַ פראַנצויזינקע, די קונסט פון ליבע איז אין איר בלוט. זי אָבער איז ניט מער ווי אַן אימיטאַציע, געוואָלט עמעצן נאָכטאָן און אפשר גאָר אָפּטאָן אַ מין להכעיס זיך אַליין.

וואָלט זי דאָ געשטאָרבן, וואָלט זיך שוין אַלץ אַליין פאַרענטפערט. איר פרײַנד וואָלט געשריבן צו איר טאַטן אַז זי איז אומגעקומען אין אַן אומגליקספאַל. און אפשר וואָלט ער דאָס אויך ניט געטאָן. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ פרעמדער.

דאָס רויטהאָריקע מיידל קושט איצט איר געליבטנס הענט. זי האַלט זײַן דלאָניע בײַ אירע ליפּן און דעקט זי צו מיטביידע הענט.

ערגעץ צווישן דעם רויטהאָריקן מיידל און דער פאַרפּודערטער דאַמע שטייט זי. ניין, זי שטייט ניט. זי פליט. עראָטישע ווינטן קערעווען איר לופטשיף... וועט זי נאָך בשלום לאַנדן? וועט זי נאָך שטיין בלײַבן מיט די פיס אויף דער ערד?

אין איר מאַנסאַרדע-שטיבל אויפן זעקסטן שטאָק טונקלט שוין אַוודאי. די גרויע הימל-לאַטע ווערט ביסלעכווײַז אָפּגעווישט. זי וועט ליגן אויפן בעט, די גרויע ווענט וועלן ווערן גרויער, ענגער. זי וועט ציילן די טריט אויף די נאַקעטע טרעפּ. וועט זיך עמעצער אָפּשטעלן בײַ איר טיר?

וויל איך טאַקע ער זאָל קומען? וואָס האָב איך אים צו זאָגן? וואָס וויל איך פון אים הערן? אַ בתולה — פיר חדשים שוואַנגער... ניין, זי וועט אים דאָס ניט דערציילן. זי קאָן אַפילו פון דעם ניט טראַכטן. ער האָט באַצאָלט פאַר דעם פאַרגעניגן, דער חשבון איז אונטערגעצויגן, באַצאָלט, פאַרענדיקט.

ווי שנעל דאָס האָט פּאַסירט, טראַכט זי. די זעלבע וואָך וואָס זי איז געבליבן אַרבעטסלאָז איז געקומען דער בריוו פון איר טאַטן אַז ער איז



קראַנק. ער האָט געשריבן אַז ער מוז דורכגיין אַן אָפּעראַציע און קיין געלט איז ניטאָ. נאָך אַלעם, איז זי דעם טאַטן שולדיק אַ חוב. ער האָט פאַרקויפט זײַן טייל פון דער ירושה צו דעקן אירע רײַזע-הוצאות קיין פּאַריז. אמת, ער האָט זיך דעמאָלט געקליבן חתונה צו האָבן און געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון זײַן דערוואַקסענער טאָכטער. אויך זי האָט געוואָלט וואָס ווײַטער אַוועק פון דעם נײַעם פאַרפאָלק.

דער בריוו איז ווי אַ שלאָס וואָס פאַרהאַקט דעם רינג, אַ פּסיכאָלאָגישער רינג פון וועלכן זי קאָן זיך ניט באַפרײַען, און אפשר וויל זי זיך ניט באַפרײַען?

— איך נייטיק זיך אין אַ הלוואה — האָט זי געזאָגט צו איר באַווײַבטן, באַאָרטן, רײַכן און אומדערמידלעכן באַוווּנדערער. די אידעע איז צו איר געקומען אומגעריכט. זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער ווי זיי וואָלטן גע־קומען ניט פון איר, נאָר פון קלאָדעט, אָדער סימאָנס וועלטבאַנעם.

— וויפל דאַרפסטו? — האָט ער געפרעגט.

— פינף טויזנט פראַנק.

— דאָס אַלץ?

— יאָ, אַזוי פיל דאַרף קאָסטן מײַן פאָטערס אָפּעראַציע.

— דו ביסט אַ קינד — זאָגט ער — דאָס איז ניט גענוג. — בעת ער רעדט, פאַרשליסט ער די טיר פון אינעווייניק. ער פאַרלעשט דעם לאָמפּ. זי זעט ניט זײַן פּנים. זי הערט זײַן שטים — הייס, צודרינגלעך, כריפּעוואַטע. זי טראַכט פון איר טאַטן. און אפשר טראַכט זי אין גאַנצן ניט? זי מאַכט צו די אויגן... ווי שנעל דאָס אַלץ איז געשען. אַ טאָפּלטע אָפּעראַציע, דעם טאַטנס און דער טאָכטערס... און די מאַמע אין קבר ליגט אַ טאָפּלט פאַר־שעמטע.

געדאַנקען לויפן, קייטלען זיך איינע אין אַנדערן. זי דרעמלט אײַן און וועקט זיך איבער. דאָס שכנותדיקע בעט איז שוין פאַרנומען פון אַן אַנדערער פּאַציענטקע. אַ קראַנקן-שוועסטער גרייט זי צו צו דער אָפּעראַציע. דאָס רויט געלאָקטע מיידל מיטן פּערפעקטן פּראָפיל פון אינגערס אָדאַליסק פײַלט זיך די נעגל. זי שמייכלט צום ליידיקן בענקל וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַרלאָזט.

דורך די פאַרהאַקטע לאָדנס שפּאַרט אַ נײַער טאָג. ערשט איצט דערפילט

זי דעם ווייטיק אין בויך. דער ווייטיק איז שאַרף ווי טויזנט כּלבים וואָלטן געביסן אירע געדערעם. דאָס לײַב ברענט. זי זאָגט זיך אָפּ צו נעמען אַ באַטויבונג־פּיל. די קראַנקן־שוועסטער קוקט זי אָן מיט אײַנזעעניש. „קאָן איך אײַך ברענגען אַ לימאָנאַדע, קאַווע, טיי?"

ניין, זי וויל גאָרניט. זי וויל פילן דעם ווייטיק ביז אין ביין. זי וויל אויסברענען דאָס ווילדפלייש, אָפּשיילן די מאַסקע, דערקענען זיך אַליין.

אויף דער גרינער לאָנקע פון איר יוגנט זעט זי דאָס מיידעלע, זי שפּילט זיך אין שערבלעך. זי האָט נאָר וואָס געפונען אַ וווּנדער־שערבל — און אַנט־דעקט אַ פאַנטאַסטישע וועלט, אַ וועלט פון רויט און גרין און בלוי. בײַטשן קרעלן, גרינע פּערל, די קראָפּעווע גליט ווי זיבן זונען, די שטיינער אויפן וועג זענען גאָלדענע מטבעות.

דאָס בלאָנדע שייגעצל פון יענער זײַט טײַך שטעלט איר אונטער אַ פיסל. ער רײַסט אַרויס דאָס שערבל פון אירע הענט. דאָס מיידעלע וויינט. דאָס מיידעלע אין איר וויינט נאָך איצט, וויינט נאָך אַלץ. דאָס צויבער־שערבל האָט דאָס שייגעצל צעבראָכן, מיט די פיס צעטראָטן...

— איז נאָך מעגלעך פאַר מיר צו ווערן אַ קראַנקן־שוועסטער? — פרעגט זי מיט אַ שוואַכן קול.

— געוויס — ענטפערט די קראַנקן־שוועסטער — נאָך צוויי יאָר שטו־דירן איז דאָס שיסעלע צום ברעכן אין גאַנצן אײַערס, מיט אַלע צוגאָבן דערצו.

זי דרייט זיך אויס צו דער וואַנט. דאָס מיידעלע אויף יענער ווײַטער, גריִנער לאָנקעווישט זיך די אויגן, זי קוקט, טראַכט און דרימלט אײַן.



# אַ רגע פון אמת

לילי ברוין איז אַרײַן אין שנעלצוג זשענעווע—פּאַריז. זי איז געבליבן שטיין בײַם פענצטער, געזען ווי איר מאַן, ד"ר ברוין, נעמט אַראָפּ די שוואַרצע ברילן און ווישט די אויגן. דער צוג האָט אָנגעהויבן רירן.

עס ווערט איר ענג אין האַלדז. פאַר די צען יאָר וואָס זיי זענען צוזאַמען, האָט זי אים נאָך קיין מאָל ניט געזען וויינען. צי איז ער חושד אַז דאָס איז דער סוף? צי זעט ער ווי די סטעליע שפּאַלט זיך און קיין אויסוועג איז ניטאָ?

לילי שטייט מיטן רענצל אין האַנט, זי זעט זיך אין שפּיגלשויב פון צוג, זי זעט זיך ווי אַ געשטאַלט וואָס נאָר דער חלום געדענקט. זי שרעקט זיך פאַר דעם בילד וואָס זי זעט אין שויב און נאָך מער פאַר דעם וואָס זי זעט אין גערדאַנק.

מענטשן שטופּן זיך, אײַלן זיך צו זייערע פּלעצער. לילי רירט זיך ניט. דער קאָנדוקטאָר קוקט אויף איר מיט אָנגעשפּיצטע אויגן. זי דערוועקט אין אים אַ חשד. זי זעט אויס ווי איינע וואָס האָט בדעה צו שפּרינגען דורכן פענצטער.

— מאַדאַם, אײַער בילעט!

לילי דערלאַנגט אים דעם בילעט, אָבער דעם קאָפּ דרייט זי ניט אויס. דער קאָנדוקטאָר קוקט אויפן בילעט: פאַר פּאַסאַזשירן פון סעפּאַראַטקעס האָט ער גאָר אַן אַנדערע באַציִונג. ער נעמט בײַ איר דאָס רענצל, באַגלייט זי צו איר קופּע. ער רוקט אַרויף דעם רולעט, קלאַפּט אויף די קישעלעך. לילי וויל פון אים פּטור ווערן און דערלאַנגט אים אַ באַנקנאָט. דער קאָנ־דוקטאָר רירט זיך אָבער ניט פון אָרט:

— קאָן איך עפּעס טאָן פאַר אײַך? — און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, נעמט ער אויסרעכענען די געריכטן: — פיש אין גרינעם זאָפט, געבראָטנס...

לילי פילט ווי ער וואָלט גערעדט ניט צו איר, נאָר צו יענער פרוי וואָס זי האָט געזען אין פענצטער. די אומבאַקאַנטע פרוי וואָס פאַרט אַרויסגעבן

בלומע לעמפעל

# אַ רגע פון אמת

## דערציילונגען

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ״א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*

*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981

נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

# מײַן פרײַנד בען

איך בין געלעגן אונטער מײַן עפּלבוים און באַוווסטזיניק באַמיט זיך אויסצושיילן פון יעדן דרויסנדיקן אײַנדרוק. כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן און, לויט דער זען־בודיסטישער תורה, געפּרוווט אַריבערטראַכטן איבער דער שטיקנדיקער חמימה, איבער דעם קינדערשן געפּילדער, איבער די נידעריק פּליִענדיקע עראָפּלאַנען, ווי רויבפייגל, איבערן קאָפּ.

ס'איז געווען אין מיטן יולי. „אַפּאָלאָ 11" האָט בשלום געלאַנדיקט אויף דער לבנה, און דער גרויסער מענטשלעכער אויפטו האָט מיר איבערגעלאָזט אַ מאָדנעם נאָכטעם — ניט אַראָפּצושלינגען און ניט אויסצושפּײַען.

אַוודאי בין איך געווען שטאָלץ וואָס דער פאַרשמאַכטער מענטשלעכער עגאָ האָט זיך סוף־כּל־סוף אָפּגעריסן פון דער מאַמע־ערדס נאָפּלשנור און איז אַוועק זוכן באַשערטקייטן וואָס האָבן געדרימלט אין בן־אָדמס פאַנטאַזיע פון זינט ששת ימי בראשית. מיט האַרצפּלאַטערניש האָב איך צוגעזען ווי די אַסטראָנויטן לאָזן איבער זייערע ערדישע פוסטריט אויפן הימלישן קערפּער, ווו ביז איצט האָבן נאָר געוואַנדערט די זיפצן פון פאַרליבטע.

בעת איך האָב זיך געפרייט מיט דעם אויפטו, האָט אָבער געטליִעט אין מיר אַ האָפענונג אַז עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכער כּוח וועט צוריק־שטויסן דעם ערדישן אַרײַנדרינג: ניט קיין מעטאַפיזישע רעוואָלוציע, ניט קיין געטער און אויך ניט קיין מענטשן, אַפילו ניט קיין איבערמענטשן, — שוין געזען וואָס איבערמענטשן קאָנען אויפטאָן... אין מײַן פאַנטאַזיע בין איך גרייט געווען אויפצונעמען דאָס אומגעריכטע און אומדערוואַרטע, וואָס זאָל מיך באַפרײַען פון מײַן גײַסטיקער סטאַגנאַציע און מיר צוריקגעבן די פליגל פאַרן וויזיאָנערישן פלי.

איך בין געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ. די היץ האָט זיך פאַרשטאַרקט. איבער די געדיכטע, פאַרפּעסטיקטע לופטשיכטן פון אינדוסטריעלן רויך האָט זיך די זון געשאַרט גלײַכגילטיק און אַפּאַטיש, ווי זי וואָלט מיט דער וועלט קיין עסק ניט געהאַט. אויך איך האָב זיך באַמיט אַראָפּצווואַרפן פון זיך דעם



ערדישן עול, די שווערע לאַסט פון נישטיקע אַחריותן, וואָס זייגן אויס מײַנע טעג און לאָזן מיך איבער מיט גאָרנישט. איך האָב געזוכט אַ וועג צו יענער אויסער־זיך־טראַכטעניש, וואָס דאַרף אַוועקפירן דעם יחיד פון זײַן באַגרע־נעצטן מהות צו יענע הויכע ספערן, ווו קיין שום זאַך איז ניט פערזענלעך, ווו עס געשעט גאָרנישט, עס בײַט זיך גאָרנישט, ס'איז ניט גוט און ניט שלעכט. די צײַט שלינגט אײַן גלײַכגילטיק דעם מערדער און דעם דער־מאָרדטן, דור־אײַן, דור־אויס.

איך בין געלעגן אומבאַוועגלעך. הינטער די אויגן־דעקלעך האָב איך געהאַלטן דאָס צענטראַלע פינטל, וואָס האָט מיך געזאָלט פירן צו יענער געלײַטערטער רו. איך בין געלאָפן ווי אויף גליטששיכלעך, איבערן גלאַטן, אָן־סופיקן שטח, טיפער אַרײַן אין דעם אינגעווייד פון באַשאַף, דאָרט ווו די וואָג פון אָרגאַניזם לייזט זיך אויף און מען שווימט אַרײַן אין דער אייביקייט, פרײַ פון געפילן און עמאָציעס, עלעהיי אַ שטויבל אין אויג פון אוראַגאַן.

היות איך האָב זיך געפלײַסט צו דערגרייכן דאָס אויג פון אוראַגאַן, האָב איך צו ערשט געמוזט דורכרײַסן די פײַער־גרענעץ פון דער צווישנ־וועלט. איך האָב געמוזט אַריבערשווימען דעם טײַך פון פאַרגעבונג, די שוואַרצע בערג און די גרינע טאָלן, ביז אַראָפּ צו דער פאַרשאָטענער אַלט־צײַט, צו די וואָרצלען פון מענטשלעכע לײַדנשאַפטן. איך האָב געמוזט פאַרגעסן אַז מײַן זון, וואָס דינט אין דער מאַרינע, דערנענטערט זיך איצט צו די וויעטנאַמער ברעגן; איך האָב אויך געמוזט פאַרגעסן די זאָרג וועגן מײַן יונגער טאָכטער, וואָס האָט איבערגעלאָזט דעם אוניווערסיטעט און איז געוואָרן אַ מין פּסעוודאָ־פּרימיטיוו, ווײַל דער מאָדע פון איר דור. זי זאָגט אַז זי וויל ניט אַזאַ בילדונג וואָס דערנענטערט די קאַטאַסטראָפע. זי וויל ניט אָנטייל נעמען אין פאַרפּעסטיקן די וועלט, זי וויל צוריק צו דער נאַטור, לעבן ווי דער מענטש האָט אַ מאָל געלעבט, ניט ווי איר באַצווינגער, ווי איר פאַרדאַרבער, נאָר ווי אַן אינטעגראַלער טייל אירער. זי מוז פאַרריכטן די עוולות וואָס די עגאָצענטרישע ציוויליזאַציע איז באַגאַנגען. זי מוז, זאָגט זי, אויסרייניקן די לופט פאַר די מענטשן, די וועלדער פאַר די חיות, דאָס וואַסער פאַר די פיש. זי וויל צאָלן איר בײַשטײַער דעם וווּנדער פון לעבן און ניט פון טויט. זי פילט אַ חוב צו יעדן מין לעבן, אָן אויסנעם.

איך ווייס גאָר ניט פון וואַנען ס׳נעמען זיך צו איר אַזעלכע טענות. אין קיין ביכער קוקט זי ניט אַרײַן. זי מײַדט אויס טעלעוויזיע און צײַטונגען. בײַ טאָג און בײַ נאַכט הערט זי נאָר מוזיק.

וויפל איך האָב זיך ניט געפּרוּווט אײַנרעדן, אַז קיין שום זאַך אַרט מיך ניט — האָב איך פאָרט געפילט דאָס בײַסן פון די קאָמאַרן, די דריקנדיקע היצכוואַליע, דאָס פאַלשע צימבלען פון אַ ווײַטער גיטאַרע. די טענער האָבן אומברחמנותדיק געריסן מײַנע נערוון.

איך האָב איינצײַטיק געזען ווי די ערד גייט־אויף אויף דער לבנה און די לבנה אין דעם דזשונגל פון וויעטנאַם באַלײַכט די פּנימער פון צעשאָסענע יונגע־לײַט. וואָס מער איך האָב געפּרוּווט זיך קאָנצענטרירן, אַנטלויפן אין זיך אַליין, אַלץ ברייטער האָט זיך דער געדאַנק אויסגעשפּרייט, ווי פאַנטאַסטישע פלוספעדערן, בלינדערהייט אויפגעכאַפּט שווימעדיקע געשטאַלטן, פּנימער פון מענטשן וואָס איך האָב קיין מאָל ניט געזען, אויגן קרומע און אויגן גלײַכע, אויגן וואָס ברענען מיט מערדערישער תּאווה און אויגן וואָס רעדן תּמימותדיק שטיל. איך טרינק פון די אויגן דעם ביטער־זיסן טעם פון קאָנפליקט. איך זוך אין די אויגן דעם ענטפער.

זען־בודיזם צערינט. איך בין צוריק אײַנגעבירגערט אין שטראָם פון לעבן. מענטשלעכע סתּירות רירן מיך אָן. זיי נעמען מיך אַרויס ווי מיט אַ קאָסמישן צוואַנג. איך פיבער מיט דערוואַרטונג. אפשר וועט פאָרט אַ שטיינדל פון דער לבנה עפּעס מחדש זײַן, אפשר?

איך נעם אַוועק די האַנט פון מײַנע אויגן און לאָז מיך טראָגן פונעם ספּאָנטאַנעם שטראָם, פונעם זיגזאַגישן, אומגעריכטן, פון דער פרייד און דעם ווײ פון ערב ווערן.

אָפט מאָל טייל איך זיך מיט מײַנע טראַכטענישן מיט מײַן פרײַנד בען פעדער. איך וואַרף אָן געדאַנקען און לאָז אים רעדן. ער קומט צו מיר אָן אָנגעזאַפּטער מיט די אַרטיקלען פון דער „טײַמס”. ער ציטירט באַרימטע נעמען און גיט צו, מיט ווינציקער דרייסטקייט, זײַן אייגענעם קאָמענטאַר.

— דאָס פליִען צו דער לבנה — זאָגט ער — דערמאָנט מיר אין יענער אַוואַנטוריסטישער מוראַשקע, וואָס איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון דעם הויז לעבן וועלכן זי איז געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן און געוווינט געוועזן



דאָס צו האַלטן פאַר דעם צענטער פון דער וועלט. ווען זי איז אַרויף אויפן דאַך און האָט דערזען אַזוי פיל הײַזער, גרעסערע און קלענערע, איינס לעבן דעם צווייטן, העט אַוועק ביז צום האָריזאָנט — האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי איז אויפן אָרט אַראָפּ פון זינען.

— האָסט שוין געזען אַ משוגענע מוראַשקע? — פרעג איך. בען נעמט מײַן האַנט אין זײַנער:

— איך בין זיכער אַז דו קענסט עס מאַכן בעסער...

בען איז בטבע אַ גוטער צוהערער. אַפילו ער איז אין אַ געדריקטער שטימונג, ווײַזט אַרויס זײַן פּנים אויפריכטיקן אינטערעס. ער מיינט אַז ער איז איטלעכן עפּעס שולדיק: אַ קאָמפּלימענט, אַ שמייכל. ווען יענער אָדער יענע איז צופרידן — איז ער נאָך מער צופרידן. מיר דאַכט זיך, אַז אַפילו זײַן אָנשטעל איז אַ טייל פון די צינזן וואָס ער צאָלט אין דער שפּיל פון ע ר און ז י.

דער טאַטע פון מײַן טאָכטער צאָלט ניט קיין צינזן. ער קויפט אַלץ פאַר מזומן. ווען דאָס לעבן פאַרפעלט צוריקצוצאָלן מיט דעם וואָס ער האָט דערוואַרט, פּראָטעסטירט ער, זידלט און שעלט. ער זאָגט אַז אונדזער טאָכטער פירט אויס באַוווּסטזיניק די פאַנטאַזיעס וואָס איך האָב ניט באַוויזן אויסצופירן, מײַנע משוגעתן און מײַנע טעאָריעס, וואָס זי האָט אַרײַנגעזויגן מיט דער מוטערס מילך.

איך זאָג אים אַז אויך די אַסטראָנויטן פירן אויס עמעצנס אַ פאַנטאַזיע, אַז איטלעכע פּראַקטיק איז אַ מאָל געווען אַ פאַנטאַזיע, אַ זאָמען געטראָגן אויף די פליגל פון ווינט. ניטאָ, זאָג איך, קיין אַבסאָלוטער אָנהייב. דאָס לעבן קייטלט זיך איינס אין אַנדערן, פון זינט יענע ראָמאַנטישע געגנע האָט פאַרפירט אַ ליבע מיט אַ זונשטראַל און אויספאַנטאַזירט אַ וועג, ווי אַזוי זיך צו פּרוכפּערן און מערן. פון זינט יענעם גורלדיקן טאָג, זענען מיר אַלץ אויפן דרך פון יענער געגנע, כאָטש מיר ווייסן ניט וואַהין דער דרך פירט.

דער טאַטע פון מײַן טאָכטער האָט ניט קיין געדולד אויסצוהערן אַזעלכע „אינטעליגענטישע” דרשות. ער האָט אויך קיין צײַט ניט. בען פעדער האָט אי צײַט, אי געדולד. קיין ווײַב האָט ער ניט, קיין קינדער אויך ניט. ער לעבט מיט זײַן קאַץ און מיט זײַן הונט. חיונה ציט ער פון געבן לעקציעס אין פּיאַנע־שפּילן. אַזוי האָב איך זיך טאַקע מיט אים באַקענט. ער קומט

נאָך אַלץ אַרײַן, כאָטש מײַן טאָכטער האַלט ניט מער פון אַזעלכע נאַרישקייטן... ער קומט אין דער פרי, ווען איך בין מײַנסטנס אַליין. בעת איך גרייט צו פרישטיק, זעצט ער זיך צו דער פּיאַנע. ער שפּילט שאָפּען, בעטהאָווען — און ווען דער אַראָמאַט פון דער קאַווע פאַרשפּרייט זיך איבער דער שטוב, הייבט ער אָן שפּילן מאַלאַגעניע.

איך ווייס ניט צי ער פילט ווי די מוזיק צענעמט מיך. קלאַנג מיט קלאַנג גיסן זיך צונויף, פון קלאַנגען ווערט אַ קנויל, אַ שטורעם פון עמאָציעס. די מוזיק ברויזט, שוימט און גיסט זיך אַריבער, גיסט זיך אַרײַן אין מײַן בלוטשטראָם און ווערט פון אים אײַנגעשלונגען.

די „פּערסאָנאַ" אין דער אײנצלצעל פאַרגעסט אירע קייטן: פאַנטאַזיע־פליגל הייבן זיך אַרויס. אין גילדענע קליאַשנקליידער טאַנצט זי פאַרשײַט אַנטקעגן אַ לופטיקער וויזיע. די וויזיע וואַקסט, נעמט אָן פאָרעם, ווערט בלוט און פלייש. זײַנע שמאָלע לענדן, אָנגעצויגן אין סאַמעט און זײַד, טאַנצן איר אַנטקעגן. ער טאַנצט דראַמאַטיש, גורלדיק, אַלע גלידער אָנגעצויגן. די מוזיק שוימט. צערײַצטע אָקסן שטורעמען אין דער אַרענע. די „פּערסאָנאַ" ציט זיך צוריק, פון אירע רויטע קליאַשנקליידער ווערט אַ פײַער־רויטע קאַפּע. דער פלינקער טאָרעאַדאָר הייבט אויף די קאַפּע. הינטער דער קאַפּע — אַ בלוטיקער שפּיז. דער המון יובלט, פאַרשיכורט פון בלוט... איך עפן די אויגן, דער כּישוף צערינט.

מיר זיצן בײַם טיש און טרינקען קאַווע. אויך בען איז אויפגערעגט. צו מאָל גיט זיך אים אײַן מיך אַרומצונעמען. ער אַטאַקירט מיך ניט, ער טאַנצט מיר ניט אַנטקעגן. ער שטייט ווי אַ בעטלער אויף יענער זײַט שוועל און נעמט די נדבה דורך דער שמאָלער שפּאַרונע.

איך דערלאַנג צום טיש קעז און סמעטענע מיט רויטע פּאַזעמקעס. בען ווישט זיך דעם שטערן. זײַן הויט איז טרוקן אַרום די אויגנקאַרבן, טיף אײַנגעשניטן, ווי ערד אָן רעגן. זײַנע ליפּן זענען קאַלט, ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן אין אײַזקאַסטן. איך וויל אים ניט ווײ טאָן, איך לאַך און רעד. איך פרעג זיך נאָך אויף זײַן הונט און אויף זײַן קאַץ. מײַן אינטערעס אין זײַן לעבן דערוואַרעמט אים. דאָס אינעווייניקסטע פײַערל, וואָס טליִעט ווי אַ נר־תּמיד, שלאָגט אַרויס פון זײַנע גרינע אויגן. זײַן פּנים נעמט אָן אַ לעבעדיקע מראה.



ער ווערט רירעוודיק, דרייסט. ער רוקט אַוועק די קאַווע און נעמט מײַן האַנט אין זײַנער.

— מיר זענען ניט די אײנציקע וואָס האָבן פּראָבלעמען — זאָגט ער — חיות האָבן אויך, בפרט יענע וואָס דער מענטש האָט פאַרמענטשט, זיי אָנגעטאָן אַ קייט אויפן האַלדז און געמאַכט אַ צייכן אויפן שטערן. ער האָט זיי אײַנגעטיילט אין מערווערטיקע און מינערווערטיקע. ער האָט זיי צוגעטשעפּעט עטיקעטן, זיי געשטעמפּלט וועדליק דעם מענטשלעכן באַנעם און צעשטערט דעם סדר פון דער נאַטור. קומט די צײַט פון פּאָרן זיך, לויפט מײַן הונט אַרום ווי משוגע. אַלע צײַג זענען הינטער שלעסער. מאַכט זיך שוין יאָ אַ גילגול פון אַ ז י, וואָס שלעפּט זיך אַרום אַ פּאַריטומטע אין גאַס, איז זי אַזוי באַלאַגערט פון בעלנים, אַז ווען צעזאַר קומט אַהיים, איז אים ניט צו דערקענען. די פעל אויסגעצופּט, פליכוואַטע, די אויגן געשוואָלן. אַ שרעק אים אָנצוקוקן. וואָלט ער געווען פון ייִחוסדיקן שטאַם, וואָלט מען זיך איבער אים געריסן. ווײַבער מיט געשמינקטע ליפּעלעך וואָלטן מיר קיין זאַך ניט אָפּגעזאָגט, אַבי מײַן זכר זאָל זייערע אַ צויג באַפּרוכפּערן.

— נו, און די קאַץ? — פרעג איך.

בען קוקט מיך אָן. זײַן פּנים קרימט זיך. ער נעמט אַ זופּ קאַווע, רייניקט אויס דעם האַלדז, ווי אים וואָלט געווען שווער צו רעדן.

— איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט און געלייזט איר פּראָבלעם אויף אַ ברוטאַלן אופן. מײַן פּרינצעס איז ניט קיין פּשוטע קאַץ. זי ציט איר ייִחוס־בריוו פון דער פּערסישער ראַסע. זי איז שמאָל געבויט, דער קאָפּ לענגלעך פאַרשפּיצט, אַ מאָרדעלע האָט זי מלא־חן. גילדענע אויגן, ווי גילדענע לאַמטערנס, שײַנען אַרויס פון איר טיף סאַמעטענעם שוואַרצן פעלץ. פּרינצעס ווייס ניט פון קיין סעזאָנען, בײַ איר איז אַלע מאָל די ריכטיקע צײַט. אין דרויסן האָב איך זי מורא געהאַט אַרויסצולאָזן, די קאָטערס זאָלן זי ניט דורס זײַן. האָט זי נעבעך געמאָנט בײַ מיר דאָס וואָס די נאַטור האָט איר אונטערגעזאָגט צו מאָנען. גאַנצע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרהויבענעם עק און געוואַרט אויף אַ נס. איך האָב מער ניט געקאָנט צוזען איר צער און זי גענומען צו אַ דאָקטער, וואָס האָט דערהרגעט דעם פאַנטאָם־מאָנער אין איר בלוט. איצט איז זי רויִק, פעט און פויל. זי עסט, דרימלט, כאַפּט זיך אויף און עסט ווידער.

בען זיפֿצט אָפּ, מײַדט אויס מײַן בליק און זאָגט:

— איך אַליין וואָלט אויך באַדאַרפֿט דאָס זעלביקע טאָן. אפֿשר, ווען איך זאָל זײַן פֿרײַ פֿון פֿיזישע פֿאַרלאַנגען, וואָלט איך עפּעס אויפֿגעטאָן, געשאַפֿן עפּעס, וואָס זאָל פֿאַרבלײַבן נאָך מיר. אָנגעוואָרפֿענע טעמעס, ניט־פֿאַרענדיקטע קאָמפּאָזיציעס, וואַלגערן זיך בײַ מיר אויף דער פּיאַנע. נאָך מײַן טויט וועט דער סטרוזש אַרויפֿקומען און אַלץ אַרײַנוואַרפֿן אין מיסטקאַסטן.

איך וויל אים עפּעס זאָגן, וואָס זאָל פֿאַרטרײַבן זײַן מרה־שחורה — האָב איך אָבער מורא ער זאָל ניט ווערן סענטימענטאַל. איך האָב מורא צו הערן אַז ער האָט מיך ליב. ניט ווײַל איך וויל עס ניט הערן, נאָר ווײַל איך קאָן אים ניט ענטפֿערן מיט דעם זעלביקן, אויף וואָס ער קוקט אַזוי פֿאַרשמאַכט אַרויס.

מיר זיצן נאָך אַ ווײַלע אין דער אָנגעצויגענער שטילקייט. פֿון דער ווײַטנס שלאָגט אויס דער שטאָטזייגער צוועלף.

— האָסט שוין אַוודאי פֿאַרשפּעטיקט אַ לעקציע — זאָג איך.

בען שטייט אויף שווײַגנדיק. ער מאַכט אַ פּאָר טריט צו דער טיר, בלײַבט שטיין, קוקט מיך אָן און זאָגט:

— אַ שאָד, אַ שאָד וואָס אונדזערע מזלות האָבן זיך געקרייציקט. ווער ווייס ווי עס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט דיך באַגעגנט מיט צוואַנציק יאָר צוריק?

איך ענטפֿער אים ניט. איך ווייס ניט וואָס ער מיינט און איך וויל עס אויך ניט וויסן. אין מײַן האַרץ פֿיל איך אַז ער איז ניט דער מענטש וואָס קאָן ענטפֿערן אויף מײַנע נויטן. פּונקט ווי איך פֿאַר אים, אַזוי איז אויך ער פֿאַר מיר אַ צײַטווײַליקע נויטווענדיקייט, אָבער ניט קיין ענטפֿער.

איך זוך מײַן ענטפֿער אין הייוון פֿאַרן יערן —
אין פֿלי פֿון אַסטראָנויט צו אומבאַקאַנטע שטערן,
אין אומגעריכטן אָנרעג פֿון אַ מענטשנס בליק,
איך זוך מײַן ענטפֿער אין די פֿאַלדן פֿון געמיט.

צו מאָל טראַכט איך אין פּאָעטישע טערמינען. נאָר אַזוי ווי איך כאַפּ זיך אַז דאָס איז פּאָעזיע, פֿאַרשאַר איך עס גלײַך אונטערן בעט, מיט דער האָפֿענונג אַז קיינער וועט עס ניט באַמערקן, אַפֿילו ניט מײַן פֿרײַנד בען.



# דער מאַגנאָליאַ־בוים

מיסעס מאַרקעזס עמפּפֿינדלעכקייט צו מענטשן איז געוואַקסן צוזאַמען מיט די יאָרן. וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי אַרײַנגעטײַטשט אין יעדן צופֿעליקן „גוטמאָרגן", אין שמועס וועגן וועטער וואָס אַ פֿאַרבײַגייענדיקער שכן האָט פֿאַרפֿירט. צו מיינסטן סענסיטיוו איז זי געווען צו די ייִדישע שכנים וואָס האָבן לעצטנס פֿאַרפֿלייצט די געגנט. איר האָט זיך רק געדאַכט אַז זיי פֿאַרפֿאָלגן זי, אַז זיי ווילן וואָס גיכער פּטור ווערן פֿון די לעצטע קריסטלעכע אײַנוווינער, וועלכע האַלטן נאָך אָן דעם אַמאָליקן גלאַנץ און פּרעסטיזש פֿון דער גאַס.

אין געדאַנק האָט זי אַנאַליזירט, צעברעקלט און איבערגעקײַעט יעדעס געזאָגטע און ניט־דערזאָגטע וואָרט. אונטער האַלבאָפֿענע שכנישע פֿענצטער האָט זי געזען צעפּאַטלטע מכשפֿה־קעפּ, אויגן וואָס שפּיזלען זי דורך פֿון דער ווײַטנס. איר האָט זיך געדאַכט אַז פֿאַרבאָרגענע שפּיגעלעך שפּיאָנירן זי נאָך, פֿאָרשן איר יעדן שריט און טריט, דרינגען אַרײַן אין איר פּריוואַטן לעבן און מאַכן איר ענג אין איר אייגענער היים.

דאָס געפֿיל אַז מען פֿאַרפֿאָלגט זי האָט זי שטענדיק געהאַלטן אויף דער וואָך. אויפֿן וועג צום געוועלבל, וווּ זי פֿלעגט אײַנקויפֿן אירע טעגלעכע באַדערפֿענישן, פֿלעגט זיך מיסעס מאַרקעז שטאַרק באַמיִען צו האַלטן אירע געבויגענע אַקסלען הויך. זי האָט אונטערגעאײַלט אירע דראָבנע טריטעלעך, צוגעפּאַרבט אירע אײַנגעפֿאַלענע באַקן, כּדי דער רויבפֿויגל וואָס לאָקערט איבער איר זאָל ניט דערקענען ווי שמאָל זי האַלט.

ניט אַלע מאָל איז דער מיסעס מאַרקעז געלונגען אויסצומײַדן מענטשלעכע קאָנטאַקטן. אַזוי גיך ווי זי האָט זיך באַוויזן אין גאַס, זענען זיי איר באַפֿאַלן ווי זלידנע פֿליגן. די שמועסן זענען מערסטנס פֿאָרגעקומען איבערן פּלויט. שכנים האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איר געמאַכט קאָמפּלימענטן פֿאַר איר שיין־געפּלעגטן גאָרטן, צו דער זעלבער צײַט געוואָרפֿן פֿאַרגנבֿעטע בליקן אַרויף צו די הויכע פֿענצטער, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט עפּעס אַן אויסטער־

בלומע לעמפעל

# אַ רגע פון אמת

דערציילונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ"א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*

*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981

נדפס בישראל, תשמ"א

נסדר בלינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח' לבנדה 36, ת"א

הימלקישנס וואַלגערן זיך פֿאַרשײַטע פֿרויען. ער זעט היפּטן, אָרעמס, אויפֿגעשטעלטע קני, נאָר קיין פּנים זעט ער ניט. ער באַמיט זיך צוצופּאַסן זשאָסקעס פּנים צו די נאַקעטע פֿרויען־גלידער. ער פֿילט איר אָנוועזנהייט, איר באַגערטע גאַנצקייט ערגעץ אויסער דער גרענעץ פֿון באַריר. ער פֿילט שוין דעמאָלט אַז ער וועט קיין מאָל, קיין מאָל קיין פֿרוי ניט קענען באַזיצן אָן זשאָסקעס געאַנטער וויזיע. ער זעט זײַן צוקונפֿטיקן שטייגער לעבן מיט אָפֿענע און פֿאַרמאַכטע אויגן. קאַלטע, גרינע לבֿנה־פֿינגער העלפֿן אים אויספֿורעמען זײַן אַנדערשקייט. דאָס געפֿיל זוכט און געפֿינט די געגאַרטע וויזיע וואָס שטייט אים צוקאָפּנס אין יעדן שלאָפֿצימער און לאַכט מיטן געלעכטער פֿון יענער פֿאַרמוטשעטער גאַסנפֿרוי אויף דער שיף.

זוכט ער איצט דאָס געשפּענסט פֿון יענעם קאַפּיטאַן אָדער דאָס מאַקאַברישע געלעכטער פֿון דער גאַסנפֿרוי? ווי אַזוי האָט דער חלום געקאָנט מאַכן אַזאַ טעות, פֿאַרבײַטן זײַן ווײַסן מלאך אויף אַ ווילדער גאַסנפֿרוי? האָט דער חלום זײַן אייגענעם אמת?

ווידער אַ מאָל שטייט ער פֿאַר יענער מוראדיקער וואַנט, הויל און אומבאַגרײַפֿלעך. ער האַקט זײַן קאָפּ אין דער ליידיקייט, נאָר קיין ווידערקול קומט ניט — ניט פֿון ים און ניט פֿון הימל, אַפֿילו דאָס האַרץ שווײַגט.

— וואָס אייגנטלעך האָסטו דערוואַרט? — פֿרעגט ער זיך אַליין — טרעפֿן זשאָסקען אין מיטן ים, אָדער גאָר דערבליקן גאָט דורך אַ פֿינףמילימעטערדיקן שפּאַקטיוו?

די פֿרוי אין דער קאַבינע האָט בלאָנדע האָר, שרײַענדיק־בלאָנד ווי די גאַסנפֿרוי אויף דער שיף. אירע באַקן, אירע ליפּן, אירע אונטערגעשטרײַכטע אויגן... איז עס דאָס פּנים וואָס ער האָט געזוכט ליגנדיק הינטער דעם איבערגעדרייטן שיפֿל? ער האָט דעמאָלט געזוכט צוצופּאַסן זשאָסקעס מלאך־פּנים צו יענע נאַקעטע גלידער... איצט זעט ער אַז דאָס פּנים פּאַסט. דאָס געפֿאַרבטע פּנים מיט די בלאָנדע האָר... מײַראַן קאָהן ווייסט ניט וואָס דער ים טראַכט, וואָס די כוואַליעס דערציילן. ער ווייסט ניט וואָס דער אמת איז, וואַהין ער פֿירט, וואַהין דאָס געפֿיל פֿירט. ער גייט אים נאָך בלינדערהייט. אים דאַכט זיך אַז ער האָט געמאַכט אַ דורכבראָך — און מיט דעם געפֿיל קלאַפּט ער אָן אין דער טיר פֿון דער קאַבינע נומער דרײַ און צוואַנציק.



## עדיפּוס אין ברוקלין

סילוויאַ איז קיין יאָקאַסטאַ ניט געווען, פֿון די גריכישע טראַגעדיעס קיין מאָל ניט געהערט. דער גורל האָט זי אַרײַנגעפֿירט אין אַן ענגפּאַס פֿון אומשטענדן פֿון וועלכע זי האָט זיך ניט געקאָנט באַפֿרײַען, ניט צוריקציִען, ניט אַנטלויפֿן. זי האָט זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט מיט זיך אַליין ביז זי האָט זיך אונטערגעגעבן דער באַשערטקייט. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און פֿאַרקניפּטע ליפּן נאָכגעגעבן איר קאַפּריזנעם מזל, געזאָגט „יאָ“ צום פֿײַערפֿלאַמיקן „לאָ“, פֿאַרשריבן פֿון קדמונים אין די הייליקע ספֿרים...

צו נײַן און צוואַנציק יאָר איז סילוויאַ געוואָרן אַן אַלמנה. אין איין שיינעם זונטיק־אינדערפֿרי, ווען זי האָט זיך געפּאָרעט מיט דער ווירטשאַפֿט, האָט איר מאַן גענומען זייער נײַן־יעריקן בן־יחיד אויף אַ שפּאַציר אין זײַן שפּאָגל נײַעם אויטאָמאָביל. ער האָט אים געוואָלט ווײַזן ווי גלאַט און שנעל דער קרײַסלער שלינגט די מײַלן, ווי גרינג ער קלעטערט אויף בערג, יאָגט איבער קאַדילאַקס מיט אַ ריר פֿון מינדסטן פֿינגער. געבראַכט אַהיים האָט מען אים שוין אַ טויטן. דער זון איז לאַנגע חדשים פֿאַרבליבן אין שפּיטאָל, אַרויסגעקומען איז ער פֿון די אָפּעראַציעס אַ שטאָק־בלינדער.

דאָס אומגליק האָט סילוויאַן אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ טיפֿער מרה־שחורה. גאַנצע טעג איז זי געלעגן אין בעט, די טיר פֿאַרשלאָסן, די לאָדנס פֿאַרהאַקט. זי האָט קיינעם ניט געוואָלט זען, צו קיינעם ניט געוואָלט רעדן, זי האָט רק געוואָלט שטאַרבן. נאָר די התחייבֿותן לגבי איר בלינדן זון, די פֿאַרגיטיקונג פֿון די פֿאַרזיכערונג־אַנשטאַלטן, האָבן זי ביסלעכווײַז אַרויסגעפֿירט פֿון איר לעטאַרגישן צושטאַנד. מיט דער הילף פֿון פּסיכאָאַנאַליטיקער האָט זי אָנגעהויבן אײַנצוזען אַז דורך זעלבסטמאָרד וועט זי דאָס פּראָבלעם ניט לייזן. עס איז זיי געלונגען זי איבערצוצײַגן אַז דאָס פּראָבלעם איז ניט זי — זי האָט אויגן, זי קאָן זיך העלפֿן, קאָן זיך אָריענטירן, זיך צופּאַסן, פֿאַרשטיין. זי איז אַ דערוואַקסענער מענטש. דער יונגער זון אירער, ער איז דאָס פּראָבלעם. זי מוז געפֿינען כּוח צו זען, סײַ פֿאַר זיך, סײַ פֿאַר אים. זי מוז

זייַן זייַן וועגווייַזער, דער שטעקן אין זייַן האַנט. זי מוז זייַן דער פֿאַרעקשנטער זונשטראַל וואָס צעשפּאַרט דעם צעמענט כּדי אַרויסצולאָקן פֿון דער טיפֿעניש אַ גרינעם שפּראָצלינג. זי מוז זייַן דער קאַרגער טראָפּן וואַסער וואָס נערט דעם וואָרצל אין דער מידבר. זי מוז, ווייַל זי איז אַ מאַמע און ווייַל אַזוי האָט די השגחה גורם געווען.

ווי אַ חיהלע אין אַ פֿאַסטקע, אָן שום האָפֿענונג אויף אַן אויסגאַנג, האָט סילוויאַ גענומען צופּאַסן זיך צו די נייַע באַדינגונגען. אויך אין קאַרצער גייט דאָס לעבן אָן, האָט זי זיך אַליין געפּרוווט אויסרעדן. אַפֿילו דער פֿאַרמישפּטער צום טויט געפֿינט אַ תּירוץ ווו אָנצוהענגען זייַן האָפֿענונג.

סילוויאַ איז ווי געוואַקסן אין אומגליק. אין געציילטע פּאָר חדשים האָט זי פֿאַרלוירן אירע עלטערן. צו ערשט האָט זי פֿאַרלוירן איר טאַטן, פּונקט אַזוי ברוטאַל, אומגעריכט ווי איר מאַן. דער טאַטע אירער איז געשטאַנען אין קענדי־סטאָר, געצאַפּט סאָדע־וואַסער, ווען אַ באַנדיט האָט אים דערשאָסן. פֿריִער האָט ער פֿאַרלאַנגט אַן אייַזקרעם־סאָדע, נאָך דעם האָט ער אים באַפֿוילן צו עפֿענען די קאַסע און אים דערלאַנגען דאָס געלט. ווען דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופֿירן זייַן באַפֿעל, האָט אים דער באַנדיט דערשאָסן.

די מוטער האָט דעם טויטקלאַפּ ניט איבערגעטראָגן. נאָך איידער אַ יאָר איז אַריבער, איז זי שוין געלעגן לעבן אים. צום גליק איז סילוויאַ שוין דעמאָלט געווען אַ כּלה. קורץ נאָך דער טראַגעדיע איז זי מיט איר זיווג געשטאַנען אונטער דער חופּה. דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק האָבן דעם קענדי־סטאָר פֿאַרקויפֿט. זיי זענען אַוועק פֿון בראָנקס און זיך אייַנגעאָרדנט אין ברוקלין. זיי האָבן גענומען אַ דירה נאָענט צום פּראָספּעקט־פּאַרק, נייַע מענטשן, אַ נייַע וועלט. דאָ האָט קיינער ניט געוווּסט פֿון איר בראָך. סילוויאַ האָט זיך ניט געאייַלט קיינעם צו דערציילן. זי האָט אָפּגעגעבן איר גאַנצע זאָרג פֿאַר איר מאַן און שפּעטער — דעם דערציִען פֿון זייער זון. מיט מאַמעשן שטאָלץ האָט סילוויאַ געשטופּט דאָס קינדער־וועגעלע איבער אַלע אויסגעטראָטענע און פֿאַרוואַקסענע סטעשקעס פֿון פּאַרק. צוזאַמען מיט אַנדערע יונגע מאַמעס איז זי געזעסן אויף אַ באַנק און פֿאַנטאַזירט וועגן דער צוקונפֿט פֿון די קינדער וואָס האָבן דערווייַל זיך געשפּילט אויפֿן גראָז.

אַזוי זענען אַוועק אַ צענדליק יאָר ביז דאָס אומגליק האָט זיי אָנגעיאָגט.



איצט האָט סילוויאַ באַגריפֿן וואָס איר מאַמע האָט אַ מאָל געפֿילט. אויך זי האָט געוואָלט נאָכשטאַרבן איר מאַן. האָט איר אָבער דער גורל דעם לוקסוס ניט פֿאַרגונען. פֿאַר דעם זון און מיט דעם זון האָט זי געמוזט ווייַטער לעבן.

דעני איז געוואָרן דער טרייַבמאָטיוו אין איר לעבן, דער ענערגישער שטראָם וואָס האָט זי אַקטיוויזירט. זי האָט זיך געפֿרייט מיט זייַן פֿרייד, זיך געשראָקן מיט זייַן שרעק, געהאָפֿט זייַנע האָפֿענונגען, געחלומט זייַן חלום, געלעבט און איבערגעלעבט אַלע זייַנע קינדערשע עמאָציעס.

יעדן פֿריִמאָרגן פֿלעגן מאַמע און זון צוזאַמען גיין אין שול אַרייַן. זי פֿלעגט זיצן אין אַ ווינקל און זיך צוקוקן ווי בלינדע קינדער לערנען זיך זען די וועלט מיט דער הילף פֿון זייערע צען פֿינגער. אויך זי האָט אָנגעהויבן באַטאַפּן זאַכן, פֿילן מיט די פֿינגער יעדן קעגנשטאַנד וואָס איז איר צו האַנט געקומען. זי האָט אַפֿילו אָנגעהויבן צו ציילן די טריט, וואָס האָבן געפֿירט פֿון איין צימער צום צווייטן. אין די אָוונטן פֿלעגט זי זיך אָפּהאַלטן פֿון אָנצינדן דאָס ליכט. זי האָט אין דער פֿינצטער געגרייט דעם טיש, אָפּגעגעסן דעם מאָלצייַט, צעוואַשן דאָס געשיר. שפּעטער פֿלעגן מאַמע און זון זיך פֿאַרווייַלן מיט ספּעציעלע שפּילן פֿאַר בלינדע: בלינדן שאָך, בלינדע „טשעקערס". ערשט אין בעט פֿלעגט סילוויאַ אָנצינדן דאָס נאַכטלעמפּל און זיך פֿאַרגעסן אין עמעצנס לעבן וואָס האָט זיך געצויגן אין דיקע ראָמאַנען.

אויך דעני איז געווען אַ פֿלייַסיקער לייענער. ער פֿלעגט לייענען פֿון ברייַל. אים האָט אַלץ פֿאַראינטערעסירט. ער האָט נאָך געדענקט די וועלט איידער דאָס ליכט האָט זיך פֿאַר אים אויסגעלאָשן. ער האָט פֿאַרלאַנגט פֿון דער מוטער זי זאָל באַלייַכטן זייַן פֿאַרנעפּלטע וועלט, אויפֿלעבן די קאָלירן וואָס ער האָט געהאַלטן אין זכּרון. ער האָט געוואָלט זי זאָל אויסברייטערן און באַפֿעסטיקן זייַן ליבשאַפֿט פֿאַר פֿאַרבן. זי זאָל מאָלן פֿאַר אים די שאָטירונגען פֿון פּאַרק ווען די זון טיקט זיך צווישן די וואָלקנס. דעני האָט געהונגערט נאָך קאָליר און געפֿאָדערט פֿון זייַן מוטער דאָס אוממעגלעכע.

סילוויאַן האָבן פּשוט פֿאַרפֿעלט ווערטער. זי האָט קיין מאָל פֿריִער די וועלט אין קאָלירן ניט געקליידט. איצט איז קאָליר געוואָרן די בריק וואָס האָט זיי פֿאַרבונדן.

אויך דער חוש־הריח האָט זיך בייַם ייִנגל שטאַרק אַנטוויקלט. דעני האָט געקאָנט פֿאַרויסזאָגן דעם בייַט אין וועטער לויטן ריח פֿון דער לופֿט.

ער האָט געקאָנט שפּירן דעם רעגן ווען ער איז נאָך געהאַנגען אויפֿן ווינט. ער האָט דערשמעקט און געטראָפֿן דעם ריח פֿון באַזונדערע מענטשן, פֿון זאַכן, פֿון מלבושים. ער האָט אַפֿילו מיטן חוש־הריח געפּרווּוט באַשטימען דעם כאַראַקטער פֿון מענטש.

דעני פֿלעגט שטיין פֿאַרן שפּיגל און מיט אויסגעלאָשענע אויגן געבויערט דאָס גלאָז. ער האָט געבאַרשט די האָר, באַטאַפּט דאָס פּנים, די שוואַרצע ברילן. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם קנייטש אין די הויזן, געפּרווּווט טרעפֿן דעם קאָליר פֿון די שיך, פֿון די זאָקן, אַלץ האָט געמוזט שטימען; דאָס העמד צום סוועטער, דער סוועטער צו דער מאַרינאַרקע.

ווען דעני איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, איז אים די שפּיל מיט קאָלירן נימאס געוואָרן. ער האָט אויפֿגעהערט פֿרעגן, געוואָרן שווײַגנדיק, פֿאַרצאָגט. ער האָט אויסגעמיטן מענטשן, ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן זייערע רייד. אַפֿילו דער מוטערס קול האָט אים דענערווירט. ער האָט זי רק געבעטן זי זאָל שווײַגן. ער האָט ליב געהאַט נאָכצוגיין דעם רעש פֿון בלעטער געטריבענע פֿון ווינט. יעדן טאָג פֿלעגן זיי שפּאַצירן אין פּאַרק, זיך אײַנהערן צו די פֿאַרשידענע מינים קולות פֿון די חיות אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, הינטער די אויגן פֿון וועכטער צוואָרפֿן שטרויענישלעך פֿאַר די מאַלפּעס אין דער שטײַג. דעני האָט זיך מײנסטנס אָפּגעגעבן מיט די פֿלינקע וועווערקעס. זיי האָט ער ליבער געהאַט פֿון אַלע אַנדערע הונגעריקע מײַלער אין פּאַרק. בײַ דער לינקאָלן־סטאַטוע, ניט ווײַט פֿון דער בודקע, אַוווּ מ׳האָט די ניסלעך פֿאַרקויפֿט, פֿלעגן די וועווערקעס אויף אים וואַרטן. אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אים אָנגעניוכעט, זענען זיי אַראָפּ פֿון די ביימער, אים אַרומגערינגלט, זיך געשטעלט אויף זייערע אַקסלען און אויסגעליידיקט זײַן שקאָרמעץ.

— זיי מוזן אַוודאי טראַכטן אַז איך בין אַ גאָט — האָט דעני אַ מאָל אַ זאָג געטאָן.

סילוויאַ האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער אומגעריכטער באַמערקונג. זי האָט געקוקט אויף איר זון סײַ מיט וווּנדער, סײַ מיט שרעק. זי האָט ניט געקאָנט באַגרײַפֿן פֿון וואַנען עס קומען צו אים אַזעלכע אויסטערלישע געדאַנקען. איין מאָל, אין אַ גרויסער זאַווערוכע, האָט זיך דעניִן פֿאַרגלוסט צו גיין אין פּאַרק. ער מוז גיין, האָט ער געזאָגט, די וועווערקעס וואַרטן אויף אים.



— אין אַזאַ ווילדן וועטער? מ׳זעט ניט קיין הונט אין דרויסן. וואַרט צו אויף מאָרגן, דער שניי וועט זיך אײַנשטעלן, וועלן מיר גיין.

— אויב דיר איז שווער, וועל איך אַליין טרעפֿן דעם וועג — האָט זיך דעני אײַנגעעקשנט.

— איז דאָס אַזוי וויכטיק?

— זייער וויכטיק. די וועווערקעס טאָרן זיך ניט דערוויסן אַז זייער גאָט איז אַ בלינדער.

דעני איז געוואַקסן סײַ אין דער הייך, סײַ אין דער ברייט. זײַנע מוסקלען זענען פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ דיקער שיכט שמאַלץ. דער דאָקטער האָט רעקאָמענדירט פֿיזישע איבונגען און שווימען ווי אַ פּאַסיקן ספּאָרט.

— ווי איך פֿאַרשטיי, האָט איר דאָ נישט קיין שום נאָענטע — האָט דער דאָקטער געזאָגט — טאָ פּאַקט זשע אײַן דאָס פּעקל און טראָגט זיך איבער אין אַ מילדערן קלימאַט, נאָענט צו אַ וואַסער, וווּ אײַער זון זאָל האָבן די מעגלעכקייט אויסצוברענען זײַן יוגנטלעכע ענערגיע.

סילוויאַ האָט אָנגענומען דעם דאָקטערס עצה. זי האָט איבערגעלאָזט ברוקלין, דעם פּראָספּעקט־פּאַרק, פֿלעטבוש־עוועניו מיט די קראָמען און קרעמער, און זיך איבערגעצויגן אַזש קיין פֿלאָרידע.

דעני האָט זיך פֿאַרליבט אין ים. שעהען־לאַנג איז ער אַרומגעשווומען אין די גרינלעך־בלויע, דורכזיכטיקע, מילדע וואַסערן פֿון דרום־אַטלאַנטיק. אַלע זײַנע פֿראָסטראַציעס האָט ער דערטרונקען אין די ווייכע כוואַליע־אָרעמס פֿון ים. אין אָוונט פֿלעגט ער אויסשפּילן אויף דער גיטאַרע די שטימונגען וואָס האָבן אים לעצטנס באַהערשט.

סילוויאַ האָט אין זײַן שפּילן דערפֿילט די סכּנה. זי האָט עס געזען אין זײַנע רײַפֿע מוסקלען, אין דער דערוואַקסטער מענלעכקייט פֿון זײַן גוף. זי האָט עס געפֿילט אין זײַן שווײַגן, אין זײַן זיפֿצן, אין אַ צופֿעליקן באַריר. צום בולטסטן האָט זיך די סכּנה געפֿילט בעת זיי זענען געלעגן אויפֿן זאַמד, איינער לעבן צווייטן אין דער הייסער זון. זײַן קערפּער נאָענט צו אירן האָט אויפֿגעציטערט יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך אָנגערירט. אירע אָפֿענע אויגן האָבן געקוקט און געזען זײַנע אָנגעצויגענע מוסקלען בעת ער האָט אַ פֿאַרטראַכטער געזיפֿט מיט די פֿינגער דעם הייסן זאַמד.

דעניס געדאַנקען הינטער די שוואַרצע ברילן האָט זי ניט געזען, אָדער ניט געוואָלט זען. אירע אייגענע רעיונות האָט זי ניט געקאָנט פאַרדעקן. וואָס מער זי האָט זיי געוואָלט פאַרשאַרן אין אַ ווינקל, באַהאַלטן אונטערן קישן, אַלץ מער האָבן זיי אַרויסגעשטאַרצט. זיי האָבן געוווּנקען צו איר פון די שוימענדיקע ים־כוואַליעס, פון דעם טראַנזיסטאָר־ראַדיאָ, וואָס האָט אָן אויפהער געטומלט, געשטורעמט די בלוטן מיט לידער פון ליבע, פון צער און פון גליק.

ווען דעני איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר איז זיַין מוטער געווען זעקס און דריַיסיק יאָר אַלט. מענער האָבן באַמערקט אירע פוכקע, רונדע גלידער. זיי האָבן זיך געשאַרט צו איר, זי פאַרוואָרפן מיט קאָמפּלימענטן, איר געמאַכט אָנבאָטן, איר צוגעזאָגט דעם גן־עדן, טאַקע דאָ, אויף דער וועלט. דעני איז איר אָבער געשטאַנען אין וועג. דער דאָרטיקער דאָקטער, וועמען סילוויאַ האָט זיך פאַרטרויט, האָט זי געראָטן אָפּצוגעבן איר זון אין אַן אַנשטאַלט. זי טאָר בשום אופן ניט פאַרטאַכלעווען איר לעבן צוליב דעם זון, האָט ער געזאָגט. אויך דעני וועט מער געווינען ווי פאַרלירן. די שולן, האָט ער געטענהט, זענען קאָמפּעטענט, זיי האָבן אַלע מעגלעכקייטן אים אויסצו־לערנען אַ פאַך, אים מאַכן פּראָדוקטיוו, אַפילו אומאָפּהענגיק. דאָרט וועט ער זיך טרעפן מיט יונגע פרויען אין זיַין צושטאַנד, מיט דער ציַיט חתונה האָבן און אויסלעבן די יאָרן ווי אים איז באַשערט.

דעני האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. יעדעס מאָל ווען סילוויאַ האָט געפּרוּווט אַ שמועס טאָן וועגן דעם ענין, פלעגט דעני ווערן אויפגערעגט:

— איך וויל ניט זייערע שולן, איך וויל זיך ניט צופּאַסן צו זייער וועלט, זאָל די וועלט זיך צופּאַסן צו מיר! — האָט ער געשריגן.

סילוויאַ איז בטבע קיין קעמפערין ניט געווען. איר נאַטור איז געווען אַ פּאַסיווע. גענייגט צו בייגן זיך פאַרן ווינט, האָט זי אויך אין דעם פּרט קיין ווידערשטאַנד ניט געשטעלט. זיי האָבן וויַיטער געפירט דאָס איַינגע־שטעלטע טאָגטעגלעכע לעבן. זיי האָבן בײדע זיך געקאָכעט אין דעם היַיזל ביַים ים, געצערטלט די בלומען, די ביימלעך אַרום הויז. די לעבנסלענגלעכע פּענסיע פאַר דעניִן האָט זיי ביידן געגעבן אַ געפיל פון זיכערקייט פאַרן מאָרגן. יעדן טאָג זענען זיי געגאַנגען אין שטאָט אַריַין איַינקויפן די טעג־לעכע באַדערפענישן. שפּעטער האָט מען זיך געבאָדן אין ים, געלעגן אויף דער פּלאַזשע, זיך געבאַקן אויף דער זון. אָבער אויך דאָס גוטע לעבן איז באַלד געוואָרן אַ רוטין: דער מאָרגן ווי דער נעכטן און דער געכטן ווי דער היַינט.



די ציַיט האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי אין אַ לופט־קעשענע געפאַנגען די פלאָרע און די פאַונע, די פיש אין וואַסער און די פייגל אין דער לופט; געצווּנגען מענטש און חיה זיך אונטערצוּוואַרפן דער אוראַלטער שפּיל וואָס אָדם און חוה האָבן פאַרטראַכט אין גן־עדן.

פון אין דער פרי ביז ביַי נאַכט און פון דער נאַכט ביז אין דער פרי האָבן אָנגעהייצטע אינסטינקטן געריכערט אין געדאַנק. מאַמע און זון האָבן באַהאַלטן זייערע געפילן, פאַרדעקט זייערע געדאַנקען מיטן שטודירן די עקזאָטישע פייגל, די פרעמדע מינים פלאַנצן, דעם עקאָלאָגישן געבוי פון דער האַלב־טראָפּישער געגנט. סילוויאַ האָט זיך געמיט פאַר אים אויפצו־קלערן, איבערשאַפן, איַינבירגערן די פרעמדע לאַנדשאַפט אין זיַין פאַנ־טאַזיע. זי האָט פאַר אים געמאָלן די פּראַכט פון בלויען העראָן־פויגל, דעם פאַרנעם פון זיַינע פליגל בעת ער שפּרייט זיי אויס. זי האָט געמאָלן פאַר אים די דעליקאָטע שיינקייט פון דער וויַיסער עגרעט, דעם איביס־פויגל מיטן שנאָבל ווי אַ לעפל. זי האָט אים דערקלערט דעם דרומדיקן מאַנגראָווע־בוים וואָס טוּיכט אַרויף פון וואַסערדנאָ צו שלאָגן וואָרצלען אויף דער יבשה. גאַנצע אינדזלען פלעכט ער אויס. אויף די אינדזלען אַרום די אָזיערעס לעבן קראָקאָדילן, יאַשטשערקעס וואָרעמען זיך אין דער זון, ראָזעווע פלאַמינגאָס טשאַטעווען אויף פיש. דער גאַנצער לאַנדפּאַס שוויבלט מיט אינטענסיוון לעבן.

— איך קען ניט די אַלע פייגל, חיות און פלאַנצן — האָט דעני געזאָגט

— זיי זענען פרעמד מיַין באַגריף און איך וויל פון זיי מער ניט הערן.

מיט יעדן טאָג איז דעני געוואָרן מער פלעגמאַטיש, אָפּגעלאָזן, פאַר־טראַכט. פאַר אים איז גענוג געווען צו שווימען אין וואַסער, זיך באַקן אויף דער זון און שוויַיגן.

אָפט מאָל פלעגט אַ פרעמדער מאַן זיך פאַראייניקן צו זיי. דעני האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין פרעמדע געזעלשאַפט. זיַין מוטערס געלעכטער האָט אים אויפגערעגט. אמתע און אויסגעטראַכטע חולאתן זענען אים באַ־פאַלן: קאָפּווייטיק, בויכווייטיק, אָדער גאָר אַ נערוועזער שלוקערץ האָט געדינט ווי אַ תּירוץ צו גיין אַהיים.

אויפֿן וועג אַהיים פֿלעגט דעני צווינגען זײַן מאַמען צו מאַכן אַן אומוועג, אָדער גאָר אַרײַנגיין אין אַ געשעפֿט, זיך פֿאַרלירן צווישן מענטשן, ערשט דערנאָך גיין אַהיים.

— דו האָסט אויגן — האָט ער געטענהט — איך מוז זײַן טאָפּלט פֿאָרזיכטיק, איך מוז זײַן מער ווי זיכער, אַז ער גייט אונדז ניט נאָך. איך מוז זײַן זיכער אַז דו גיסט אים ניט קיין צייכן, אפֿשר פּלאַנט איר גאָר צו אַנטלויפֿן, מיך איבערלאָזן, אָדער אין גאַנצן פּטור ווערן פֿון מיר?

ניט אײפֿערזוכט בלויז האָט געפּלאָגט דעניך. ער האָט באמת מורא געהאַט פֿאַר פֿרעמדע. ער האָט ניט געטרויט דער זעעוודיקער וועלט. נאָך אַזאַ איבערלעבונג פֿלעגט דעני אַרומגיין אַרום הויז, שמעקן די לופֿט, זוכן דעם ריח פֿון פֿרעמדן. אויך דער שלאָף האָט זײַנע צערודערטע נערוון קיין רו ניט געבראַכט. ער פֿלעגט שרײַען פֿון שלאָף, זיך איבערוועקן מיט אַ געוואַלד.

איין מאָל, אין אַזאַ קאָשמאַריקער נאַכט, האָט דעני געעפֿנט די טיר פֿון זײַן מוטערס שלאָפֿשטוב. ער האָט זיך צוגעשלײַכט צו איר בעט, באַטאַפּט דעם צודעק. אים האָט זיך געחלומט אַז אַ מאַן ליגט מיט איר.

אַ דערשראָקענע האָט אים סילוויאַ אַרומגענומען מיט אירע נאַקעטע אָרעמס, אים געפּרוּווט באַרויִקן. דעני האָט געציטערט. סילוויאַ האָט זיך אָפּגערוקט אין בעט. דעני האָט זיך אײַנגענורעט אין אירע אָרעמס, פֿאַרבאָרגן זײַן קאָפּ אין איר ווייכן בוזעם. דאָס זײַדנס פֿון איר נאַכטהעמד האָט געקילט זײַן פּנים. ער האָט אײַנגעאָטעמט דעם ריח פֿון זאַלבן, מיט וועלכע זי האָט געשמירט איר לײַב. אונטערן צודעק פֿון דער נאַכט, פֿאַרשיכּורט פֿון איר רײַכער ווײַבלעכקייט, איז זײַן קערפּער געוואָרן אָנגעצויגן, הייס און צודרינגלעך. דער ריטעם אין בלוט האָט געזוכט און געפֿונען דעם ענגן אויסגוס צום אָפֿענעם ים. אַן ווערטער, אַן לאָסקעס האָט ער זי גענומען, שטום און צודרינגלעך ווי אַ כּישוף־שפּרוך.

סילוויאַ האָט זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט דעם שטורמישן ריטעם פֿון לעבן. אין טיפֿן טײַך פֿון איר ווײַבלעכקייט האָט זי געדענקט אַנדערע ריטמען, צערטלעכקייטן, וואָס האָבן זי מיט יענעם מאַן געמאַכט פֿאַר אַן אַקטיוון שותּף. זי האָט געדענקט ווערטער וואָס האָבן אויפֿגערודערט איר בלוט, אַרײַנגעדרונגען אין די טיפֿענישן פֿון באַוווּסטזײַן. איצט האָט זי



צוגעלייגט דעם אויער צום מויל פֿון איר זון, אָבער קיין ווערטער זענען פֿון דאָרט ניט אַרויסגעקומען. בלויז דער הייסער צודרינגלעך פֿאַרצווייפֿלטער, שטומער געבעט פֿון אַ דאָרשטיקן אין מידבר.

סילוויאַ האָט ניט געפֿונען דעם נויטיקן כּוח און ווילן אָפּצושלאָגן אַזאַ פֿאַרצווייפֿלטן אָנגריף. זי האָט זיך אײַנגערעדט אַז דאָס איז ניט איר זון נאָר דער ספּעקטער פֿון איר מאַן. דער כּוח וואָס איז שטאַרקער פֿון טויט האָט דורכגעבראָכן דעם צווישנשייד און אין דער געשטאַלט פֿון זון געקומען אויפֿמאָנען דעם חוב וואָס זי איז שולדיק, זײַן ניט אויסגעלעבטן לעבן.

יענעם זומער האָבן די היצן זיך געשטאַרקט, אַ בלינדער טומאַן איז געהאָנגען אין דער לופֿטן ווי אַ טשאַד איבערן קאָפּ. די ערד האָט געפּאַרעט, די וואַסערוועגן האָבן אויסגעטריקנט, די ווײַסע עגרעט־פֿייגל זענען פֿאַרשוווּנדן. די וואָרצלען פֿון די מאַנגראָווע־ביימער האָבן נאַקעט און זשעדנע געוואָרט אויף אַ טראָפּן וואַסער. שרצים פֿון אַלע מינים האָבן אויסגעשפּונען זייערע קריכנדיקע לעבנס, לאָזנדיק נאָך זיך שמאָל געשלענגלטע זילבערפֿעדעם פֿון שליים אין זרע אויף דעם האַרט־פֿאַרטריקנטן וואַסערבעט.

בלויז דער ים אין זײַן סטאַטישער גלײַכגילט האָט ניט אויפֿגעהערט צו זינגען זײַן אייביקע שירה.

די קורצע, גיכע טראָפּישע רעגנס האָבן די לופֿט ניט אָפּגעקילט. עס האָט אַ פּליוך געטאָן ווי פֿון אַן איבערגעדרייטן שעפּל, און באַלד דערויף האָט די זון זיך באַוויזן, אויסגעטריקנט די פּאַטיעקעס און נאָך גרעדיכטער געמאַכט דעם טשאַד. די היץ האָט געדריקט אויפֿן געמיט און פֿאַרווירט דעם שׂכל־הישר. אויך דער ים האָט דאָס געמיט ניט אָפּגעקילט, די מינעראַלן און זאַלצן האָבן געבריט דאָס לײַב און געטריבן די מענטשן פֿון וואַסער.

סילוויאַ און דעני האָבן זיך באַהאַלטן פֿון דער זון. אין הויז האָט דער לופֿט־קאָנדישאָנער געקילט זייערע צעפּאַרעטע לײַבער. שטום, אָן ווערטער, אָן צערטלעכקייט, אָן צוזאָג, אָן האָפֿענונג, האָבן זיי זיך געפּאָרט. בײַ טאָג, בײַ נאַכט. אויפֿן דיל, אויפֿן הייסן זאַמד נאָך זונפֿאַרגאַנג.

דער ייִדישער אײַנגעפּלאַנצטער צניעות־געפֿיל האָט זיך אונטערן דרוק פֿון דער טראָפּישער זון אויסגעפּאַרעט. געבליבן איז דער נאַקעטער קערן פֿון באַגער. אין געדיכטן טומאַן פֿון יענעם זומער איז אַפֿילו דער אינסטינקט

אַראָפּ פון וועג. די נאַטור האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט איר אייגענעם נאַטירלעכן פאַרבאָט — און סילוויאַ האָט אויסגעפונען אַז זי איז שוואַנגער. זי האָט וועגן דעם איר זון ניט דערציילט. זי האָט אַפילו ניט געפּרוּווט זיך אײַנצוטראַכטן אין דער טראַגעדיע פון איר מצב. זי האָט וויל געוווּסט, אַז מ׳קאָן דורכפירן אַן אַבאָרט. דער דאָקטער פרעגט קיין שאלות ניט. פאַר אַ פאָר הונדערט דאָלאַר שאַרפט ער אָן די שער, פּיקט אויף די געבערמוטער, און דער קאָשמאַר ריגט אויס. דאָך האָט סילוויאַ קיין שריט ניט אָנגענומען. זי האָט זיך פאַרלאָזט אויפן יושר פון דער נאַטור. דער זעלבער כּוח וואָס האָט זי אַרײַנגעפירט אין דער בלאָטע, וועט זי אויך פון דאָרט אַרויספירן.

איין מאָל, בעת סילוויאַ און דעני האָבן שפּאַצירט בײַם ברעג ים, איז דעני פּלוצעם געוואָרן באַרעדעוודיק:

— האָסט אַ מאָל געלייענט די ביבל? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— ניין — האָט סילוויאַ געענטפערט.

— פון אָדם און חוהן האָסטו זיכער געהערט. פאַר וואָס, מיינסטו האָט קין דערשלאָגן זײַן ברודער הבל? אויב דו ווייסט ניט, וועל איך דיר זאָגן: אייפערזוכט, פּראָסט פּשוטע אייפערזוכט. ביידע ברידער האָבן געגלוסט זייער מוטער. זענען זיי אַוועק און געבראַכט מתנות, יעדער לויט זײַן באַרוף. קין האָט געבראַכט די זיסטע פרוכטן פון דער ערד, און הבל, אַ פּאַסטעך, האָט אויסגעקליבן די ייִנגסטע און די פעטסטע שאָף פאַר איר. ווען קין האָט געזען אַז חוה קערט זיך אָפּ פון זײַן מתנה צו גונסטן פון הבלס, האָט ער אויפגעהויבן די קאָסע און דערהרגעט זײַן ברודער הבל.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— איך ווייס אַ סך זאַכן, מער ווי דו מיינסט. אין דײַנע אויגן בין איך אַ קאַליקע, אַ בלינדער. וויל איך דיר טאַקע זאָגן, אַז דווקא מײַן בלינדקייט האָט מיך זעענדיק געמאַכט. איך זע מער, אַ סך מער. טייל מאָל דאַכט מיר אַז איך בין מײַן אייגענער באַשאַפער — און אפשר גאָר מײַן אייגענער גאָט. אַ מין קאָסמישער כּוח געוועלטיקט אין מיר, ער צווינגט מיך צו באַשאַפן מײַן אייגענע וועלט: צו זוכן און געפינען דעם סוד פון אַלע סודות. דו קאָנסט מיך ניט פאַרשטיין, דו ווילסט מיך ניט פאַרשטיין. איך אַליין פאַרשטיי אפשר אויך ניט, איך פיל אָבער אַז איך בין אויפן ריכטיקן וועג, און דאָס איז דער עיקר.



סילוויאַ האָט ניט פאַרשטאַנען און ניט געפּרוּווט פאַרשטיין דעם מיין פון דעניס רייד. די וועלט פון „ראָק־און־ראָל" האָט זי היפּנאָטיזירט. דער באַרבאַרישער ריטעם האָט איר געדינט ווי אַ געהיימער דורכגאַנג צו קיינעמס לאַנד, ווײַט פון די פּראָבלעמען, פון דער רעאַליטעט. די בילדער וואָס די מוזיק האָט אַרויסגעצויבערט, האָבן באַשוועַרט איר געמיט, אָנגעפילט יעדעס קעמערל אין איר גוף מיט אומגעשטילטע באַגערן. ווי אַ טראָפּישער רעגן וואָס קילט ניט אָפּ די לופט, אַזוי האָט סילוויאַ ניט געקאָנט שטילן דאָס קאָכן פון איר בלוט. זי האָט געפילט ווי זי ווערט אַ לאַסט בײַ דענין. אָפט מאָל פלעגט ער נעמען דעם הונט און זיך אַרויסשלײַכן פון הויז און זי איבערלאָזן אַליין ביז שפּעט אין דער נאַכט.

סילוויאַ פלעגט ליגן, קוקן אויף דער וואַנט און וואַרטן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויך זי איז בלינד: זי זעט ניט און קען ניט דעם וואָס קומט זי באַמאַנען. זי ליגט אומבאַוועגלעך ווי דאָס מילבעלע אין זאַמד. זי אָטעמט אײַן די לופט פון איר אייגענעם אויסגעפּאַרעטן טשאַד, דעם פאַרפום פון אירע האָר, וואָס ליגן צעגאָסן אויפן קישן ווי גאָלדענער עפּלקוואָס.

די דזשאָנגל־מוזיק פון „ראָק־און־ראָל" האָט געהילכט אָן אויפהער. און ווידער אַ מאָל, און אָבער אַ מאָל, איז עס געשען: צוויי קערפּערס האָבן זיך באַהעפט, מיט טעלעפּאַטישע אַנטענעס דערשפּירט די מאָנונג און נאָכגעקומען איינער דעם צווייטן, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. און אפשר האָבן זיי געשוויגן אויס מורא אויפצוּוועקן די רעאַליטעט: דאָס כּישוף־שרעטעלע זאָל, חלילה, זיך ניט איבערוועקן, און ווי דער פּרינץ אין מעשה־ביכל אַ פליעסק טאָן מיט די הענט און ווערן צו נישט.

סײַ ער, סײַ זי האָבן געוואָלט אָנהאַלטן דעם מאָמענט וואָס לענגער. אפשר האָבן זיי געוואָלט אָפּנאַרן די צײַט, דעם סדר פון דער נאַטור. אפשר האָבן זיי געוואָלט בלײַבן שטיין אויף איין אָרט? אפשר האָבן זיי ניט געוווּסט אַז די נאַטור פאַרטראָגט ניט קיין סטאַטישן צושטאַנד? אַפילו דאָס בעט פון טײַך בײַט זײַן קורס, בערג גיסן זיך איבער. פּיצינקע קאָראַלן שטײַגן אַרויס פון תּהום און בויען אויף נײַע קאָנטינענטן.

דעני האָט אפשר ניט געוווּסט אַז זײַן מוטער שוואַנגערט. און אפשר האָט ער געוואָרט זי אַליין זאָל עס פאַר אים אַנטפּלעקן. סילוויאַ האָט גע־

שוויגן. זי האָט געפילט ווי דאָס אויפגייענדיקע לעבן וואַרפט זיך, קלאַפּט אָן אין דער וואַנט פון איר באַוווּסטזיין, מאָנט זיין רעכט אָנערקענט צו ווערן.

ווען די ערשטע ווייען האָבן אָנגערירט איר באַוווּסטזיין, האָט סילוויאַ געעפנט די אויגן, מיט חידוש זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט לחלוטין ניט באַנעמען פון וואַנען דער ווייטיק קומט.

ס'איז געווען אין מיטן נאַכט. אין הויז איז געווען שטאָק פינצטער. זי איז אַראָפּ פון בעט. אַ באָרוועסע, אין בלויזן נאַכטהעמד, איז זי אַרויס אין גאַס.

אַ נידעריקער הימל איז געהאַנגען איבערן ים. דער מילכוועג, ווי אַ שריינט אין מיטן, האָט צעטיילט די שוואַרצקייט. פון צייַט צו צייַט האָט אַ שטערן זיך אויסגעגליטשט און אַרייַנגעפאַלן אין ים אַרייַן. דער ים האָט אַלץ צוגענומען, מיט דער זעלבער סטאָישער באַציִונג ווייַטער געצויגן זיין עצמדיקן ניגון, ווי נעכטן, פאַר אַ יאָרן, מיט אַן אייביקייט צוריק.

סילוויאַ איז געגאַנגען לענג־אויס דעם וואַסערברעג, זי איז געגאַנגען צו דער פעלדזנבריק ווו זי און דעני פלעגן אָפּט זיצן. זי האָט ליב געהאַט צו פּליעסקען די פיס אין קילן וואַסער און נאָכקוקן די קליינע ים־קרעבסן וואָס האָבן געאייַלט אַרייַן און אַרויס צווישן די שפּאַלטן פון דער שטיינער־וואַנט.

איין מאָל האָט סילוויאַ אויפגעהויבן אַזאַ קליינעם קרעבס און אים אַרייַנגעלייגט דענין אין דער האַנט אַרייַן. דעני האָט זיך געשפּילט מיטן קרעבס, ער האָט געוואָלט וויסן וויפל פיס ער האָט, ווי ער זעט אויס, צי איז ער פון מענלעכן אָדער ווייַבלעכן מין.

— שווער צו וויסן — ענטפערט סילוויאַ.

— אפשר ווייסט ער אַליין אויך ניט — זאָגט דעני — און צו וואָס דאַרף ער וויסן? ער איז ניט מער ווי אַ פּיאָן אויפן שאָכברעט פון עוואָלוציע. אויך מיר זענען אַ שפּיל אין די הענט פון קאַפּריז, די נאַטור וויל אויספּרוּוון עפּעס אַנדערש... איך ווייס, סילוויאַ, איך פיל, איך קאָן זען וואָס אָפענע אויגן קאָנען ניט דערבליקן. קוק זיך אייַן אין דעם קרעבסל, ס'איז אַוודאי בלינד אַזוי ווי איך. "בלינדערהייט טרעפט עס דעם וועג. עס בלאָנדזשעט ניט. עס צווייפלט ניט, עס ווייסט וואָס איז חלום און וואָס איז וואָר.



— וואָס איז וואָר? — פרעגט סילוויאַ.

דעני ענטפערט ניט באַלד. ער נעמט אַראָפּ זייַנע טונקעלע ברילן, פּוצט זיי לאַנג און באַדאַכט. ווען די ברילן זיצן שוין צוריק אויף דער נאָז, ציקלט ער אויס אַן ענטפער:

— ווילסט וויסן וואָס איז וואָר? צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? דו מיינסט אַז מיט וויסן וועסטו זייַן מער ווי דער קרעבס? מאַכסט אַ טעות.

— אַ קרעבס צאָלט ניט פאַר זייַנע זינד — האָט אים סילוויאַ איבער־געשלאָגן — אַ מענטש צאָלט.

דעניס פּנים איז רויט געוואָרן פון כּעס.

— וואָס פּלאָגט דיך? מיט וואָס האָסטו געזינדיקט? ניטאָ אַזאַ זאַך ווי זינד. נאָר דער מענטש לייַדט פון דעם חולאת. אַז עס וועט קומען צום צאָלן, וועל איך זיך שטעלן פאַר דיר. אויך איך וועל האָבן עפּעס צו פרעגן, אויב עס וועט זייַן וועמען צו פרעגן...

איצט איז סילוויאַ געלאָפן צו יענער פעלדזנבריק ווו זיי פלעגן אָפּט זיצן. די ווייען האָבן זיך איבערגעחזרט, געקומען אָפטער און שאַרפער. זי איז געלאָפן פּאַראַלעל דער ווייַס־צעשוימטער וואַסער־ליניע. זי האָט גע־פּרוּווט זיך אַרויפדראַפּען צו יענעם שטיין אויף וועלכן זי האָט אַ מאָל איר נאָמען אויסגעקריצט. אירע באָרוועסע פיס האָבן זיך אַ גליטש געטאָן, זיך פאַרטשעפּעט און זי איז געפאַלן מיטן קאָפּ אין וואַסער אַרייַן. אַ ווייַל האָט זי זיך נאָך געראַנגלט, זיך געוועהרט קעגן דעם פרימאָרגנדיקן צופלוס פון ים. זי האָט נאָך געפּרוּווט שרייַען, נאָר די שטייַגנדיקע וואַסערן האָבן אָנגעפילט איר מויל. ס'איז אָנגעלאָפן אַ הויכע כוואַליע, די כוואַליע האָט אונטערגע־הויבן דאָס סאַמעט־גלאַטע באַשעפעניש, באַטאַפּט עס פון אַלע זייַטן, פאַר־וואָרפן אויפן רוקן און אַרייַנגעצויגן טיפער אין ים אַרייַן. די כוואַליע האָט זי געוויגט אַהין און צוריק, זיך געשפּילט מיט איר. זי האָט פאַרהויבן איר נאַכטהעמד, צעלאָזט אירע האָר. אַן אַנדערע כוואַליע איז אָנגעלאָפן, זי צוריקגעשטויסן צום ברעג. סילוויאַס שפּיציקער בויך האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ שאַרפן שטיין.

די פרימאָרגן־זון האָט זי געטראָפן ליגן בייַ דער שטיינערבריק מיטן פּנים אַרויף. מחנות פּעליקאַן־פייגל מיט העלדזער ווי טאָרבעס האָבן מיט אייפער געפּיקט איר אָפענעם בויך. עקזאָטישע ים־געוויקסן, פאַרטראָגענע

פֿון ווײַטע לענדער, האָבן זיך אײַנגעפֿלאָכטן אין אירע עפּלקוואַס־האָר. קליינע פֿלינקע ים־חיהלעך האָבן מיט נײַגער באַטאַפּט דאָס זײַדענע לײַב. די גרויווײַסע מעוועס וואָס טשאַטעווען אויף אָפּפֿאַל האָבן מיט באַנומענע קולות געצירקלט אין דער לופֿט. ניט קאָנענדיק באַשליסן צי דער קרבן איז שוין גרייט — האָבן זיי דערווײַל זיך אויסגעזעצט אויף דער זון־פֿאַרגאָסענער פֿעלדזנבריק און מיט געדולד געוואַרט אויף זייער ריי.



## הײַדזשעק

נאָך דעם ווי דער קליינער, באַנומענער יאַפּאַנער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט מאַשין־געווער אין האַנט און האָט דערקלערט אַ הײַדזשעק, איז אין 747־עראָפּלאַן אויסגעבראָכן אַ בהלה. מענער האָבן געכאַפּט זייערע בריוטאַשן ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן צו אַנטלויפֿן, ווײַבער האָבן געיאָמערט, צעטומלטע סטוּאַרדקעס זענען געלאָפֿן אַהין און צוריק. איינע פֿון זיי האָט אַראָפּגעלאָזט אַ טאַץ מיט געטראַנקען. אַ קינד האָט זיך צעוויינט. דער הילכער האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער אַלע קולות און מיט אַנטשלאָסנקייט באַפֿוילן די פּאַסאַזשירן זיך צוריקצוקערן צו זייערע פּלעצער און דער עיקר צו האַלטן זיך רויִק.

מר. שאַפּיראָ האָט פֿאַרנומען זײַן פּלאַץ בײַם פֿענצטערל. ער האָט אײַנגעצויגן דעם פֿאַרזיכערונג־גאַרטל און אין געדאַנק זיך גענומען גרייטן צו דער געשאַפֿענער סיטואַציע. מילא, האָט ער געטראַכט, שטאַרבן מוז מען, אָבער אַזוי אַ?

ער האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אין דער שויב. אַ קרענקלעך־ווײַסע זון האָט געבלענדט אין די אויגן. אונטער דעם פֿליגל פֿון עראָפּלאַן האָט ער דערקענט די שניי־באַדעקטע ראַקי־בערג. „אַ גרויסאַרטיקער בית־עולם!“ האָט ער ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן. אַזאַ רחבות, פּשוט אַ פּריווילעגיע אײַנגעזאַמלט צו ווערן אין די אייביק־ווײַסע אײַנשיטן, אויפֿגעשלאָגענע ווי דער מאָמעס בעטגעוואַנטן אין דער אַלטער היים.

מר. שאַפּיראָ האָט זיך אַליין געוווּנדערט אויף זײַן קאַלטבלוטיקער רעאַקציע צו דער משונהדיקער שפּיל. ער האָט לחלוטין קיין שרעק ניט געפֿילט. אַ מין סטאָיִשע רויִקייט האָט אים אַרומגענומען און אים אָפּגעשיידט פֿון יענעם טשאַרלז שאַפּיראָ וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף דער ערד. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו אים דורך דעם קליינעם עראָפּלאַן־פֿענצטערל ווי מ׳קוקט אויף אַ פֿרעמדן, אויף עמעצן וואָס מ׳האָט צופֿעליק באַגעגנט, זיך

בלומע לעמפעל

# אַ רגע פון אמת

## דערציילונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל-אביב, תשמ"א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*
*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981
נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

# קאָזין קלאָד

— דײַן „קאָזין" האָט שוין ווידער אַן אויסשטעלונג — האָט אַ זאָג געטאָן מײַן מאַן און מיט ביטול אַ שאַר געטאָן די צײַטונג איבערן טיש. דאָס טעפּעלע קאַווע אין מײַן האַנט האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. זײַן שטעלן דעם טראָפּן אויפֿן וואָרט „קאָזין" האָט מיך אָפּגעבריט. „קאָזין" לגבי קלאָדן האָט געהאַט מער ווי איין באַטײַט. מיר אין דער משפּחה האָבן בכיוון אויסגעמיטן צו באַצייכענען זײַן אמתע אָנגעהעריקייט. ער איז געווען ווי אַ ווילדע פלאַנץ, פֿאַרטראָגן פֿון ווינט, אין אונדזער אײַנגעפּונדעוועטן משפּחה־גאָרטן.

ווען מיר זענען נאָך געווען קינדער אין דער היים, האָב איך איין מאָל בעת אַ מחלוקת געהערט שרײַען: „קאָזין! קאָזין!" איך ווייס ניט ווי אַזוי איך האָב דערפֿילט אַז דאָס וואָרט „קאָזין" איז די סאַמע גרויזאַמסטע בײַטש וואָס איך קאָן נוצן איבער אים.

קלאָד האָט גאָרניט געענטפֿערט. ער איז שטיין געבליבן ווי פּאַראַליזירט. זײַנע אויגן האָבן געפֿלאַמט מיט שוואַרצן פֿײַער: די ליפּן ווײַס ווי דאָס בלוט וואָלט מיט אַ מאָל אויסגערונען. ער האָט געקוקט אויף מיר, אָדער אַריבער מיר, ערגעץ ווו אין דער ווײַטער ווײַט אַרײַן, און מיט אַ מאָל גענומען קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט, ניט ווי דאָס וואָלט געווען זײַן קאָפּ נאָר דער קאָפּ פֿון אַ שרץ, וואָס האָט אים נאָר וואָס אַרײַנגעלאָזט אַ גיפֿט.

יענעם אָוונט האָט שוין קלאָד קיין אָוונטברויט ניט געגעסן. ער איז געלעגן אויפֿן בעט, די אויגן פֿאַרמאַכט און צו קיינעם ניט געוואָלט רעדן. אויך איך האָב פֿאַרמאַכט די טיר פֿון מײַן צימער מיטן אויסרייד אַז איך האָב אַ סך שול־אַרבעט. איך האָב געקוקט אין ביכל, געלייענט ווערטער און ניט פֿאַרשטאַנען וואָס איך לייען. יענע נאַכט האָב איך אַ נדר געטאָן דאָס וואָרט „קאָזין" לגבי קלאָדן מער קיין מאָל איבער די ליפּן ניט צו ברענגען. יעדעס מאָל ווען אַ חברטע האָט אַ פֿרעג געטאָן: „איז דאָס דײַן קאָזין?" האָט זיך דאָס האַרץ בײַ מיר אָפּגעשטעלט.



פֿאַר די צען יאָר פֿון אונדזער לעבן זײַט בײַ זײַט איז ער געווען קלאָד, ניט קאָזין און ניט ברודער, נאָר קלאָד. קלאָד מיט אַלע זײַנע חסרונות און מעלות, מיט אַלע ווידערשפּרוכן און קאָמפּלעקסן: קלאָד.

איצט, בײַם פֿרישטיק, האָט דאָס וואָרט „קאָזין", ווי מײַן מאַן האָט עס אַקצענטירט, מיך באַליידיקט און צו דער זעלבער צײַט מיך שטאָלץ געמאַכט. איך האָב געפֿילט אין זײַן טאָן אַ באַוווסטזיניקן שטאָך. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן מיר צו באַווײַזן אַז קלאָד איז ניט מער ווי אַ גראַפֿיטי־פּאַטשקער. ניו־יאָרק, האָט ער געזאָגט, איז פֿול מיט זיי. אַלע וואַגאָנען אין דער סאָבוויי זענען באַמאָלן מיט דעם סאָרט קונץ.

— איך פֿאַר צו דער אויסשטעלונג סײַ ווי סײַ — האָב איך אַ זאָג געטאָן מער פֿון צו להכעיס ווי פֿון איבערצײַגונג.

— האָט ער דיך פֿאַרבעטן?

— א ברודער דאַרף ניט בעטן.

— ער איז ניט דײַן ברודער, ער איז אַ קאָזין.

— ער איז וואָס ער איז — האָב איך צוריקגעשלײַדערט — ער איז אַ מענטש, אַ קינסטלער, ער איז קלאָד, און דאָס איז גענוג!

מײַן מאַן האָט ניט געענטפֿערט, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוועטאַש און איז אַרויס פֿון הויז. אַליין מיט זיך, האָב איך אויסגעלאָזט דעם צאָרן צו דער ווירטשאַפֿט. איך בין געלאָפֿן מיט דער שטויבמאַשין איבערן הויז און געפּרוווט זיך איבערשרײַען: פֿאַר וואָס מוזסטו דווקא שטעמפּלען מענטשן, אָנהענגען עטיקעטן, ווי זיי וואָלטן געווען קאָנסערווירטע פּושקעס אויף די פּאָליצעס אין אַ שפּײַזקראָם? אַ מענטש, וואָס מאַכט דורך אַזוי פֿיל גילגולים און בלײַבט געטרײַ דעם אייגענעם איך, איז מער ווי עפּעס אַ „לאַיערל" וואָס מאַכט אַ לעבן פֿון יענעמס נויט. יאָ, יאָ, ער איז מער ווי דו! — האָב איך געשריגן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

אָפּגעזאָגט דאָס מײַניקע, איז מיר לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן. איך האָב געעפֿנט די ראַדיאָ און זי צוריק פֿאַרמאַכט. געדענקט ער מיך, ווי איך געדענק אים? בין איך פֿאַרטראַכטן אין זײַנע שאַפֿונגען? וואָס איז זײַן טעמאַטיק?

אַ פֿרײַנדין האָט מיך אָפּגערופֿן און מיך פֿאַרבעטן אויף מיטאָג. איך האָב געזאָגט „יאָ" ווייסנדיק אַז איך וועל ניט גיין. מײַנע געדאַנקען זענען

געלאָפֿן אין אַלע ריכטונגען. דער נעכטן און דער הײַנט האָבן זיך געקרײַציקט און צונויפֿגעגאָסן. איך האָב דערזען די „אַטאָם 2“, די שיף מיט וועלכער ער איז געקומען קיין אַמעריקע. ווי אַן אילוסטרירטער קאַלענדאַר איז יענער טאָג געבליבן שטיין אין מײַן זכּרון. די שטימונג אין הויז, דאָס וועטער אין דרויסן, דער טומאַן וואָס איז יענעם טאָג געהאָנגען איבערן פּראָספּעקט־פּאַרק, אַפֿילו די ריחות אין דער לופֿט אין יענעם שפּעטן זומער־טאָג האָבן זיך רעגיסטרירט אין מיר אויף אייביק.

אין טאָג פֿון זײַן קומען זענען מיר, מײַן עלטערער ברודער און איך, אין שול אַרײַן ניט געגאַנגען. די מאַמע האָט צוגעגרייט אַ בעט פֿאַר אים אין מײַן ברודערס צימער. מײַן בעט און מײַנע ביכער זענען אַריבער אין עסצימער. יעדעס ווינקל אין הויז האָט אָפּגעשפּיגלט די דערוואַרטונג. די דילן האָבן געגלאַנצט מיט אַ נײַעם שיכט וואַקס. די פֿירהאַנגען — שטײַף געפּרעסט. עס זענען געווען בלומען אויפֿן טיש און אַ טאָרט אין אײַזקאַסטן.

מײַן מאַמע האָט ניט אויפֿגעהערט צו רעדן וועגן קלאָדן, וועגן זײַנע עלטערן, די עלעגאַנטע וווינונג וואָס זיי האָבן געהאַט אין פּאַריז; די קרישטאָלענע לאָמפּן, די טײַערע טעפּעכער. צו פֿינף יאָר איז קלאָד שוין געווען העכער פֿון מײַן ברודער וואָס איז מיט איין יאָר עלטער פֿון אים. וואָס מער מײַן מוטער האָט דערציילט, אַלץ העכער איז קלאָדס ווייזיע געוואַקסן אין מײַן געדאַנק.

איך האָב אים געשאַפֿן און איבערגעשאַפֿן לויט דער שטימונג פֿון מײַן געמיט. איך האָב זיך געשפּילט מיט דער געשאַפֿענער פֿאָרשטעלונג וועגן אים, ווי מיט אַ ליאַלקע. איך האָב אים פֿאַרפּוצט אין פֿאַנטאַסטישע קאָסטיומען, מיט פֿעדערן און טאַשמעס און לאַקירטע שיך. מײַן נײַגיעריקע פֿאַנטאַזיע איז אַריבער די ברעגן. איך האָב אַרויפֿגעקוקט צו אים מיט שרעק און מיט ליבשאַפֿט. וואָס שענער איך האָב אים געמאָלן, אַלץ מיאוסער האָב איך זיך געזען.

אַלץ וואָס איז געווען פֿראַנצייזיש, איז בײַ אונדז אין הויז געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה. מיר האָבן ניט געקאָנט באַוווּנדערן אַ היגע לאַנדשאַפֿט, מײַן מאַמע זאָל דאָס באַלד ניט צו נישט מאַכן אין פֿאַרגלײַך מיט דעם פֿראַנצייזישן פּייזאַזש. פֿראַנצייזיש עסן, פֿראַנצייזישע קליידער, די פֿראַנ־



צייזישע קולטור... די נאָסטאַלגיע איז געהאַנגען ווי אַ טשאַד איבערן קאָפּ.

ווען די גרויזאַמע ידיעות פֿון יענער זײַט ים האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן האָט מײַן מאַמע געביטן איר שטעלונג צום פֿראַנצויז און במילא שוין צו גאַנץ אייראָפּע. זי איז געוואָרן אַקטיוו אין רעליף־אָרגאַניזאַציעס, גענומען אָנטייל אין די טעטיקייטן פֿון שולוועזן. זי האָט אַפֿילו אַדאָפּטירט אַ מומע און אַ פֿעטער, די קינדער זאָלן ניט פֿילן אַזוי עלנט אין דער פֿרעמדער וועלט.

דער טאָג פֿון קלאָדס אָנקום האָט זיך געשטעלט אַ ליכטיקער, אַ זוניקער. די טאַקסי אין וועלכער מיר זענען געפֿאָרן האָט געיאָגט איבער אומבאַקאַנטע גאַסן און מיר אין געדאַנק האָבן זי אונטערגעיאָגט.

נאָענט בײַם האַפֿן איז מיך באַפֿאַלן אַ שרעק. ווי אַזוי וועט ער מיך אויפֿנעמען? וואָס פֿאַראַ אײַנדרוק וועל איך אויף אים מאַכן? וועל איך אויסהאַלטן דעם פֿאַרמעסט מיט די פֿאַריזשאַנקעס? איך האָב געזוכט מײַן אָפּבילד אין די שויבן פֿון דער טאַקסי, אָבער דאָס וואָס איך האָב געזען האָט מיך נאָך מער צעחושט. איך האָב דערזען צוויי דאַרע צעפּלעך מיט רויטע סטענגעלעך פֿון בײדע זײַטן. צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך דערפֿילט אַ האַס צו מײַן מוטער וואָס זי וויל דווקא איך זאָל אויסזען ווי אַ קינד.

איך האָב זיך צוגעטוליעט צו מײַן פֿאָטער, געהאָפֿט אויף אַ קאָמפּלימענט. ער האָט מיך אָבער ניט געזען. אַלע האָבן געשוויגן אָנגעשטרענגט, געשפּאַנט.

ווען מיר האָבן ענדלעך דערגרייכט דעם פּאָרט, איז שוין די „אַטאָם 2“ געשטאַנען אַ געאַנקערטע. דאָס איז געווען אַ קליין, נעבעכדיק שיפֿל, אָפּגעקראָכן, גרוי, מיט אַ געל־רויטן קוימען. אין שכנותדיקן וואַסערפּאַס, פּונקט קעגן איבער דער „אַטאָם 2“, איז געשטאַנען די „קווין־מערי“ און ווי אַ ריז פֿאַרקאַרליקט מײַן קאָזינס שיף.

קוקנדיק אויף דער שיף און אויף די פּאַסאַזשירן וואָס האָבן געשטראָמט פֿון איר, איז מײַן עקזאַלטאַציע געפֿאַלן. אַן אַגענט פֿון „האַיאַס“ האָט אונדז פֿאַרזיכערט, אַז דער פּאַסאַזשיר קלאָד קאָהן געפֿינט זיך אויף דער שיף. נאָר צוליב דעם געדראַנג און דער אומאָרדענונג פֿון דער פֿראַנצייזישער געזעלשאַפֿט, וועט עס דויערן אַ ביסל ביז אַלע פּאַסאַזשירן וועלן אַראָפּגיין

פון דער שיף. אַרויפגיין אים זוכן האָט מען ניט דערלויבט. האָבן מיר אַלע אין איין קול גענומען רופן: קלאָד! קלאָד! און מיט די אויגן געזיפּט דעם עולם, געזוכט אַ ייִנגל, וואָס זאָל אויסזען ווי קלאָד.

ענדלעך האָט אויף יענער זייַט בריק זיך באַוויזן אַ ייִנגעלע אין קורצע הייזלעך, אָן זאָקן, מיט אַ שוואַרצן בערעט איבער די אויערן. קיין העמד האָט ער ניט געטראָגן. אַ צעריסענער סוועטער האָט פאַרדעקט זייַנע שמאָלע פּלייצעס, פון וועלכע ס'האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ ברוינער רוקזאַק — אָפּן און אויסגעליידיקט.

— מאָן דיע! (גאָט מייַנער) — האָט מייַן מאַמע אַ געשריי געטאָן — דאָס איז דאָך קלאָד!

קלאָד האָט אַראָפּגעקוקט צו זייַנע צעריסענע שיך און קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. מייַן טאַטע האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך, אים גענומען אין די אָרעמס ווי מ'הייבט אויף אַ פּיצל קינד.

פאַר אונדז איז געשטאַנען אַ פאַרוואָרלאָזט אויסגעמאָגערט ייִנגעלע. אַ שאַרפער ריח פון שוויס און שמוץ האָט זיך געשפּרייט אַרום אים. מייַן טאַטע האָט זיך צעשריגן אויפן הויכן קול:

— איך וועל קלאָגן אין געריכט! אַזוי פירט מען קינדער? איך האָב באַצאָלט גוט געלט. זעט, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט! טויזנט מענטשן האָבן זיי אַרייַנגעפּאַקט אין אַ בלעכערנער באַנקע. איך וועל דאָס ניט פאַרשווייַגן!

מייַן מאַמע האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן און שטיל געוויינט. דער אַגענט פון „האַיאַס" איז געקומען צו לויפן. ער האָט אונדז גלייַך דורכגעפירט דורכן שטייַעראַמט, אונדז געווונטשן גליק און קלאָדן דערלאַנגט אַ לעדערן בייַטעלע, מיט זייַן נאָמען אויסגעקלאַפּט אין גאָלדענע אותיות. אינעווייניק אין בייַטעלע איז געווען אַ נייַער קאַנאַדיקער דאָלאַר.

קלאָד האָט אַ קוק געטאָן אויפן בייַטעלע און זייַנע אויגן האָבן אויפגעשייַנט. ער האָט עס באַטראַכט פון אַלע זייַטן, געגלעט מיט די פינגער, צוגעלייגט צום פּנים און ניט געוווּסט אַוווּ עס אַהינצוטאָן. ענדלעך האָט ער זיך דערמאָנט אין רוקזאַק. ער האָט אויף גיך אַרייַנגעלייגט דאָס בייַטעלע און ערשט נאָך דעם יעדן פון אונדז דערלאַנגט די האַנט.

— סאַ וואַ?



— סאַ וואַ, טרע ביען! — האָבן מיר געענטפערט. מיר האָבן קלאָדן אַהיימגענומען. מייַן מאַמע האָט אים אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן רייַנע מלבושים. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך איז געגאַנגען אין מיסט אַרייַן. מיטן רוקזאַק האָט קלאָד זיך ניט געוואָלט שיידן. ער האָט דעם רוקזאַק אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט איבער זייַן בעט און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן.

צו מאָרגנס איז געווען שבת. דאָס נעבעכדיקע ייִנגעלע, וואָס איז נעכטן געווען אונדזער קאָזין, איז הייַנט געוואָרן אַ ברודער. אַזוי האָט מייַן טאַטע פייַערלעך דערקלערט אין קיך בייַם טיש, בעת מייַן מאַמע האָט דערלאַנגט הייסע פּאַנקיכעלעך מיט האָניק, פּוטער, מילך און אייַנגעמאַכצן פון אַלערליי מינים.

קלאָד האָט געלאָזט ליגן דעם גאָפּל און זיך געהאָלפן מיט די פינגער. מייַן ברודער האָט זיך צעלאַכט. קלאָד האָט אים אָנגעקוקט און ווייַטער אָנגעגאַנגען מיט זייַן אייגענעם וועג.

ער האָט געוואָלט וויסן פאַר וואָס מען קאָכט ניט די מילך, נאָר מ'טרינקט זי גלייַך פון פלאַש אַרויס. ער האָט אויך געוואָלט וויסן פאַר וואָס מיר האָבן ניט קיין ווייַן אויפן טיש. ער האָט דערציילט פון זייַנע דערפאַרונגען אויף דער שיף: ס'איז געווען אַ שטורעם אויפן ים, אַלע זענען קראַנק געוואָרן און ער איז אַרומגעגאַנגען אויפן דעק, געהאָלפן די מאַטראָסן אָפּרייניקן דאָס וואַסער. די מאַטראָסן זענען גוט געווען צו אים. ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער אויך זייַן אַ מאַטראָס. ער האָט געהאַט אַ סך זאַכן אין רוקזאַק, צווישן זיי — זייַן טאַטנס גאָלדענעם זייגערל וואָס די פּויערטע, בייַ וועמען ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, האָט אים מיטגעגעבן. בייַ נאַכט, ווען ער איז געשלאָפן, האָט מען בייַ אים דאָס זייגערל צוגעגנבעט. דערבייַ האָט ער אונדז געוויזן די שיניאַקעס פון די געשלעגן מיט די וועמען ער האָט באַשולדיקט אין דער גנבה.

בעת קלאָד האָט גערעדט, האָב איך מיט צופרידנקייט באַמערקט זייַנע ווייַסע, פּערפעקטע ציין, זייַן סימפּאַטישן שמייכל, זייַנע שוואַרצע סאַמעטענע האָר. די הויט אויף זייַן פּנים איז געווען צעקראַצט, באַשיט מיט קליינע און גרעסערע קרעצלעך טיף אַראָפּ ביזן האַלדז.

נאָכן פרישטיק האָט מייַן טאַטע זיך אויפגעשטעלט, אונדז אַלעמען געהייסן זיצן. ער האָט זיך געריבן די הענט, געשפּאַנט אַהין און צוריק, געזוכט ווערטער, אָפּגעהוסט און פּאַטעטיש דערקלערט:

— פון הײַנט אָן און ווײַטער — האָט ער געזאָגט צו קלאָדן — בין איך דײַן טאַטע, זי דײַן מאַמע, ער דײַן ברודער און זי דײַן שוועסטער.

דערנאָך האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט, אויפן פראַנצייזישן שטייגער זיך צעקושט צערעמאָניאַל, צוויי מאָל אויף יעדער זײַט פון פּנים און בגנבה אָפּגעווישט אַ טרער.

קלאָד האָט גיך זיך צוגעפּאַסט צום נײַעם שטייגער לעבן. ער האָט אָפּגעשאַצט זײַנע נײַע מלבושים. עס איז אים אַפילו געווען אַ ביסל שווער־לעך זיך צוצוגעוווינען צו די לאַנגע הויזן. עס האָט אים אויך אויסגעפעלט דאָס פּאַרטעכל וואָס פראַנצויזישע קינדער טראָגן. ער איז געווען באַגײַסטערט פון זײַנע נײַע שיך, אַפילו דעם סקריפּ האָט ער ליב געהאַט צו הערן. ער האָט געהאַט אַן אייגן ווינקל ווו ער האָט געהאַלטן זײַנע זאַכן. יעדן טאָג פלעגט ער איבערלייגן זײַן פאַרמעגן, פאַרשריבן יעדע זאַך וואָס האָט באַ־רײַכערט זײַן אייגנטום. ס'איז ניט אַוועק אַ טאָג אַז קלאָד זאָל ניט עפּעס צולייגן: אַ בוך, אַ בלײַפעדער, אַ פּעני — אַלץ געפונען אין גאַס.

איין מאָל האָט ער אַפילו געפונען אַ דאָלאַר. ער האָט דעם דאָלאַר צוגעלייגט צו דעם דאָלאַר פון „האַיאַס". דאָס בײַטעלע איז שוין געלעגן אין אַ גאָלד־געליישטן שאַכטעלע, פאַרבונדן מיט אַ זײַדענער טאַשמע. ער האָט דאָס שאַכטעלע געהאַלטן אין זײַן קאָמאָד ווו ס'איז געלעגן דאָס בילד פון זײַנע עלטערן, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין טאָג פון זייער חופּה.

מער פון אַלץ האָט קלאָד ליב געהאַט זײַן מאַטראָסן־היטעלע, כאָטש לויט דער מאַטראָס־טראַדיציע האָט עס אים פאַרשאַפט מער צרות ווי נחת. די קינדער אין גאַס האָבן דערשמעקט אַ פרעמדן און אים גרופּעסווײַז אַטאַ־קירט. צום ערשט האָט מען בײַ אים אַראָפּגעריסן דאָס היטעלע, גלײַך ווי דאָס וואָלטן געווען די לאָקן פון שמשון הגיבור. מיטן היטעלע אין זייערע הענט האָט מען אים געצווונגען נאָכצוזאָגן שמוציקע ווערטער און מיט קרײַד זיי אויסצייכענען אויפן טראָטואַר. אַז ער האָט געוואָלט זײַן היטעלע צוריק האָט ער געמוזט די ווערטער איבערזעצן אויף פראַנצייזיש. דאָ האָט שוין קלאָד גענומען נקמה: ער האָט אָנגעשריבן זידלווערטער אויף זייער חשבון און אַזוי אַרום געקילט זײַן שוועַר האַרץ.

וואָס מער צרות דאָס היטעלע האָט אים פאַרשאַפט, אַלץ מער האָט ער



זיך דערצו צוגעבונדן. דאָס היטעלע האָט אים געמאַכט אויסזען העכער, אים צוגעגעבן חשיבות. ער פלעגט עס טראָגן זײַטיק, אויפן שפּיץ קאָפּ, אָדער גאָר איבער די אויגן. דאָס היטעלע איז געוואָרן אַ מין קענצייכן. שוין פון ווײַטן האָט מען דערקענט אַז דאָ קומט קלאָד. אַפילו זײַנע בעסטע פרײַנד האָבן ניט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון און בײַם מינדסטן סיכסוך איז דאָס היטעלע געלעגן אין רינשטאָק.

יעדעס מאָל ווען קלאָד איז אַהיימגעקומען מיט אַן אײַנגעריכטן הוט, האָט ער שוין קיין נאַכטמאָל ניט געגעסן. קראַמפּן אין בויך אָדער קאָפּ־ווייטיק האָבן אים אַרײַנגעלייגט אין בעט. מיטן לויף פון דער צײַט האָבן זיך זײַנע חולאַתן אויסגעהיילט. זײַן פּנים האָט זיך אויסגעלײַטערט. ער האָט באַקומען אַ גרינגלעך־בלאַסע מראה, וואָס האָט שטאַרק אַרויסגעהויבן דעם גלאַנץ פון זײַנע שוואַרצע אויגן און נאָך שוואַרצערע האָר.

דער סם פון דער אויבערפלאַך איז אַרײַן אין זײַן בלוטשטראָם און פון צײַט צו צײַט אויסגעשאָסן מכּות אויפן לײַב. גרויסע דאָזעס פון וויטאַמין „ב" האָבן די מכּות צו ביסלעך אויסגעהיילט. דער סם האָט זיך כעמיש אויפגעלייזט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָף, וואָס מ'קאָן מיט וויטאַמינען ניט היילן. דער שטאָף האָט זיך פאַרקליבן אין די חושך־ווינקלען פון דער נשמה, אין די היילן און אָפּגרונטן, ווו דער איך־צענטער הערשט מיט אַ דיקטאַטאָרישער מאַכט, צווינגט דעם יחיד צו גיין אויף וועגן אָדער אומוועגן וואָס זיינען אײַנגעפּלאַנצט אין זײַן נאַטור.

איין מאָל, בעת מײַן מאַמע האָט געמאַכט זײַן בעט, האָט זי אונטערן מאַטראַץ אַנטדעקט קינדערשע ביקסן, פּלאַסטישע רעוואָלווערן, טאַשן־מעַ־סערלעך, ליימענע סאָלדאַטן — אַלץ געקויפט אין „פינף און צען סענט־סטאָר".

נאָכן אויספאָרשן דעם ענין האָט מען זיך דערוווּסט אַז קלאָד האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גאַס־באַנדע וואָס באַשיצט אים פון אָנפאַלערס פאַר אַ געוויסן פּרײַז. ניט די קלעפּ פון מײַן טאַטן, ניט מײַן מאַמעס געבעט האָבן אים באַוויגן אויסצוגעבן די געהיימע באַנדע. ער האָט געשווירן צו האַלטן דעם סוד, האָט ער פאַרשלאָסן די ליפּן און אַוועקגעוואָרפן דעם שליסל.

דאָס איז ניט געווען זײַן איינציקע פּראָבלעם. אין שול האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין אַ קלאַס מיט קינדער דרײַ יאָר יינגער פון אים. דאָס האָט

קלאָדן געקרענקט און באַליידיקט. האָט ער בײַ יעדער געלעגנהייט אויסגעמיטן צו גיין אין שול. און ווען ער איז שוין יאָ געגאַנגען, פֿלעגט ער זיצן און צייכענען בילדער, אַנשטאָט צו הערן וואָס די לערערין זאָגט.

נאָך נײַיאָר האָט מען קלאָדן אַרײַנגענומען אין אַ העכערן קלאַס. דאָס איז געווען דער ווענדפּונקט אין זײַן לעבן. מיט אַ מאָל האָט ער אויפֿגעמאַכט דאָס מויל און אָנגעהויבן רעדן ענגליש. ער האָט אַזוי גרינטלעך פֿאַרוואָרפֿן דאָס פֿראַנצייזישע, אַז ווען ס׳איז געקומען פֿרילינג האָט ער מער קיין וואָרט פֿראַנצייזיש ניט געוואָלט אַרויסרעדן. ער האָט געטענהט אַז ער האָט די שפּראַך פּשוט פֿאַרגעסן. ער איז געווען שטאָלץ אויף זײַן ענגליש, זיך מער ניט געשראָקן טאָמער מאַכט ער אַ טעות, זאָגט עפּעס וואָס רופֿט אַרויס געלעכטער, ווי דער אינצידענט אין דער זונטיקשול.

דאָס איז געווען באַלד נאָך זײַן קומען אין לאַנד. קלאָד האָט באַמערקט אויף דער טיר פֿון טואַלעט די אויפֿשריפֿט: „וואָמען". ווען ער האָט איין מאָל געדאַרפֿט אַרויסגיין האָט ער אויפֿגעהויבן די האַנט און געזאָגט אַז ער וויל גיין צו די „וואָמען". די קינדער האָבן זיך צעלאַכט און דער חוזק האָט אויף אייביק זיך אָפּגעדריקט אויף זײַן נשמה.

מיטן בײַקומען די לאַנדשפּראַך זענען נאָך אַלע זײַנע פּראָבלעמען ניט געלייזט געוואָרן. די קינסטלעכע משפּחהדיקייט האָט ניט אַלע מאָל געהאַלטן. אויף דער וואָר און אין חלום האָבן אים געפּלאָגט קאָשמאַרן. ער האָט מיטן אויג געמאָסטן דאָס שטיקל פֿלייש אויף מײַן ברודערס טעלער. כאָטש ער האָט זײַן טייל קיין מאָל ניט געקאָנט פֿאַרענדיקן, האָט אים אָבער פֿאַרדראָסן דער פֿאַקט וואָס מײַן ברודער קריגט מער פֿאַר אים. בײַ נאַכט פֿלעגט ער שרײַען פֿון שלאָף און אָפֿט מאָל אין דער פֿינצטער לויפֿן אָנטאַפּן דאָס בײַטעלע, וואָס איז שוין אַגב געווען פֿול מיט דאָלאַרן. דאָס בײַטעלע איז געוואָרן אַ מין אָפּגאָט, אַ מזבח, ווו ער האָט מקריב געווען זײַן וועכנטלעך געהאַלט, פֿאַר וואָס ער האָט געזאָלט קויפֿן אײַזקרעם, שאָקאָלאַד, אָדער גיין אין קינאָ, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט.

די עלטערן אויפֿן בילד און די עלטערן אין הויז האָבן אין זײַן נשמה קיין שלום ניט געמאַכט. האַס און ליבשאַפֿט האָבן געפּלאָגט זײַן נשמה. ער האָט געזוכט דעם שולדיקן אין שטראָפֿוואָרט פֿון זײַן לערערין, אין מיספֿאַרשטייעניש מיט אַ חבר, אין מײַן ברודערס שטאַרקע מוסקלען, אין מײַן



שפּילן אויף דער פּיאַנע. ער האָט צוריקגעשלאָגן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. ער האָט אַרײַנגעוואָרפֿן מײַן ליאַלקע אין מיסטקאַסטן, מײַן ברודערס באָקסער־הענטשקע האָט ער צעשניטן און אַזוי אַרום אונדז געצוווּנגען צו קוקן אויף אים ווי אויף אַן אַרײַנדרינגער וואָס פֿאָדערט גלײַכע רעכט אויף אַ פֿרעמדער טעריטאָריע.

ערשט ווען קלאָד איז אַרײַן אין הײַסקול האָט ער אַנטדעקט דאָס וואָס מײַנע עלטערן האָבן געוואָלט פֿון אים באַהאַלטן — קלאָד האָט זיך צוגעכאַפּט צו די ביכער פֿון חורבן.

פּלוצעם האָט ער צוריק זיך דערמאָנט פֿראַנצייזיש. ער האָט געלייענט די בריוו פֿון זײַנע עלטערן און שפּעטער זיי באַהאַלטן צווישן זײַנע זאַכן. ער האָט באַהאַלטן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות מיט זײַנע עלטערן. ער האָט פֿאַרשריבן די דאַטע און דאָס אָרט ווו מ׳האָט זײַן פֿאָטער דערשאָסן. ער האָט זיך ווידער פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַנצייזישער משפּחה בײַ וועלכער ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן און פֿון וואַנען מ׳האָט זײַן מוטער דעפּאָרטירט. ער האָט פֿאַרשריבן דעם אַדרעס פֿון זייער אַמאָליקער וווינונג אין פּאַריז, פֿון פֿרײַנד וואָס זענען געבליבן לעבן. דאָס נאָטיץ־ביכעלע האָט ער אַרײַנגעלייגט אין בײַטעלע פֿון „האַיאַס". די דאָלאַרן זענען שוין געווען אין דער באַנק, דאָס גאָלד־געליישטע שאַכטעלע, אין וועלכן ער פֿלעגט האַלטן דאָס בײַטעלע, האָט שוין איצט בײַ אים קיין ראָלע ניט געשפּילט.

אויף זײַן קאָמאָד זענען איצט געלעגן אילוסטרירטע זשורנאַלן, אויסשניטן פֿון מאָדעלקעס, אָנגעטוענע און נאַקעטע. אין זײַן פֿרײַער צײַט פֿלעגט ער צייכענען וואָס נאָר ס׳איז אים געקומען אונטער די הענט. ער פֿלעגט אויסבאָרגן דעם קאָפּ פֿון איין מיידל און אים אַרויפֿזעצן אויפֿן גוף פֿון אַ צווייטער. טייל מאָל פֿלעג איך דערקענען מײַנס אַ קליידל אויפֿן גוף פֿון אַ פֿילם־אַקטריסע.

די באַציִונג צווישן מיר און קלאָדן איז געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטרענגט. יעדער אומשולדיקער באַריר האָט אַרויסגערופֿן געפֿילן פֿאַר וועלכע יעדער פֿון אונדז האָט אין געהיים זיך געשראָקן. איך האָב זיך געשראָקן בײַ נאַכט אין בעט, אויך בײַם אָנטאָן און בײַם אויסטאָן.

איך האָב כּסדר געדענקט זײַן האַנט וואָס האָט געבלאָנדזשעט איבער מײַן לײַב אין יענער נאַכט פֿון דער שׂריפֿה. מ׳האָט אונדז אויפֿגעוועקט

אין מיטן דער נאַכט, אין דער אונטערוועש פון הויז אַרויסגעטריבן. מ׳האָט אונדז דערלאַנגט קאָלדרעס און אונדז געפירט אין שכנישן טעמפּל. דאָרט האָבן מיר זיך אויסגעלייגט אויף די בענק און געפּרוּווט שלאָפן.

צווישן מיר און קלאָדן איז געשטאַנען אַ שמאָל טישל. אײַנגעהילט אין זײַן קאָלדרע האָט זיך קלאָד אַראָפּגעגליטשט פון דער באַנק. ליגנדיק הינטערן טישל האָט ער אָנגעהויבן זײַן אָנגריף. איך בין געלעגן אומבאַוועגלעך, געמאַכט דעם אָנשטעל אַז איך שלאָף. איך האָב מורא געהאַט צו קאָמוניקירן, אויסטוישן די פונקען פון וועלכע ס׳מאַכט זיך אַ פײַער, האָב איך געלאָזט זײַן האַנט וואַנדערן. פון צײַט צו צײַט האָב איך געמאַכט אַ באַוועגונג ווי איך וואָלט זיך איבערגעוועקט און ווידער געפאַלן אונטער זײַן צויבער.

פאַר טאָג זענען מיר צוריק אַוועק אַהיים. די באַציִונגען צווישן מיר און קלאָדן זענען מער ניט געווען די זעלבע. מיר האָבן אויסגעמיטן צו רעדן צווישן זיך און קוקן איינער אויפן צווייטן. די בחורים וואָס איך האָב אַרײַנגעבראַכט אין הויז זענען אים ניט געפעלן. דאָס זעלבע האָב איך געפילט וועגן זײַנע מיידלעך. עס איז געווען ווי מיר וואָלטן אויסגעפּרוּווט די פײַערווערק פאַר פרעמדן געברויך און אַן באַדויער צוגעקוקט ווי די אילוזיע פּלאַצט.

ווען קלאָד האָט פאַרענדיקט הײַסקול איז ער אַוועק דינען אין ים־פלאָט. דרײַ יאָר צײַט איז ער געווען אַ מאַטראָס, אויסגעפאָרן אַ וועלט. ער האָט באַזוכט די ערטער וואָס ער האָט געוואָלט זען, זיך געטראָפן מיט די מענטשן מיט וועלכע ער האָט געוואָלט רעדן. די אויספירן צו וועלכע ער איז געקומען — האָט ער באַהאַלטן פאַר זיך.

ווען קלאָד איז צוריקגעקומען בין איך שוין געווען אַ חתונה־געהאַטע. דורך דער צײַט איז ער אויסגעוואַקסן, געוואָרן העכער. זײַן בליק איז געוואָרן טיפער, עניגמאַטישער, בלויז דער שמייכל איבער די ווײַסע צײַן איז פאַרבליבן דער זעלבער — אָפנהאַרציק און פול מיט חן.

לאַנג איז ער אין דער היים ניט געבליבן. ער האָט גענומען דאָס בײַטעלע, דאָס גאָלד פון זײַן נאָמען איז געווען שוין היפּשלעך אָפּגעריבן. ער האָט אָפּגעשטויבט זײַן ברוינעם רוקזאַק און אַרײַנגעפּאַקט די זאַכן צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ מין מיסטישע פאַרבינדונג, אַ נשמה־אויסטויש וואָס האָט אין ווערטער זיך ניט גענייטיקט.



מיר האָבן זעלטן געהערט פון אים. פאַר יעדן יום־טוב פלעגט ער שיקן אַ קאַרטל מיט אַ פּאַסיקער צייכענונג פאַר דער געלעגנהייט. וועגן זיך האָט ער ווייניק דערציילט. ניט פון אים, נאָר פון אַ סאַן־פראַנציסקאָ־זשורנאַל האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז קלאָד איז אַ דערפאָלגרײַכער מאָלער. זײַנע אַן אויסשטעלונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס לויב.

דורך די יאָרן איז קלאָד פאַרבליבן דער פאַרבאָטענער בוים אין מיטן פון מײַן באַטעפּעכטן גן־עדן. איבער דעם רויש פון דער שטויבמאַשין האָט מײַן פערזענלעכע אַנטענע געזוכט אַן אָנשלוס — אפשר מיט אים וואָלט געווען אַנדערש, האָב איך געטראַכט. אפשר וואָלטן מיר זיך געווען דערשלאָגן צו אַ מער קערנדיקן לעבן, צוזאַמען וואָלט אונדז אפשר געווען געלונגען אויסצומײַדן די קלאַפּטיר פון דעם פּוסטן גן־עדן. אפשר וואָלטן מיר זיך געווען דערשלאָגן צו אַ מער עצמדיקן, אינעווייניקסטן אמת, אפשר...

איידער איך האָב טעלעפאָנירט אַהיים, איבערצוגעבן דער מאַמען די נײַעס, בין איך אַראָפּ צום פּאָסטקעסטל און דאָרט געפונען אַ בריוו פון קאַליפאָרניע. אין דעם בריוו האָט קלאָד בײַגעלייגט אַן אילוסטרירטע פאַרבעטונג. אויפן טאָוול — אַ ליטאָגראַפיע פון אַ פּאָרטרעט. דאָס געמעל האָט פאָרגעשטעלט אַ מיידעלע מיט צוויי דאַרע צעפּלעך, אײַנגעפלאָכטענע מיט רויטע סטענגעלעך. זי קוקט מיט צעשראָקענע אויגן, וואָס פאַרנעמען מער ווי אַ העלפט פון איר פּנים. זי קוקט אויף אַ שיף וואָס שטייט אין האַפן. די סטענגעלעך ציִען צו דער שיף, קומען צו נאָענט, גאָר נאָענט — נאָר זיי רירן זיך ניט אָן.

בלומע לעמפּעל

# אַ רגע פון אמת

## דערציילונגען

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ"א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*

*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פארלאג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981

נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

די מוטער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער האַלב פֿאַרמאַכטער טיר. זי האָט געשמייכלט און גערעדט אויף דײַטש שנעל, שנעל. הינטער איר האָט דאָס ווילבאַקאַנטע געלעכטער פֿון איר טאָכטער שוין אָנגעשלאָגן דעם לאַנגן שלוקערץ. דאָס רעשט האָב איך שוין אויפֿגעכאַפּט בײַ זיך אין קיך.



## אַ ייִדישער פּאָעט אין פּאַריז

סומער גאָטליב איז צוליב אַ ליד געקומען וווינען אויפֿן בעלוויל. זײַן ערשטע פּאַריזער קוואַרטיר איז געווען אין לאַטײַנישן פֿערטל, ניט ווײַט פֿון דער סאָרבאָנע ווו ער האָט שטודירט מעדיצין.

מעדיצין איז געווען זײַן מוטערס אויסקלײַב. זי איז באַשטאַנען ער זאָל ווערן אַ דאָקטער, אַ היילער פֿון קראַנקע, און אַזוי אַרום אַוועקשטעלן אַ לעבעדיקן מאָנומענט פֿאַר זײַן יונג־פֿאַרשטאָרבענעם טאַטן, אַ קרבן פֿון דער טשאַכאָטקע.

גאָטליב האָט זיך פֿאַרמאָסטן קעגן די שוועריקייטן אויפֿן וועג מיט יוגנטלעכן אייפֿער. ער האָט געאַרבעט, שטודירט, אַ ביסל געלט האָט די מאַמע צוגעשיקט, און ווען ס'איז אים אויסגעקומען אונטערצוהונגערן, האָט ער עס אויך ניט אָנגענומען פֿאַר אַן אומגליק.

איין מאָל, ווען דער מאַמעס טשעק האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט, אונטערן האַרץ האָט גענאָגט און די מעדיציניש שטודיעס זענען אין קאָפּ אַרײַן ניט געקראָכן, האָט ער אויף אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר אויסגעציקלט ייִדישע אותיות וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט אין קורצע שורות. די שורות האָבן געקוואָלן, פֿאַרפֿלייצט דאָס פּאַפּיר מיט וויזיעס פֿון ווייצן ראַזעווע ברויט, אָנגעשמירט מיט פֿרישע פּוטער. ער האָט דאָס ברויט אויסגעלייגט אויף אַ טאַץ און עס אַוועקגעשטעלט אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון אײַפֿל־טורעם. בײַ די פֿיס פֿון אײַפֿל־טורעם בליִען בלומען, פֿאַרשוירענע ווערבעלעך פֿורעמען געאָמעטרישע קאָנטורן. שיינע מאַדעמואַזעלן שפּאַצירן אין די אַלייען. אַן אויסגעמאָגערט ייִנגעלע אין קורצע הויזן, שיך אָן זאָקן, קוקט אַרויף צום ברויט מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן, און מיט דער תּקיפֿות פֿון וויקטאָר הוגאָס „גאַווראָש" שטעלט ער אַרויס אַ פֿאַרטריקנטע צונג.

אַ ייִדישער זשורנאַל האָט דאָס ליד פֿאַרעפֿנטלעכט. קיין האָנאָראַר האָט ער ניט געקריגן, דאָס ליד האָט אָבער געעפֿנט פֿאַר אים אַ וועג צום ברויט. ער האָט געקריגן אַ פּאָסטן אין אַ ייִדישער דרוקערײַ אין סאַמע האַרץ פֿון

בעלוויל. סומער גאָטליב האָט איבערגעלאָזט די סאָרבאָנע, דאָס לאַטײַנישע פערטל און איז אַוועק וווינען אין האָטעל „נאַציאָנאַל”.

דער בײַט איז געווען אַ דראַסטישער. די סביבה — מער וואַרשע ווי פּאַריז. מיזרח־אייראָפּעיִשע עמיגראַנטן האָבן דאָ געפונען אַ מקום־מיקלט. יונגע מענער און פרויען האָבן דאָ געטיילט זייערע פּראָבלעמען, זייערע סוקצעסן און זייערע דורכפאַלן. מ'האָט אויך דאָ, צווישן די לאַנדסלײַט, געקאָנט כאַפּן אַ הלוואהלע, געפינען דעם אַדרעס פון אַ „מאַכער” וואָס קאָן מאַכן פון אומלעגאַל — לעגאַל. פאַרשידענע אַקצענטן האָבן אָפּגעהילכט אויף די טרעפּ, ביז אַרויף צום זעקסטן שטאָק. גאָטליבס צימער אויפן צווייטן שטאָק איז געוואָרן אַ מין זאַמלפּונקט פאַר די „אינטעליגענטן”. אויך די וועלכע האָבן געוווינט אויף די העכערע גאָרנס האָבן דאָ געגרן אויסגעפּאַקט זייערע שקאָרמוצן, אָפּגעכאַפּט אַ נאַכטמאָל פון ברויט מיט קעז און צוריק אַרויס אויף די אָוונטיקע בולוואַרן צו זוכן ליבע אויף אַ ווײַל.

אויך האַנקע פון זעקסטן שטאָק פלעגט דאָ אָפּט אָפּשטאָטן אַ באַזוך, אָפּלייגן אירע פּעקלעך, באָרגן אַ בוך, אויסהערן אַ ליד, וואָס גאָטליב האָט געגרן פאָרגעלייענט.

זונטיק האָט דער האָטעל „נאַציאָנאַל” גערוט. טאָג־אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט זייערע וועקערס און געשלאָפן אויף גאָטס באַראָט. סומער גאָטליב האָט זיך אויך ניט געאײַלט אויפצושטיין. ער האָט ליב געהאַט זיך צו ראַיען אין די פרימאָרגנדיקע חלומות. יענעם זונטיק אין דער פרי האָט זיך אים געחלומט אַז ער שטייט פאַר אַ רייע קאָלירפולע קראַוואַטן. עס גייט אים אין לעבן צו געפינען אַ קראַוואַט וואָס זאָל זײַן פּאַסיק צו טראָגן אויפן שרײַבער־באַנקעט. ער וויל אַ מיש טאָן די קראַוואַטן, זען וואָס ער קאָן אויסקלײַבן, אָבער די הענט בײַ אים זענען שלאַף, אין גאַנצן ווי אָפּגענומען. אַ פּראַנט, אַ פאַרקויפער מיט פּאָמאַדע אין די האָר און אַ קנייטש אין די הויזן, מאַכט אים פּילן שפּלדיק. ער אײַלט זיך. ער האָט אַוודאי אַ ראַנדעוווּ — טרײַבט ער אים אונטער. — וואָס דויערט דאָס בײַ אײַך אַזוי לאַנג? אָט פאַרשליסט מען שוין די טיר. איר מיינט דאָך ניט דאָ איבערצונעכטיקן?

גאָטליב רײַסט אויף די אויגן. דאָס צימער איז פול מיט גאָלדענעם פרילינגליכט. דער אַקאַציע־בוים, אויסגעפּוצט ווי אַ כלה צום באַדעקנס, קוקט אַרײַן צו אים אין פענצטער. גאָטליב גענעצט, דעקט זיך איבער איבערן



קאָפּ און דרימלט ווידער אײַן. עס נעמט ניט לאַנג און ער שטייט שוין ווידער פאַר די קראַוואַטן. האַנקע איז מיט אים. זי העלפט אים אויסקלײַבן דעם ריכטיקן קראַוואַט. כאָטש איר שטים איז שטיל, באַשיידן, באַשטייט זי אָבער אים צו דערווידערן. זאָגט ער אַז דער רויטער קראַוואַט איז פּונקט גוט פאַר זײַן בלויען גאַרניטער, מאַכט זי אַ מינע ווי ער וואָלט זיך דערקלערט פאַר שימשון־הגיבור. שלאָגט ער פאָר די בלויע מיט די ווײַסינקע בלימעלעך, צעלאַכט זי זיך, גאָרניט ווי איר שטייגער. פון איר געלעכטער ווערט אים הייס און קאַלט. זי פלירטעוועט גאָר? ער פילט איר אָטעם אויף זײַן פּנים. אים ווערט ענג אין האַלדז. אַן עראָטישער ציטער נעמט אים דורך. ער אָטעמט שווער. עס פאַרפּעלט אים לופט. ער וויל זיך צוריקציִען, באַפרײַען פון איר צודרינגלעכער נאָענטקייט, נאָר זי וויל דווקא אים אָנמעסטן דעם קראַוואַט. — ס'איז רייִנער זײַד — זאָגט זי. ווי קאָן עס זײַן זײַד, ווען ס'איז אַזוי שערשקע? דער קניפּ רײַסט אים אין האַלדז. אָט, אָט און ער ווערט דערשטיקט. גאָטליב וועקט זיך איבער. ער זעצט זיך אויף און פאַרגייט אין אַ טרוקענעם הוסט.

ס'איז שוין געווען נאָענט צו מיטאָג ווען גאָטליב איז אַראָפּ פון בעט. ער האָט אַרײַנגעשטעקט די פיס אין די לאַטשן און איז אַרײַן אין וואַשצימער. ער איז געשטאַנען מיטן אײַנגעזייפטן פּנים נאָענט צום שפּיגל און געפּלאַנט ווי אַזוי צו פאַרברענגען דעם ערשטן שיינעם פרילינגטאָג. אַוודאי וואָלט גוט געווען ווען ער זעצט זיך שרײַבן. דעם גאַנצן ווינטער האָט ער טאַקע אַזוי געטאָן. אָבער אין אַזאַ וווּנדער־שיינעם טאָג ווי הײַנט, איז פּשוט אַ זינד צו זיצן אין שטוב. ווי אַזוי גייט מען ניט אַרויס באַגריסן אַזאַ אויסגעוואַשענעם הימל, אַזאַ יונגע זון? די לופט, אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון ווײַסינקע שנייגלעקלעך, האָבן אָנגערעגט זײַנע חושים, אויפגעוועקט עמאָציעס.

גאָטליב האָט פאַרענדיקט זיך ראַזירן. ווען ער איז צוריק אַרײַן אין צימער, האָט ער באַמערקט זײַן רויטן קראַוואַט הענגען אויף אַ שטול לעבן בעט. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. דער חלום מיט אַלע זײַנע קאָמפּליצירטע שפּרונגען, פאַרבאָרגענע ווונטשן, ווידערשפּרוכן, איז צוריקגעקומען צו אים. און פאַר וואָס טאַקע ניט — האָט ער זיך געפרעגט — פאַר וואָס טאַקע ניט פאַרבעטן די פּראַזשילע פרײַלין פון זעקסטן שטאָק צו פאַרברענגען דעם נאָכמיטאָג צוזאַמען? אַ קאָמיש־טראַגישע סיטואַציע,

טראַכט גאָטליב. דער חלום דאַרף מיר אונטערזאָגן וואָס צו טאָן. אַלץ אין אים האָט געבּרויזט מיט דערוואַרטונג. אויף וואָס ער וואַרט — האָט ער אַליין ניט געוווּסט. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט צו גרייכן דאָרט ווו נאָר געציילטע האָבן דערגרייכט.

די יונגע בלעטער אויפן אַקאַציע־בוים האָבן זיך געוויגט אין אַ גאָלדן־גרינעם חלום. אַוודאי דאַרף אַ שעפערישער מענטש זײַן פרײַ פון אָבליגאַציעס, פון פאַרבינדונגען צו משפחה, פון ווינדעלעך און קינדערלעך. די ערשטע ליבע מוז זײַן צו דער מוזע, און דאָך האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון צו בויען פאַמיליעס אַזעלכע ריזן ווי ביאַליק, פּרץ, לייוויק, און דאָס האָט זיי, חלילה, ניט געשאַט צום טאַלאַנט.

טראַכטנדיק וועגן חתונה האָבן, האָט זיך גאָטליב דערמאָנט אין טשודאָן, דער אונגאַרישער סטודענטקע. אַ מויד אַ ברען, אַ נימפּעמאַניאַק פאַר עקסעלאַנס. אירע געלע פאָספאָר־אויגן האָבן געלויכטן אין דער פינצטער. ווי אַ זי־טיגער אין היץ, פלעגט זי אים באַפאַלן אין מיטן טאָג, נאָך האַלבער נאַכט. הײַנט דאַרף ער זיך חנדלען פאַר דער נישט דערבאַקענער מאַדעמואַזעל פונעם זעקסטן שטאָק. ער קאָן זי אין גאַנצן ניט פאַרשטיין. אָט איז זי אַזוי ליבלעך צוגעלאָזט, און אָט איז זי שווײַגנדיק, פאַרצאָגט, אויף מײַלן ווײַט. אויך איר אויסזען בײַט זיך פון שיין אויף מיאוס, און פאַרקערט. איר קאָפּ אויפן ווײַסן האַלדז זעט אויס ווי אַ טוליפּ אין שניי. דער אומגעריכטער מעטאַפער האָט אים איבערראַשט. באַלד דערויף איז געקומען אַ צווייטער און אַ דריטער. פּאָעטישע וויזיעס האָבן אויפגעריסן דאַמבעס. ווערטער האָבן זיך געפּאָרט מיט גראַמען. גאָטליב איז געשווומען אין אַ ים פון עקזאַלטירטע שורות — און מיט אַ מאָל האָט ער זיך צעהוסט. דער הוסט האָט פאַרלאָשן דאָס פּאָעטישע פײַערווערק. גאָטליב האָט אויסגעשפּיגן און ווי אַלע מאָל בײַם אָנבליק פון בלוט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרצן, ווי ער וואָלט אינסטינקטיוו געוואָלט דורכברעכן אַ וועג צו דער שלאַנגענעסט, אָנטאַפּן דעם מאָנסטער וואָס הויזט אין זײַן לונג און אים אויף טויט דערשטיקן...

אַלץ דער מאַמעס שולד. זי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט צו מאַכן פון איר זון אַ דאָקטער. אַנדערש האָט איר ניט געפּאַסט, דער פאַרדריפּעטער קוילן־הענדלערקע. אַ סטאָליער, אַ שנײַדער, אַ קעשענע־גנב — ניין, איר זון מוז זײַן אַ דאָקטער. ער מוז פאַרגיטיקן איר שווערע האָרעוואַניע, איר פאַרשוואַרצט פּנים, וואָס אַפילו די ערב־שבתדיקע באָד האָט ניט געקאָנט רײַנוואַשן. „נאַ מאַמע, קוק אָן ווי ער זעט אויס, דײַן זון דער דאָקטער, דײַן בן־יחיד, דײַן קדיש. זע ווי ער ראַנגלט זיך מיטן מלאך־המוות, זע ווי ער שפּײַט אויס די לונגען, דאָס לעבן... און דו, מאַמע, לעבסט נאָך אַלץ אין דײַן פאַרכּישופטן מעשׂהלע...״



נאָך אַ קאַלטן טרונק וואַסער האָט זיך גאָטליב באַרויִקט. ער איז געשטאַנען בײַם פענצטער און געקוקט אין זיך אַרײַן. ער האָט געטראַכט אַז מיט האַנקען וואָלט אים דאָך געווען בעסער. אַ מענטש איז דאָך ניט קיין שטיין, אויך ניט קיין בוים. לײַדן ביימער אויך פון דער טשאַכאָטקע? גאָט גערעכטער, זע ווי די קווייטן פאַלן צו דער ערד. טײַערע, ווײַסע זרעלעך, וואָס ווילט איר פונעם לעבן? אַ ביסל ערד? אַ טראָפּן וואַסער? אַ שמץ זון? אײַלט אײַך ניט, טײַערינקע, דאָ דערוואַרטן אײַך בלויז שטיינער, שטיינער...

גאָטליב איז נאָך לאַנג געשטאַנען פאַרן פענצטער. ער האָט געזוכט אַן אויסדרוק פאַר זײַנע געפילן. דער בלויער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גרויער באַרווע: פון ערגעץ ווו איז אָנגעלאָפן אַ ווינט און דער צוויט איז געפאַלן, געפאַלן. האָט ער זיך אָפּגעקערט פון פענצטער, און ווי יעדן זונטיק, זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן זײַן וועכנטלעכן בריוו צו דער מאַמען.

טײַערע מאַמע — האָט ער געשריבן — זאָרג ניט אַזוי פיל.
בײַ מיר איז אַלץ אין אָרדענונג. איך אַרבעט בײַ טאָג און שטודיר
אין אָוונט. איך האָף אַז אין קורצן וועל איך דיך מאַכן פאַר אַ
שוויגער. זאָרג ניט, מאַמע, זי איז אַ ייִדישע מיט אַלע פּיטשעווקעס.
אין קומענדיקן בריוו וועל איך דיר געבן מער דעטאַלן. פאַרבלײַב
געזונט. אַרבעט ניט צו שווער און לאָז מיך ניט וואַרטן אויף דײַן
בריוו.

ווי אַלע מאָל מיט ליבשאַפט

דײַן זומער.

נאָך דעם ווי ער האָט פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. „וואָס איז דער מער מיט מיר? פאַר וואָס זאָג איך ליגן.

פֿאַר וואָס נאָר איך זיך אַליין, נאָר דער מאַמען? איך מאַך צו די אויגן און גלייב אַז אַנדערע זעען מיך ניט. פֿאַר וועמען מאַך איך דעם אָנשטעל? און צו וואָס? דער שפּאַס איז אויף מײַן חשבון, אַ בלוטיקער שפּאַס".

אין שכנותדיקן קלויסטער האָבן געקלונגען גלאָקן. גאָטליבן האָט זיך געדאַכט אַז דער קלאַנג איז ניט דער זעלבער וואָס אין וואַרשע. דאָרט האָבן די גלאָקן געהילכט מיט אימה, מיט פּחד און שׂינאה פֿון גוי צום ייִד. אַ ייִנגל, פֿלעגט ער זיך פֿאַרשטאָפּן די אויערן כּדי ניט צו הערן דעם טריפֿהנעם קלאַנג. גאָטליב מאַכט צו די אויגן. זכרונות איבערוועלטיקן אים, גרײַפֿן אָן זײַנע געפֿילן. געדאַנקען מישן זיך, בילדער לויפֿן, קרייצן זיך. זײַן יוגנט־פֿרײַנדין, פֿעלקע, קוקט אויף אים מיט טרויעריקע אויגן. זי ווייסט אַז ער וועט זיך צו איר מער קיין מאָל ניט אומקערן. איר טרויער טוט אים ווי. ער וויל אײַנהאַלטן דאָס בילד דאָרט בײַם וואָקזאַל, ער וויל עס אײַנפּרעסן ווי רויזן אין בוך פֿון זכּרון.

אויפֿן טיש ליגט אַ העפֿט, אַ בלײַער און אַ מעקער. גאָטליב נעמט זײַן שרײַבגעצײַג און זעצט זיך אַרײַן אין בעט. דער בלײַער לויפֿט ווי פֿון זיך אַליין שורה נאָך שורה. ער קוקט ניט אויפֿן זייגער. זעט ניט ווי דער טאָג פֿאַרשווינדט. פּאָעזיע שטראָמט פֿון פֿאַרבאָרגענע קוואַלן זײַטל נאָך זײַטל. אַ גאַנצן טאָג האָט גאָטליב געשריבן און איבערגעשריבן. ערשט ווען דער בוים האָט זיך אײַנגעהילט אין נאַכטיקע שאָטנס, האָט ער איבערגעלייענט דאָס געשריבענע. ער האָט געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל. ער האָט געזוכט אַ קעפּל פֿאַר דער נײַער פּאָעמע, אָבער זײַנע געדאַנקען זענען געווען אויסגעשעפּט. ווען ער איז שוין געשטאַנען בײַם אויוון און געגרייט אַ מאָל־צײַט, האָט ער ווי אַ נאָכגעדאַנק אָוועקגעשטעלט די איבערשריפֿט: „דאָס זעלבשטענדיקע לעבן פֿון דעם אַנדערן איך".

*

איין שיינעם שבת נאָכמיטאָג, שפּעט אין האַרבסט, איז האַנקע געשטאַנען פֿאַרן שפּיגל און זיך געגרייט צו איר ראַנדעוווּ. קודם־כּל האָט זי אויסגעפּרוּווט די נײַע פֿריזור וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען אין די מיטן דרײַסיקער. נאָך דעם ווי־זי איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט זי קריטיש באַטראַכט דעם אויפֿגעטורעמטן קאָפּ האָר און באַשלאָסן אַז דאָס וואָס איז גוט געווען



פֿאַר מאַדאַם פּאָמפּאַדור איז ניט גוט פֿאַר איר. זי האָט צוריק אויסגעקעמט דעם קאָמפּליצירטן פּלאָנטער, געמאַכט אַ שרונט אין דער מיט און געלאָזט אירע שוואַרצע האָר פֿאַלן פֿרײַ, ווי אַ ראַם אַרום איר פּראָפֿיל, מיט איין איינציק לעקעלע ווי אַ פֿרעגצייכן אויף איר שטערן. אַזוי האָט זי זשאַק געזען צום ערשטן מאָל און אַזוי וויל זי פֿאַרבלײַבן. איר האָט זיך געדאַכט אַז זי זעט זײַן צושטימונג אין זײַן ברייטן שמייכל, אין גלאַנץ פֿון זײַנע אויגן. זײַן בליק איז איר נאָכגעגאַנגען צו דער אַרבעט און פֿון דער אַרבעט, אַרויף אין איר מאַנסאַרדע־שטיבל, אין חלום און אויף דער וואָר. פֿון אַלע פֿיר ווינקלען האָט ער אַרויסגעקוקט צו איר. ער האָט אויך צו איר גערעדט: „דו געטרויסט מיר ניט, האַנקע?" זײַן פֿראַנצייזישער אַקצענט באַלעבט איר פֿאַנטאַזיע. זי דרייט דאָס לעקעלע אויפֿן שטערן און שמייכלט פֿון זײַנע רייד: „דאָס לעקעלע טרײַבט מיך פֿון זינען אַראָפּ, און דו לאַכסט?" „איך לאַך ווײַל איך בין גליקלעך", רעדט זי צו אים אין געדאַנק. „איך האָב דיך ליב — אָבער". „אָבער וואָס?" פֿרעגט ער און כאַפּט זי קושן אין מיטן גאַס. פֿראַנצויזן פֿאַרשטייען, שמייכלען כיטרע. וואָס איז וויכטיק, איז דער מאָמענט, דער קוש, דער שפּאַציר לענג־אויס דער סען, דער שטערן וואָס דראַפּעט זיך אויפֿן נאָטר־דאַם.

שטייענדיק פֿאַרן שפּיגל נעמט זי אַלץ אַרײַן: דעם בלינדן כּלי־זמר אויף דער טעראַסע פֿון קאַפֿע, דעם קלאַנג פֿון דער מטבע וואָס זי וואַרפֿט אַרײַן אין זײַן פּושקע און דער געהיימער ווונטש וואָס גייט מיט מיט אים.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען. עמעצער האָט אַרײַנגעשאַרט אַ בריוול דורך דער טיר. האַנקע קוקט אויף דעם בריוול: זשאַק! עפּעס האָט פּאַסירט מיט זשאַקן, ניין, ס'איז גאָר פֿון סומער גאָטליב. גאָט מײַנער, וואָס וויל ער פֿון מיר? זי עפֿנט דאָס בריוול. ייִדישע אותיות לויפֿן פֿאַר די אויגן: „טײַערע, זײַט אַזוי גוט און שענקט מיר אַ פּאָר מינוט פֿון אײַער צײַט. איך בין אין אַ קוועל. איך מוז צו אײַך רעדן. באַלד, שוין, אויב מעגלעך".

האַנקע שטייט מיטן בריוול אין די הענט. אַוודאי קאָן זי געפֿינען אַ תּירוץ: זי האָט דאָס בריוול באַמערקט ערשט זונטיק אין דער פֿרי. וואָס עס זאָל ניט זײַן, טאָר זי די ראַנדעוווּ ניט פֿאַרפֿושן. צו פֿיל האָפֿענונג האָט זי אויף דער ראַנדעוווּ געשטעלט. זי כאַפּט דעם מאַנטל, דעם טאַש און לויפֿט

אַראָפּ. אויפֿן צווייטן שטאָק בלײַבט זי שטיין. איך מוז אַ קוק טאָן. אַ מינוט־קעלע בלויז. זשאַק וועט וואַרטן. ער מוז וואַרטן. ער מוז...

האַנקע האָט געטראָפֿן גאָטליבן אין בעט. ער איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ באַרג קישעלעך. ער האָט איר אַנטקעגנגעטראָגן צוויי פֿײַכטע הענט. ער האָט גאָרניט געזאָגט. די טרערן אין זײַנע אויגן האָבן שוין גערעדט פֿאַר אים.

— Comment ça va? — האָט האַנקע מעכאַניש אַ פֿרעג געטאָן.

— זעצט אײַך, מיר וועלן שוין שמועסן.

האַנקע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל בײַם בעט.

— איר זענט אַוודאי פֿאַרנומען, שבת אָונט, ווי געשיקט זיך? אַנטשולדיקט, וואָס איך רויב אַוועק אײַער צײַט.

— מײַן צײַט זאָל אײַך ניט אַרן. אײַער ענין איז איצט וויכטיק.

גאָטליב האָט געשוויגן. דער צימער איז פֿול געווען מיט בין־השמשות־דיקע שאָטנס. פֿון דער דאַמף־מאַשינקע האָט געזעצט אַ געדיכטע פּאַרע. די פּאַרע האָט זיך געוויקלט און אויסגעוויקלט אויסטערלישע פֿאָרמען. פֿון ביכערשראַנק האָבן לצים געשטשירעט שוואַרצע ציין. אויף די נאַקעטע צווײַגן פֿון בוים האָבן זיך געוויגט פֿאַרזעענישן מיט גרויסע קעפּ און לאַנגע עקן. דאָס שפּיישיסעלע בײַ גאָטליבס בעט איז געווען אָנגעפֿילט מיט רויטן לייכעץ.

„אָט דאָס איז עס!" האָט האַנקע געטראַכט. זי האָט זיך פֿאַרשעמט מיט איר אייגענעם געזונט, מיט דער ווײַסער בלוזקע, מיטן לעקעלע אויפֿן שטערן. זי איז אַוועק צום פֿענצטער און בגנבה אָפּגעווישט דעם רוזש פֿון די ליפּן, פֿאַרשאַרט דאָס לעקעלע פֿונעם שטערן.

— קאָן איך מאַכן אַ גלאָז טיי פֿאַר אײַך? — האָט זי געפֿרעגט.

— יאָ, אַדרבא, פֿאַר וואָס דען ניט? — האָט גאָטליב געענטפֿערט.

האַנקע באַוועגט זיך אויף די שפּיץ פֿינגער ווי זי וואָלט מורא געהאַט זיך אַליין אויפֿצוּוועקן. די גלעזער זענען פֿאַרפּעטסט און פֿאַלן פֿון די הענט. „ווייסט ער ווו ער האַלט? קען ער זײַן לאַגע? וואָס טראַכט אַ מענטש ווען ער זעט דעם טויט פֿאַר די אויגן? האָט ער תּרעומות צום באַשעפֿער, צום גורל? וואָס פֿאַראַ זינען האָט דאָס וויסן ווען מ'קאָן זיך ניט העלפֿן?"

גאָטליב קוקט אויף האַנקען, אים פֿאַרדריסט וואָס ער האָט זי פֿריִער



אַזוי ניט געזען. אפֿשר האָט ער אין אונטערגעדאַנק נאָך אַלץ געטראַכט פֿון יענער אויסגעלאַסענער מויד? די צרה מיט האַנקען איז, וואָס זי איז אַ פֿאַרשלאָסענע, אַן אָפּגעזונדערטע, אַ קאַלטע. אין מעטאַפֿער זעט ער זי ווי אַן אַלטפֿרענקישע באַלאַדע. פֿרומע באָבעס היטן דעם צוטריט צו איר. עס פֿעלט איר דער שווונג, די תּקיפֿות פֿון דער מאָדערנער פֿרוי.

האַנקע האָט אים צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי. אירע בריסטן אונטער דער ווײַסער בלוזקע זענען געוואַקסן פֿאַר זײַנע אויגן. גאָטליב האָט געפֿילט ווי זײַנע מוסקלען קוועלן אָן.

— קומט, האַנקע, זעצט זיך לעבן מיר. אַפֿילו טיי טרינקט זיך בעסער אין צווייען.

האַנקע האָט געפּרוּווט שמייכלען. אַלץ אין איר האָט געוויינט. פֿאַר וואָס האָט עס ניט פּאַסירט נעכטן, אייערנעכטן, פֿאַר וואָס גראָד הײַנט? זי איז געזעסן און געוואַרט ווי אַ פֿאַראורטיילטער אויפֿן מישפּט. אַוודאי קאָן זי זיך נאָך ראַטעווען, אַנטלויפֿן פֿון דער קרענקלעכער אַטמאָספֿער. אויב זי בלײַבט, וועט געשען עפּעס שרעקלעכס. זי האָט עס געזען אין זײַנע זשעדנע אויגן, אין זײַן פֿאַרשנעלערטן אָטעם, ווי צוגענאָגלט צום בענקל איז זי געזעסן, געקוקט אין פֿינטל. איר האָט זיך געדאַכט אַז זי זעט ווי די ערד עפֿנט זיך און פֿון שרעק האָט זי זיך ניט געקאָנט רירן.

גאָטליב האָט ווי דערפֿילט איר פֿאַרלעגנהייט.

— כ'מיין אַז מ'קאָן שוין מאַכן הבדלה, אָנצינדן די ליכט. פּרצס שלמה האָט געוואָלט אויפֿהאַלטן דעם שבת. אַ ווײַטער מהלך פֿון דעמאָלט ביז הײַנט. האָט איר געלייענט פּרצן?

— וועמען?

— י. ל. פּרץ.

— דאַכט זיך יאָ, געלייענט, איך געדענק שוין ניט.

— זײַט מיר מוחל, טײַערע האַנקע. איך ווייס, איך צווינג זיך אַרויף אויף אײַך, האַלט אײַך דאָ ווי געפֿאַנגען. לײדער איז דאָס שוין די נאַטור פֿון קראַנקע לײַט. קוים דערפֿילן זיי אַז זיי האַלטן שמאָל, ווערן זיי עגאָצענטריש, ווילן קיינעם ניט זען, נאָר זיך אַליין.

ער האָט אַ נערוועזן לאַך געטאָן, גענומען איר האַנט אין זײַנער און זי לאַנג געגלעט.

— אויב איך מאַך ניט קיין טעות — האָט ער נאָך אַ ווײַלע געזאָגט — וועלן מיר הײַנט האָבן אַ פולע לבנה. זיכער בין איך ניט. לעצטנס פיר איך ניט קיין ראָמאַנטישע חשבונות. איר ווייסט וואָס איך מיין. איך פיל זיך באמת שולדיק וואָס איר דאַרפט אָפּקומען צוליב מיר. איך מיין, אויב עס וואַרט אויף אײַך אַ געזונטער בחור, גייט און פראָפּיטירט פון לעבן. — גאָט־ליב האָט געגעבן אַ טרוקענעם הוסט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אויך האַנקע האָט געשוויגן. זי האָט געפילט ווי זי זינקט אין זינקזאַמד פון רחמנות. זײַן פּנים געלבלעך־גרוי, שטײַף ווי פאַרמעט, האָט זיך געבראָכן פון אַלע זײַטן. איןביידע ווינקלען פון זײַן מויל איז געשטאַנען אַ ווײַסער שוים און אין די אויגן איז געווען אַזוי פיל הכנעה. זי האָט אים געוואָלט זאָגן אַז זי פאַרדינט ניט זײַן באַוווּנדערונג, אַז זי איז ניט וואָס ער מיינט. אָט האָט זי זיך פאַרפּלאָנטערט מיט אַ פראַנצויז, נאָר איין גאָט ווייסט וואוהין דאָס וועט פירן.

— איך האָב ניט קיין ראַנדעוווּ. קיינער וואַרט ניט אויף מיר. אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך צוגרייטן עפּעס עסן פאַר אײַך.

— ניין, טײַערינקע, איך בין באמת ניט הונגעריק. אַלץ וואָס איך וויל, איז קוקן אויף אײַך און אפשר אויך עפּעס רעדן.

— איך זע אַז דער שפּײַזקאַסטן איז בײַ אײַך אויסגעליידיקט. איך קאָן אַראָפּלויפן עפּעס קויפן, אַ קאַלטע לימאָנאַדע אפשר?

— ניין, זיצט, טײַערע, מאַכט אײַך קיין צרות ניט. דער מלאך־המוות וועט שוין אַלץ פאַר מיר באַזאָרגן.

איצט, אַז דער זינקזאַמד האָט זי שוין אין גאַנצן פאַרשלונגען, איז שוין מער ניט געווען פאַר וואָס זיך צו שרעקן. איר צונג איז לויז געוואָרן.

— סומער גאָטליב — האָט זי געזאָגט — איר רעדט דאָך עפּעס נאַריש־קייטן. ס׳פּאַסט גאָרניט פאַר אַ סטודענט פון מעדיצין.

— איך בין ניט מער קיין סטודענט. איך בין אַן אַרבעטער.

— און אַן אַרבעטער, איז וואָס? הײַנט היילט מען קאָמפּליצירטע קראַנ־קייטן מיט גרויס דערפאָלג. אויך די פאַרבעסערטע לאַגע העלפט מיט: פרײַע שבתים, העכערער לוין.

— איך קער זיך מער ניט אָן מיט די אַלע גוטע זאַכן — האָט איר גאָט־ליב איבערגעריסן — איך בין שוין אַרויסגעפאַלן פון אײַערע רייען.



— איך פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט.

— נו, וועל איך אײַך דערקלערן. איך גיי ניט מער צו דער אַרבעט. דאָס איז דעם דאָקטערס פאַרבאָט.

— נו, בײַט מען די פּראָפעסיע. דער סאָרט אַרבעט וואָס איר טוט איז אָן צווייפל שעדלעך פאַר אײַער געזונט.

— פאַר אַ מענטש אָן לונגען איז אַפילו אָטעמען שעדלעך.

בײַ האַנקען האָט זיך ווידער דאָס לשון פאַרהאַקט. זי האָט זיך גענומען פאַרען מיט דערווירטשאַפט. זי האָט צעוואַשן דאָס געשיר, צונויפגעקליבן די אַלטע זשורנאַלן. אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. דער נאַכטלאָמפּ בײַם בעט האָט באַלויכטן איין האַלבן צימער; די צווייטע העלפט האָט זיך געבאָדן אין דער פינצטערניש. אויך דער בוים אין דרויסן איז געווען אײַנ־געהילט אין שוואַרצן. האַנקען דאַכט זיך אַז זי זעט זשאַקן זיצן אויפן בוים. ניין, ער זיצט ניט, ער הענגט אין דער לופטן. זײַנע הענט און פיס באַוועגן זיך מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער שנעלקייט. ער שפּינט אַ בריק פון בוים צום פענצטער — אַ קאָמפּליצירט געוועב פון רויזן און דערנער. „די ברירה איז בײַ דיר", זאָגט ער אין געדאַנק, „קאָנסט בלײַבן אין געמויזעכץ אָדער אַרויסקומען צו מיר. די בריק וואָס איך שפּין האָט נאָר איין סטעזשקע. זי פירט פון דיר צו מיר און פון מיר צו דיר. לאָז קיין אַנדערן דעם געוועב ניט באַרירן. איין פאַלשער שריט — און מיר זינקען, זינקען."

האַנקע ציט זיך צוריק פון פענצטער. עס ווילט זיך איר לאַכן. געלעכטער צעשפּאַרט איר די זײַטן.

— ניטאָ קיין לבנה! — זאָגט זי צו דער מאַרינאַרקע וואָס הענגט אויף אַ טשוואָק. געענטפערט האָט גאָטליב מיט אַ כריפּעוואַטן געלעכטער:

— ס׳קאָן ניט זײַן. איר האָט אוודאי געקוקט אין אַן אַנדער ריכטונג. דערציילט מיר עפּעס, האַנקע, דערציילט מיר וועגן זיך. זענט איר נאָך אַלץ אַזוי איבערגעגעבן דער שפּאַנישער רעוואָלוציע?

— איך טו מײַן פליכט. איר וועט געזונט ווערן, וועט איר אויך העלפן. אויב ניט מיט דער ביקס, איז מיט דער פעדער. אײַער נאָמען וועט נאָך פאַרצייכנט ווערן מיט גרויסע אותיות אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

גאָטליב האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און זי צוגעצויגן צו זיך.

— ס׳איז גוט צו הערן אַזעלכע ווערטער, אַפילו ווען מ׳גלייבט ניט אין

זיי. ס'איז גוט צו האַלטן אײַער האַנט, קוקן אויף אײַער צעבליט פּנים. אַ דאַנק אײַך, האַנקע.

האַנקע איז געזעסן אויפֿן עק פֿון זײַן בעט און ניט געוואַגט זיך צו רירן. דער שירעם אויפֿן נאַכטלאָמפּ איז געווען באַדעקט מיט אויסגעברענטע לעכער. די לעכער האָבן אויסגעפֿורעמט צוויי מענטשלעכע אויגן, אָנגעצייכנט אַ נאָז, אַ מויל. דאָס מויל איז אָפֿן, טיף און שוואַרץ. ס'איז זשאַקס מויל, אויסגעליידיקט, שטום. „גאָט מײַנער," וויינט האַנקע אין זיך, „פֿאַר וואָס האָסטו מיר געגעבן אַזאַ צעשפּליטערטע נשמה? וועט זי שוין מער קיין מאָל גאַנץ ניט ווערן?" איר שאָטן אויף דער וואַנט האָט געוויזן צוויי קעפּ, איינער אַרײַנגעוואַקסן אין צווייטן. ניט ווילנדיק האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן אַ פֿאַרצויגענער זיפֿץ.

—חלילה! — האָט גאָטליב אויסגערופֿן — נעמט אײַך ניט צום האַרצן. דער טײַוול איז ניט אַזוי שוואַרץ ווי מ'מאָלט אים. אין גיכן גייט אַרויס מײַן בוך פּאָעזיע. איך בין אויך פֿאַרזאָרגט מיט אַ סאַנאַטאָריע. איך זאָג אײַך צו מער ניט צו באַלעסטיקן. דאָ איז דער קרייצוועג וווּ מיר צעשיידן זיך. איך נעם דעם וועג צו מערב. איר, מײַן טײַערע, שטייט אין דער זון, שטייט פֿעסט מיט ביידע פֿיס און זאָלן אײַך די צופֿעליקע ווינטן ניט אַראָפּפֿירן פֿון וועג. זײַט מיר מוחל, טײַערע, איך האָב אײַך בשום אופֿן ניט געמיינט ווײ צו טאָן. איך האָב אײַך ליב, האַנקע. וואָס נאָך קאָן איך זאָגן? איך האָב זיך געגרייט צו שטאַרבן אין אײַערע אָרעמס. איך האָב געוואָלט אײַנשלינגען די קליינע, ווײַסע פֿילן און אײַנשלאָפֿן אויף אייביק אין אײַערע אָרעמס. עס האָט מיר אויסגעזען אַזוי ראָמאַנטיש, ווערדיק, העלדיש — איך האָב געמיינט אַזוי אַרום צוריקצושלאָגן, ווײַזן דעם מלאך המוות ווער ס'איז בעל־הבית. נו, זענט איר געקומען און אַלץ האָט זיך געביטן. אײַער נאָענטקייט האָט מיך אויפֿגעלעבט. בינען זשומען אין מײַן בלוט. ציטערט ניט, האַנקע. אמתע ליבע איז צאַרט. בלויז איין קוש, איין און איינציקן...

האַנקע ווערט זיך ניט. זי גראָבט אײַן דעם קאָפּ אין קישן און גיט איבער דעם גוף צו זײַנע זוכנדיקע הענט, צו זײַן צודרינגלעך לײַב, צו זײַנע בעטנדיקע ליפּן.

*



נאָך האַלבער נאַכט איז גאָטליב אײַנגעשלאָפֿן. האַנקע האָט זיך באַפֿרײַט פֿון זײַנע אָרעמס. מיט גרויס פֿאָרזיכט האָט זי זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון בעט. גאָטליב האָט געעפֿנט די אויגן. ער האָט אַ קורצן שמייכל געטאָן, זיך אויסגעדרייט און ווײַטער געשלאָפֿן. ער איז געשלאָפֿן מיט אָפֿענע אויגן. אויך זײַן מויל איז געווען האַלב אָפֿן. זײַן פּנים גרוי, אָפּגעצערט, האָט נערוועז געצוקט אין שלאָף. זי האָט געוואָרט ער זאָל צומאַכן די אויגן, אָבער זיי זענען פֿאַרבליבן אָפֿן, ווי ער וואָלט אין שלאָף געוואַכט איבער איר.

האַנקע האָט זיך געשאַרט צו דער טיר הינטערווײַלעכץ, די אויגן אָנגעשטעלט אויף אים. דער שטח פֿון בעט ביז צו דער טיר האָט זיך אויסגעצויגן אויף מײַלן. ענדלעך האָט זי געעפֿנט די טיר. דער שירעם איבערן נאַכטלאָמפּ האָט אַ ציטער געטאָן. איין לעצטער בליק — און זי האָט פֿאַרמאַכט די טיר אויף יענער זײַט.

יענע נאַכט האָט האַנקע פֿאַרבראַכט אין דרויסן. דער בעל־דבר וואָס קיניגט אין פֿאַרהוילנקייט האָט זי געטריבן פֿון איין גאַס אין אַ צווייטער. ווי אַ נאַכטוואַנדלער וואָס האָט איבער זיך קיין שליטה ניט, האָט זי נאָכגעגעבן דעם אינערלעכן דראַנג. בײַם פֿאַרקן פֿון פּערלאַשעזער בית־עולם האָט זי באַמערקט אַ באַנק און זיך צוגעזעצט. האַנקע האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל, דעם אָנגעפּיקעוועטן מיט שטערן. אַ קילער ווינט ווי אַ פֿריש לײַלעך האָט זי צוגעדעקט. האַנקע האָט געציטערט. אויך די שטערן אויפֿן הימל האָבן געציטערט. זי האָט געפּרוּווט טראַכטן און ניט באַוויזן אויסצופֿאָרעמען איין לאָגישן געדאַנק. האָט זי אַרונטערגענומען די פֿיס אונטער זיך, זיך אײַנגעראָלט ווי אַ וואָרעם ווען די גראָבמאַשין האָט נאָר וואָס פֿון דער ערד אַרויסגעוואָרפֿן און געלאָזט אויף הפקר אונטער גאָטס אויסגעשפּרייטן, מיט שטערן אָנגעפּיקעוועטן, סאַמעט־הימל.

בלומע לעמפעל

# אַ רגע פון אמת

## דערציילונגען

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל-אביב, תשמ"א — 1981



PJ 5129
L44 R4
1981

*Blume Lempel*

*A REGE FUN EMES*

©

כל הזכויות שמורות למחברת

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1981

נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

# דער כּוח פון אַ ניגון

אין יענע ווײַטע, אײַז־געפּאַנצערטע, פאַרפרוירענע קאַנטן פון דער וועלט פירט די צײַט קיין חשבון ניט. ניטאָ דאָרט קיין סעזאָנען, קיין באַנײַונג, קיין פאַרוויסטונג — איין לאַנגע תּכריכים־באַקליידטע וועלט. פראָסט און שניי און בראשיתדיקע ווינטן זענען אין דער צײַט־רעכענונג ניט רעגיסטרירט. אַלע וועגן עקן זיך דאָרט. די פוסטריט פון דער אייביקייט טראָגט אַ בלאַנקן פּנים.

ווי אַ פּליט פון דער גרינער וועלט האָב איך מיטגעבראַכט מײַנע אייגענע סעזאָנען. איך האָב זיי אַרײַנגעשמוגלט מיט די לידער וואָס האָבן געלעבט אין מיר. יעדער ליד האָט געוואָרצלט אין זײַן ספּעציפישן קלימאַט, זײַן קאָלאָריט, זײַן ציל. געווען לידער וואָס האָבן געפלייצט מיט זומער־רעגנס, מיט עפּלצוויט, אויפגעלעבט די שיינקייט פון שבתים, דעם גײַסט פון יום־טובים; לידער וואָס האָבן מיך דערמוטיקט און לידער וואָס האָבן מיך געטריבן צום ראַנד פון פאַרצווייפלונג. דאָס ליד איבער אַלע לידער איז געווען דאָס ליד וואָס האָט מיך געבראַכט צו אים.

דעם טאָג פון זײַן אומקום האָב איך ניט געוווּסט. איך האָב בלויז געדענקט די צײַט פון יאָר, וואָס איז געווען די צײַט פון שניט. פולע סטויגן היי האָבן זיך געצויגן ווי גאָלדענע בערג קעגן הימלראַנד. די קאַנאַפּליע האָט זיך געוויקעט אין טײַך. וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט דער שפע פון פעלד, האָבן געאײַלט דורך הינטערוועגן וואָס גיכער אָנצוקומען אַהיים. דאָס באָטשאַן־פּאָרל וואָס האָט גענעסטיקט אויף אונדזער דאַך איז יענעם פרימאָרגן אַוועק מיט די יונגע און איבערגעלאָזט אַ ליידיקע נעסט.

מײַנע עלטערן האָבן פאַרזיגלטע וואַגאָנען אַוועקגעפירט. איך בין די לעצטע אַוועק פון הויז. אויפן שוועל פון דער טיר האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. אחוץ אַ פּאָר פליגן איז דאָרט קיינער ניט געווען. איך האָב צעקרישלט אַ שטיקל ברויט פון מײַן צידה־לדרך און אויסגעשפּרייט די ברעקלעך אויפן טיש. איך האָב געעפנט דאָס פענצטערל וואָס קוקט אַרויס צום טײַך; טאָמער



פאַרגלוסט זיך די פליגן צו כאַפּן אַ שפּאַציר איבער גאָטס פרײַער וועלט.

אָנגעטאָן אין פויערישע קליידער, בין איך אַרײַן אין וואַלד אויפן וועג צום פאָרויסבאַשטימטן אָרט ווו מיר האָבן זיך געזאָלט טרעפן. איך האָב ניט געקוקט אויף צוריק. אויף איין אַקסל האָב איך געטראָגן אַ קראַנץ קנאָבל, אויפן צווייטן — אַ הייפּטל קרויט. אין האַרצן פאַרבאָרגן האָב איך געטראָגן די מאַפּע וואָס האָט אונדז געדאַרפט פירן צום צוגעזאָגטן לאַנד.

די זון האָט געוואַרעמט. זילבערנע פלאַקספעדעם האָבן זיך געשלענגלט אין דער לופט. יענעם טאָג האָב איך קיין שרעק ניט געפילט. איך בין געווען זיכער, אַז אין אַזאַ געבענטשטן טאָג קאָן קיין בייז ניט געשען. איך האָב אַפילו אונטערגעברומט אַ ניגון, אַ ניגון פון ווידערשטאַנד, פון גבורה און זיג. אַזוי בין איך געגאַנגען און געזונגען, ביז איך האָב דערקענט זײַן גרויע מאַרינאַרקע, זײַן רויטע טשופּרינע הענגען אויף אַ בוים.

און ווײַל איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס אַ גרוב אויסצוגראָבן, האָב איך אים באַהאַלטן אונטערן אָנשיט פון גאָלדרויטע בלעטער. איך האָב אים אײַנגעדעקט מיט צווײַגן און מיט שאַרף־געווירצטע סאָסנע־נאָדלען, ניט איבעררײַסנדיק דעם ניגון וואָס האָט זיך געצויגן פון זיך אַליין. איך האָב איבערגעלאָזט די גרינע ערד, געוואַנדערט איבער סטעפּעס, זיך געשלעפּט אין וועגענער, אין איבערגעפּאַקטע וואַגאָנען, אויסגעמאָסטן דעם בערישן גוף ביז צום האַרץ פון זײַן פאַרפרוירן לאַנד.

דאָרט, אין מײַן קעלערשטוב, האָב איך באַצירט די נאַסע ווענט מיט זומערדיקע געזאַנגען. די ליידיקע טעג און נעכט האָב איך אויסגעפילט מיט געדענקשאַפטן. אין אָוונט, ווען איך האָב פאַרצערט מײַן פּאָרציע ברויט, זיך אָנגעטרונקען מיט הייס וואַסער, האָבן פאַרשטויסענע לידער געגומען זינגען אין מיר. אַזוי זינגענדיק האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, צום פאַרקראַטעוועטן פענצטערל וואָס איז געלאָפן פּאַראַלעל מיט דער זינקענדיקער זון. איך האָב געזונגען צו דער זון וואָס איז מקריב איר ליכט, כּדי צו שײַנען אין אַנדערע וועלטן.

אין יענע רגעס איז אויך מײַן קעלערשטוב באַהעלט געוואָרן פון איר גנאָד. רויטע שקיעה־שטראַלן האָבן זיך אַרײַנגעריסן דורך מײַן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, זיך אויסגעשפּרייט און צעטיילט ווי גליִענדיקע שאַרפן פון אַן אָפענער שער.

איך בין געזעסן אין דעם אָפֿענעם מויל פֿון דער שער ווי אין אַ לאָדקע. איך בין געשוווּמען צום ראַנד פֿון הימל, ווו דער שניי האָט געבערנט ווי די קוילן אין אונדזער אַלטן קאַמין.

און ווײַל איך האָב אַזוי שטאַרק געגאַרט נאָך יענער היימישער וואַרעמקייט, האָב איך דאָס דאַרע געצווײַג פֿון יענעם געשענדטן בוים אין פֿײַער געוואָרפֿן, דעם פֿאַרשאָטענעם ניגון צום לעבן געבראַכט. די פֿלאַמען זענען געלאָפֿן כוואַליע נאָך כוואַליע, פֿאַרברענט דעם ווײַסן שניי, דעם שוואַרצן סאָסנעוואַלד און באַגראָבן מײַן ליכטשער אונטער אַ באַרג מיט אַש.

בין איך אויפֿגעשטאַנען פֿון מײַן זיצאָרט, אָפּגעטרייסלט דעם אַש און אין דער פֿינצטער גענומען שפּאַנען אַהין און צוריק. איך האָב געזוכט אַ ריטעם וואָס זאָל פּאַסן צו מײַן ניגון, איך האָב געזוכט אין די ווינקלען, באַטאַפּט די ווענט. אַ ליידיקער שופֿלאָד האָט אַ סקריפּ געטאָן, מיך אין עפּעס דערמאָנט. איך בין געבליבן שטיין, נאָכגעטראַכט — געצעגערט. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. איך האָב אַרײַנגערוקט די האַנט, מיט ציטערדיקע פֿינגער געזוכט אין דער ליידיקייט. פּלאַצן פֿון שפּינגעוועב האָבן געפּלאַצט אונטער מײַנע פֿינגער. די שפּינען זענען איבער מײַן לײַב זיך צעלאָפֿן, ווי פּיאַווקעס להוט אויף מײַן בלוט. אינסטינקטיוו האָב איך אויפֿגעהויבן מײַן רעכטן פֿוס כּדי מיט דעם געוווּנענעם דרוק מײַן האַנט צו באַפֿרײַען. נאָר דער קאַלטער שווייס וואָס האָט געטריפֿט פֿון מיר, האָט די העלצער אָנגעשוואָלן און אַרײַנגעצויגן מײַן אָרעם טיפֿער און טיפֿער, מיטגעריסן מײַן האַלדז און נאַקן, מײַן קאָפּ, מײַן ייִשוב־הדעת — — —

איך האָב געוואָלט שרײַען, רופֿן הילף, אָבער דער געדאַנק אַז סײַ ווי ווערט מיך קיינער ניט הערן האָט דאָס לשון בײַ מיר אָפּגענומען. איך האָב שוין געהאַלטן בײַם רעזיגנירן, זיך אונטערגעבן דעם גורל, ווען מײַנע פֿינגער האָבן אָנגעטאַפּט אַ ליכטל, אַ חלבן ליכטל אין מײַן ליידיקן שופֿלאָד.

מײַן אַנגסט האָט אָפּגעלאָזן. אָן שום מי האָב איך דעם אָרעם פֿון שופֿלאָד אַרויסגעצויגן. בײַם אויפֿבליץ פֿון ניגון דאָס ליכטל אָנגעצונדן. אין דער זעלבער רגע איז פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן אַז הײַנט איז זײַן ערשטער יאָרצײַט.

איך האָב עס דערפֿילט אין דעם ריטעם פֿון מײַן בלוט. דאָס ליד וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין מיר, האָט געשאַלט מיט די מעכטיקע טענער פֿון דער



„התקווה". האָב איך גענומען דאָס ליכטל, עס אַוועקגעשטעלט אויפֿן פֿענצטער צו באַלויכטן דעם וועג וווּהין די זון איז אַוועק.

איך בין לאַנג געשטאַנען איבער דעם ברענענדיקן יאָרצײַטליכטל. דער ריח וואָס איז אויפֿגעגאַנגען פֿון אים, האָט געשמעקט ווי געפּרעגלטע פֿאַרפֿל מיט האָניק. אַזוי האָבן די האָר פֿון מײַן געליבטן געשמעקט בעת ער פֿלעגט זיצן דעם קאָפּ אויף מײַן שויס אָנגעלענט און זינגען אונדזער ליד, דאָס ליד פֿון צוזאָג, דאָס געבענטשטע ליד פֿון גליק... איבער אונדז האָט געשירעמט דער פֿלוימענבוים וואָס האָט אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי אַ צעדערבוים. די שוואַרצע ראָבן אויפֿן פּלויט האָבן מיר איגנאָרירט. פֿאַר אונדזערע אויגן האָבן געווימלט ווײַסע פּלאַטערלעך און מיר האָבן געזונגען צום לעבן דאָס ליד פֿון לעבן.

נאָך דעם ווי דאָס יאָרצײַטליכטל האָט אויסגעצאַנקט, האָב איך געזען ווי דער פֿעניקס האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם אַש און אָנגעצייכנט דעם וועג וואָס איך האָב פֿאַרלוירן. ער האָט געצייכנט אַ סטעזשקע איבער וואַסער און פֿײַער. די וועלף אין וואַלד האָבן אויפֿגעהערט צו וואָיען. איך האָב עס אָנגענומען פֿאַר אַ סימן אַז ס'איז שוין טאָג.

בלומע לעמפל

# פּאַסטאָראַל

ניין, ניט אַפּריל, נאָר אָקטאָבער איז ביי מיר דער סאַמע גרויזאַמסטער חודש פון יאָר, אין אָקטאָבער רוקט מען צוריק דעם זייגער. מען פאַרקירצט דעם טאָג און מען פאַרלענגערט די נאַכט. דער ווינטער שטייט שוין הינטער דער טיר און שאַרפט זיך די ציין איינצובייסן די נאַאיווע בראטקעלעך, די שטאָלצע כריזאַנטעמעס, אָפּצוזוכן אַ פאַרשפּעטיקטן ה׳יזן־בוים וואָס טוליעט זיך צו אַ וואַנט און אים מאַכן מיט בלאָטע צו גלייך. דערוויילע קאָקעטירן זיי נאָך מיטן בלאסן ביסל זונשיין, באָדן זיך אין אירע שטראַלן ווי אין אַן עלעקסיר פאַר אייביקער יוגנט. פאַרטיפט אין פערזענלעכן שיר השירים זעען זיי ניט דעם אָנהייב פון סוף. זיי זעען ניט ווי די בלעטער פאַלן און לאָזן דיביימער נאַקעט פאַר דער אומפאַרמיידלעכער באַשערטקייט.

די האַרבסטיקע פרימאָרגן זון איילט זיך ניט אַרויסצוקריכן פון איר נאַכטיקן לבוש. אויך איך פיל ניט מער דעם שוואונג פון אַ זומערדיקן פרימאָרגן וואָס לאָקערט מיך אַרויס פון בעט גרייט איינצונעמען וועלטן, ליג איך און טראַכט פון אַלץ און פון גאָרניט. עס קומט מיר אויפן זינען וואָס אַ פריינט האָט מיר אַ מאָל געזאָגט: טראַכטן איז אַ ליידיקגייערס דערפינדונג. אין יענער צייט האָב איך קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן, האָב איך געלאָזט דעם זאָג זינקען אין רעזערוואואר פון געדעכעניש, נאָך מיט אַזעלכע קלוגע אָדער נאַרישע זאָגעכצער ביז איך בין געוואָרן אַ פּענסיאָנער.

מיין מאַן גייט דער ערשטער אַרויס פון בעט. ער גיט זיך ניט איבער די פּוסטע געדאַנקען. ער האַלט אָן זיין מענלעכן שטאָלץ ווי אַ פּאַנצער קעגן די געפאַרן וואָס הייען אַרום אים. ער וואַשט זיך, ראַזירט זיך, ציט זיך אַריין אין זיינע אַרבעטער־הויזן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אויפצושטעלן אַ קאָמעניצע. עס וואַרטן אויף אים די בלעטער וואָס זענען אָנגעפאַלן איבער נאַכט. עס וואַרטן אויף אים די פייגל וואָס ער פיטערט יעדן פרימאָרגן. ער ליידיקט אויס פולע בייטלען מיט זערנעס און האָט הנאה צו קוקן ווי די פייגל פּיקן. ער שטייט מעשה בעל הבית און לאָזט ניט צו קיין געשלעג. אָפּגעטון זיין אַרבעט הייבט ער אויף די מאָרגן־ צייטונג וואָס וואַרט אויף אים ביי דער טיר. ער קומט אַריין אין הויז, די צייטונג צעעפנט, אַ צופרידענער שמייכל אויף זיין פלאַכן פּנים.

מיר נעמט עס אַ לענגערע צייט זיך אַריינצופּאַסן און דער האַרבסטיקער אַטמאָספערע. ערשט ווען איך דערשמעק דעם ריח פון פריש געבריטער קאַווע, צי איך מיך אַריין אין מיין אָפּגעבליאַקעוועטן שלאָפראָק, שטעק אַריין די פיס אין די אויסגעטראָטענע לאַטשן, די האָר צעפּאַטלט, דאָס פּנים צעקנייטשט. ער קוקט מיך אָן און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער וואָס זאָגט, אַז אָך און ווי וואָס פון איר איז געוואָרן. איך זע וואָס ער טראַכט, שלאָג איך איבער זיינע געדאַנקען און זאָג גוט מאָרגן. ער ענטפערט גוט־מאָרגן, שוין מיטן קאָפּ אין דער צייטונג. ער לאָזט אויס זיין פאַרדרוס צו די רעפּאָרטערס, די יעגערס נאָך סענסאַציעס, וואָס דראַפּען זיך אויף פרעמדע פלייצעס צו דערגרייכן פּאָפּולאַריטעט.

ווען איך ענטפער ניט, הייבט ער זיך אויף און גייט אַריין אין זיין צימער. ער לאָזט איבער די צייטונג אויפן טיש און נעמט מיט זיך מיט דעם סטאַק מאַרקעט באַריכט.

נאָך דעם צווייטן טעפּעלע קאַווע דערפיל איך דעם צופלוס פון ענערגיע. איך דערמאָן זיך אַז מיינע צוויי ווילדע קעץ וואָס פאַרלאָזן זיך אין גאַנצן אויף מיין יושר, וואַרטן אַוודאי אויפן שיסעלע עסן. קוים פאַרשפּעטיק איך, מאַכן זיי אַ מאָלצייט פון די פייגל. ניט אַלע מאָל טוען זיי עס צו שטילן דעם הונגער. ביי זיי איז עס אַ ספּאָרט אַזאַ. זיי בייסן איבער דעם האַלדז פון קרבן און לייגן אים אַוועק אויף דער שוועל פון מיין טיר, ווי אַן אויסטויש פון מתנות.

איך בעט זיך ביי מיין מאַן ער זאָל אויפהערן צו קאָרמענען די פייגל. פאַר דעם ביסל עסן וואָס ער גיט זיי, צאָלן זיי אָפּ מיט שווערע פאַרלוסטן. ענטפערט ער איך זאָל אויפהערן צו פאַשען די קעץ. איבעריקנס, זאָגט ער צוליב וואָס דאַרף זיך דער מענטש מישן אין איינשטעל פון בעלי־חיים. מען קאָן ניט אָפּשטעלן אַ מענטש פון הרגענען זיין מיט־מענטש, ווילסטו זיך אַריינמישן אין די צוויסטיקייטן פון פרעמדע מינים ברואות.

די צרה איז, וואָס ער איז שטענדיק גערעכט. כדי איך זאָל ניט אַריינפאַלן אין עצבות, מייד איך אויס אַרגומענטן. ווען די זון שיינט, צי איך מיך אויס אויף מיין אויסלייג־שטול און קוק מיך צו ווי ער זאַמלט צונויף די צעבראָכענע צווייגן און לייגט זיי אויס אין גלייכע רייען אונטערן דאַשעק פון דער טעראַסע. צו וואָס טויגן אים אַזויפיל צווייגן טראַכט איך? דאָס איז דאָך גענוג פאַר צען ווינטערן. האָט ער פאַרגעסן אַז ער האָט אַ געוויקס אין דער לינקער זייט פון געהירן? דער דאָקטער זאָגט, אַז סע איז ניט נויטיק צו אָפּערירן. אַזאַ סאָרט טומאָר, זאָגט ער, קאָן אָפּשטיין יאָרן און זיך ניט רירן פון אָרט. גאַראַנטירן קאָן מען ניט. פונקט ווי מען ווייסט ניט וואָס מאַכט אים שטיין, אַזוי סטאַביל, אָפּטמאָל יאָרן לאַנג, אַזוי קאָן ער מיט אַ מאָל אויפשטיין פון שלאָף און זיך צעגיסן אַזוי, אַז קיין ראַטונעק איז שוין מער ניטאָ״.

״אפשר וואָלסטו שוין פאַרט געלאָזט די אַרבעט?״ זאָג איך, ״גיי אַריין, טו זיך איבער. סע איז היינט שבת״.

און אַז סע איז שבת, איז וואָס? האָבן זיך די רעדער אויפגעהערט צו דרייען?

ווי ביי וועמען, טראַכט איך נאָר זאָגן, זאָג איך גאָרניט. איך קוק נאָך די שבתדיקע פאַרפּוצטע יונגע פאָרלעך וואָס שטראָמען צו דער נאָענטער סינאַגאָגע. טייל פירן מיט זיך קינדער. ייִנגעלעך מיט פּאהלעך, די קעפּ פאַרדעקט מיט יאַרמלקעלעך. מיידעלעך מיט קאָלירטע סטענגעס אין די האָר. צוריק מיט אַ יאָר און צוואַנציק, אָדער דרייסיק, ווען מיר זענען יונג געווען, זענען די אַלטע געגאַנגען אין שול אַריין. די יונגעלייט זענען געשטאַנען אין דער היים. זיי האָבן געוואַשן די קאַר, געפאַרבט דאָס הויז, געאַרבעט אין גאָרטן, זיי האָבן געקוקט אויף די דעמאָלטדיקע שולגייער ווי אויף אַ פאַראורטיילטן עלעמענט קרוב צום אונטערגאַנג. היינט האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט, די אַלטע אַרבעטן אין גאָרטן, די יונגע ציִען צום אַלטן קוואַל. איך קוק זיי נאָך און טראַכט, ״אַז אויף ברויט אַליין קאָן מען ניט לעבן״.

שבת איז ביי מיר דער טרויעריקסטער טאָג אין דער וואָך. ניט־ווילנדיק ברענגט ער צוריק זכרונות. אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד גייט פאַרביי — און איך דערזע מיין טאַטן. אויסגעטון פון די וואָכנדיקע זאָרג, שיינט אויף אים די נשמה יתירה. שבת זעט אַפילו די אָרעמקייט אַנדערש אויס. דער טיש פאַרשפּרייט. די פּאָדלאָגע געוואַשן. מען

גרייט זיך צו לקראת כלה. דער ריח פון מאַן־קיכעלעך שיכורט מיך אָן. איך פוץ דעם לייכטער מיט די דריי רערן. דאָס פּנים וואָס קוקט צו מיר אַרויס האַלט דעם סוד פון מיינע מאַרגנס. אָט בין איך אַ פּרינצעסן, און באַלד דאַרויף אַ פאַרזעעניש.

„געגוג שוין געריבן!‟ זאָגט די מאַמע. דו רייבסט דאָך אָפּ דעם גאַנצן זילבער. נאָך אַ ביסל רייבן — בלייבט דער נאַקעטער בלעך‟.

די טבֿע אָפּצורייבן דעם אויסערלעכן גלאַנץ — שלעפּ איך מיט זיך אַ לעבן לאַנג. איך האָב עס געטון מיט מיין מאַן, מיט מיינע קינדער. איך וואָלט עס נאָך איצט אפשר אויך געטון, ווען ניט די סטראַשידלע וואָס נעסטיקט אין מיין מאַנס געהירן‟. מיידט אויס אויפרעגונג האָט דער דאָקטער געזאָגט. לאָזט אים צו רו. ערגערט אים ניט. פאַלג איך אים טאַקע. איך ערגער אים ניט, איך ערגער זיך אַליין: למאַי האָט אונזער בן־יחיד שוין מער ווי פיר וואָכן אויפן טעלעפאָן ניט גערופן? למאַי האָט די טאָכטער אָפּגעגט איר יידישן מאַן און געגאַנגען וואוינען מיט אַ גוי?

„צו וועמען האָסטו גערעדט אויפן טעלעפאָן?‟ פרעגט מיין מאַן.

„צו דער טאָכטער‟. ענטפער איך געלאַסן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ טאָג־טעגלעכע געשעעניש.

„איך האָב געמיינט אַז דו פירסט מיט איר אַ רוגז?‟

„ווי לאַנג קאָן מען זיין ברוגז מיט אַן אייגענער טאָכטער?‟

„נו, אַז דו האָסט שוין יאָ מיט איר גערעדט, האָסטו זי אפשר געפרעגט צי זי פּלאַנעוועט אויפצושטעלן אַ משפחה?‟

„היינטיקע מאַמעגס פרעגן ניט. די הערן און שווייגן‟.

ער שטעקט אַריין די הענט אין די טיפע קעשענעס פון זיינע אַרבעטס־הויזן. ער נישטערט דאָר אַ ווילע, ווי ער וואָלט געזוכט אַן ענטפער. און ווייל ער זוכט שפּאַצירט ער פון וואַנט צו וואַנט, ווען ער געפינט ניט קיין אויסגאַנג, שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט מיך אָן און זאָגט, „איך ווייס פון אַ מאַן, אַ גביר, וואָס האָט אין אַן ענלעכן פאַל פאַרשריבן זיין פאַרמעגן פאַר אַ ישיבה. „אַ קינד, איז פאַרט אַ קינד‟. ענטפער איך. „אפשר האָבן מיר בייגעשטייערט צו אירע בלאָנדזענישן‟, דעם ריכטיקן ביישפּיל איר ניט געוויזן? אַזוי, צי אַנדערש, איצט איז שוין צו שפּעט.

דאַכט זיך, אַז זי איז צופרידן. מוזן מיר אויך זיין צופרידן‟.

אָפּטמאָל טראַכט איך אַז מיר וואָלטן געדאַרפט אַריינגעמען אַ הונט אין הויז אַריין. און אויב ניט קיין הונט, איז אַ קאַץ, אַ פויגל. אַ לעבעדיק באַשעפעניש מיט אַן אייגענעם צוגאַנג צו וואָס יאָ, און צו וואָס נישט? צו אַ קאַץ קאָן מען רעדן אָן מורא זי אויפצורעגן. איך קאָן איר דערציילן אַז איך לעב אין שאָטן פון טויט. זי וועט אַפילו קיין מינע ניט מאַכן. זי וואָלט געלעגן רואיק אין מיין שויס, זיך געלאָזט גלעטן. מיינע רייד וואָלטן זי איינגעשלעפערט. זי וואָלט געאָטעמט אַזוי ריטמיש, ווי זי וואָלט געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אייביקייט. ווייטער טראַכט איך, ווען איך וואָלט געווען אַ קאַץ וואָלט איך אַוודאי דאָס זעלבע געטון. איך וואָלט אָנגעלעגט מיין קאָפּ אין אַ וואַרעמען שויס און געחלומט חלומות...

ווען דער צפון־ווינט נעמט איבער די מלוכה און פייפט מיט רוגזה אויף דער וועלט, זוך איך אָפּ דעם באַלן וואָל און די שפּיזלעך וואָס שטעקן אין אים. מיט יאָרן צוריק האָט דער באַלן וואָל געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סוועטער פאַר מיין זון. דערווייל האָט ער חתונה געהאַט און איך האָב פאַרגעסן אין דער גאַנצער אונטערנעמונג. איצט, שטריק איך פון דער וואָל אַ סוועטער פאַר מיין מאַן. איך אייל זיך ניט. אַן אומגעבעטענע שטים זאָגט מיר אונטער איך זאָל זיך ניט איילן. אַזוי לאַנג איך שטריק — האַלט איך אָפּ דעם מלאך־המוות. טו איך ווי יענע גריכישע פּרינצעסן האָט געטון — איך שטריק ביי טאָג און צענעם דאָס געשטריקטע ביי נאַכט.

אַן איינרעדעניש איז ערגער ווי אַ קרענק, פלעגט מיין טאַטע זאָגן. איך האָב מיר איינגערעדט אַז ווי באַלד איך לייג אַוועק די אַרבעט, שרייב איך אונטער מין מאַנס טויט אורטייל...

מיין מאַן איז נאָך אַלץ פאַרנומען מיט די סטאָקס און באָנדס. ער פרוואוט אויסרעכנען צי מיר קאָנען זיך פאַרגינען אַ ווינטער אין פלאָרידע און ניט טשעפּען פון קערן? איך בין ניט זיכער צו ער מיינט טאַקע וואָס ער זאָגט? איך פאַרדעכטיק, אַז ער פונקט ווי איך ראַנגלט זיך מיט זיין אייגן פאַרגעפיל. ער אין זיין צימער. איך אין קיך. די קיך פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסע אינטימקייט. דער טשייניק קאָכט. עס גייט אַ פּאַרע. ביי דעם טיש האָבן מיר געגעסן זאַלבע פיר. שפּעטער דריי. ווייטער וויל איך ניט טראַכטן. איך האַלט דעם סוועטער אויפן שויס, נאָר שטריקן שטריק איך ניט. דער טעלעפאָן שווייגט. דער ווינט פייפט. דער ערשטער שניי איז שוין אויסגעפאַלן. און אָט איז חנוכה. די ליכטלעך ברענען און מיין מאַן פּיבערט. ער מאַכט אַ ברכה איבער די ליכטלעך און קערט זיך צוריק אין בעט אַריין. דער דאָקטער זאָגט, אַז סע איז די פלו. אַ גוטע הינערזופּ וועט צו איילן

די רפואה. טו איך טאַקע ווי דער דאָקטער הייסט. נאָר דער פיבער קומט און גייט.

"ווי האַלט עס מיטן סוועטער?" פרעגט מיין מאַן מיט רוגזה. איך אייל זיך צו. דער סוועטער פאַסט. און כאָטש מיר בײדע לאַכן, קלאַפּט מיין האַרץ גיכער. אומגעזעענע הענט טײטלען דאַרע פינגער. דער דאָקטער זאָגט, אַז די פּלו האָט זיך אומגעקערט. מען דאַרף אים נעמען אין שפּיטאָל. פאַר אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג. ווען דער דאָקטער רעדט צו מיין מאַן, שמייכלט ער איבער דער גאַנצער ברייט פון זיין פּנים. ער קלאַפּט מיין מאַן אין דער פּלייצע, רעדט הויך. אויף דער דרויסנדיקער זייט פון טיר איז זיין שמייכל ניט בנמצא.

פון שפּיטאָל אַהיים איז ער שוין ניט געקומען. געקומען איז דער פרילינג, דער זומער און דער האַרבסט. געלע בלעטער פאַלן פון די ביימער. קיינער שאַרט זיי ניט צונויף. דער ווינט הייבט זיי אויף און טראָגט זיי הויפנווייז אַרויס אויפן שטראָז, וואו די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן צערייבן זיי אויף שטויב. איך אַרגומענטיר מיט זיך אַליין: זאָל איך איינזאַמלען די בלעטער, פּונקט ווי ער האָט געטון? אין ליקל צווישן די צוויי גאַראַזשן מאַכן אַ געלעגער פאַר די ווילדע קעץ? אָדער זאָל איך זיי לאָזן אויף גאָטס באַראָט? זאָל איך מאַכן עפּעס עסן? זאָל איך עפענען אַ בוך? יאָ, די גאָלדענע שקיעות באַווירקן מיך נאָך אַלץ. איך הייב זיך אויף פון מיין איינגעזונקענער סאָפע, איך גיי זיי אַנטקעגן. איך שפּאַציר אַרויף און אַראָפּ לענג־אויס דעם ים־ברעג. אָפטמאָל באַגריס איך זיך מיט אומבאַקאַנטע אלמנות. איך דערקען זיך אין דעם שיפלות אָרעאָל וואָס אלמנהשאַפט צוזאַמען מיט די יאָרן וועבן אויס אַרום די קעפּ. אָנגעטון אין שוואַרצן גיי איך אָפּט אַריין אין מושב זקנים. איין מאָל אַ וואָך לייען איך פיר באַשעוויס־זינגערס "מעשיות פון אונטערן אויוון". נאָכן לייענען באַפאַלן מיך די צוהערער מיט פראַגן וואָס האָבן מיטן געלייענטן קיין שייכות ניט. אַ פרוי מיט איין צאָן אין מויל וויל וויסן צי סע איז טאַקע דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? ענטפערט איר אַ צווייטע, אַז מיטן פרעגן אַליין האַלט זי אָפּ דאָס קומען פון משיחן.

די יושבים אין מושב זקנים האַלטן זיך נאָך אַלץ אָן אין פינטעלע ייד. סע קאָן זיך דאַכטן אַז זיי האַלטן די נשמה אויפן לאַץ. ביי אַ פאַרמאַכטן פענצטער זיצט אַ פרוי און באַמיט זיך צו כאַפּן אַ פאַרבלאָנדזשעט פליגעלע. ווען עס געלינגט איר שפּאַרט זי פאָרזיכטיק אויף דאָס פענצטער און לאָזט דאָס פליגעלע פליען אין דער וועלט אַריין. "אפשר" זאָגט זי וועט אַ גוטער ווינט עס אויפנעמען און אַוועקפירן אין אַ בלומען־פעלד וואו עס וועט אויסלעבן זיין לעבן אין נחת און אין פריידן".

"טפו זאָל עס ווערן!" רופט זיך אָן אַ פרוי פאַרפוצט אין אַ הייס רויטער בלוזקע, און בלאָנד געפאַרבטע האָר, "פון אַ פליג מאַכט זי אַ געריכט".

די פרוי וואָס האָט דאָס פליגעלע באַפרייט, ענטפערט איר ניט. זי הייבט זיך אויף און פאַרלאָזט דעם זאַל. איך קוק איר נאָך. פאַראַן עפּעס ייחוס'דיקס סיי אין איר אויסזען, סיי אין איר האַלטונג. די ווייסע האָר גלאַט פאַרקעמט. דאָס פּנים בלאַס, אומעט קוקט אַרויס פון אירע אויגן, עפּעס ווי זי וואָלט געזאָגט דער וועלט, מיר פאַרשטייען זיך. ווען איך בין די צווייטע וואָך ווידער אַריינגעקומען, איז שוין די פרוי מער ניט געווען. זי האָט זיך אַראָגעוואָרפן פון פינפטן שטאָק.

איך באַטראַכט אַזוי די אַלטע לייט, אָט זענען זיי אַקערשט קינדער געווען, מאַמעס האָבן זיך מיט זיי געצאַצקעט, פייגעלעך אין בוזעם זיי געלייגט. זיי צוגעאיילט צו ווערן טאַטעס און מאַמעס. איצט טרייסלען זיי זיך ווי טרוקענע בלעטער אויפן בוים, די פּנימער פאַרוואָלקנט, די אויגן אויסגעלאָשן, ציילן די שעהען פון מאָלצייט צו מאָלצייט, איז דאָס וואָס די צייט גרייט פאַר מיר? מיר ווערט קאַלט אויף דער נשמה, שאַר איך מיך צו צו דעם מאַן וואָס גייט דאָ אָן פאַר אַן אַלץ־ווייסער. ער איז באמת זייער אַ טשיקאַווע מענטש. געוויינלעך זיצט ער אויבן אָן מיט דער פּלייצע צום פענצטער און פּסקנט שאלות. ער רעדט פון ביידע זייטן מויל. אָט ציטירט ער אַ קאַפּיטל תהילים מיטן ברען און טראָפּ פון אַ ליובאַוויטשער חסיד. דאָס בינטל יידן וואָס רינגלען אים אַרום לעקן פשוט די פינגער. קיין קשיות פרעגט מען אים ניט. ער האָט ניט ליב מען זאָל אים שטעלן צו דער וואַנט. ער אַליין שטעלט די פראַגן און גיט די ענטפערס. זיין ספּעציאַליטעט איז צו קריגן זיך מיט גאָט. טאָמער שטעלט זיך עמעץ איין און פרעגט אַ פראַגע, שיקט ער אים גלייך אָפּ צום רבונו של עולם, דער וואָס האָט פאַרטראַכט די גאַנצע שפּיל. "שטעלט אייך פאָר", זאָגט ער, "אויב דער מענטש אין זיינע פאָר קאַרגע יאָר אויף דער ערד ווערט די שפּיל איבערדריסיק, היינט שטעלט אייך פאָר אַז דער וואָס לעבט אייביק — איז שוין דאָס דרייען זיך אַרום און אַרום פון לאַנג אים נמאס געוואָרן. האָט ער אַ שפּיי געטון אויף דער גאַנצער אונטערנעמונג און אַוועק בויען אַ בעסערע וועלט".

ווען איך לייען פיר, כאַפּט ער אַ דרימל. איך האָב אַ פאַרדאַכט אַז ער הערט זיך דווקא יאָ איין נאָר עס פּאַסט אים ניט אַראָפּצונידערן פון זיין דערוהאָרבענעם שטאַפּל. ער זאָגט, אַז ער האָט ניט ליב צו זיין אַ פערד אין די

פון זיין אַן אָפּטייל פון פּאַסטעראַנאַ — פּאַפּי אויפגעכאַפּט

---

אויגן פון בהמות, זיך איינצוהערן ווי אַ פרוי לייענט ״מעשיות פון אונטערן אויוון״. כאָטש ער האַלט זיין עבר אונטער שלאָס און ריגל, גיט דער נומער אויף זיין אָרעם אויס דעם סוד. ווען ער איז אויפגעלייגט זינגט ער לידער פון יידישן טעאַטער. ער קאָן די נעמען פון אַלע טויטע אַקטיאָרן. די לעבעדיקע מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט.

# די ייִדישע מערכה

● פֿון בלומע לעמפּעל

איך בין אַ באַלעבאַסטע, אַ ווײַב, אַ מאַמע, אַ באָבע און יאָ — אַ ייִדישע שרײַבערין. איך שרײַב מײַנע מעשׂיות אויף ייִדיש. ייִדיש ליגט מיר אין די ביינער. איך הער מײַן מאַמעס אוי, הייב איך אויף די אויגן צום הימל און הער ווי גאָט ענטפֿערט מיר אויף ייִדיש. די פֿייגל אויף דער וואָר און די פֿייגל אין חלום רעדן ייִדיש. דער ווינט אונטער מײַן פֿענצטער רעדט ייִדיש. זיי רעדן ייִדיש, ווײַל איך רעד ייִדיש. טראַכט ייִדיש. מײַן טאַטע, מײַן מאַמע, מײַנע שוועסטער און ברידער, מײַן פֿאַרטיליקט פֿאָלק מאָנט נקמה אויף ייִדיש. קיין שום וועלט־שפּראַך קאָן זיך ניט פֿאַרגלײַכן מיט דער ייִדישער מערכה: דעם ייִדישן קרעכץ, דעם ייִדישן הומאָר.

דער ניגון אויסגעלאָשן, די טרערן אָפּגעפֿלאָסן, געבליבן איז דער נאָכקלאַנג וואָס וואָגלט אויפֿן ווינט. מעק ניט אויס דאָס לשון וואָס האָט באַגלייט דײַן פֿאָלק צום מאַסן־קבֿר. לייג ניט צו דײַן האַנט צום מערדערס שווערד. דערשטיק ניט דאָס וואָרט וואָס האָט געבליט אין ביטערע קלימאַטן. געדענק עמלקן. געדענק היטלערן. פֿאַרלעש נישט דעם פֿונק וואָס זשאַרעט אין אַש. דער וואָס פֿאַרלייקנט זײַן נעכטן, האָט ניט קיין מאָרגן. געדענק!

זיץ איך און שרײַב פֿון רעכטס צו לינקס. מײַן גרויסער ברודער וואָס וואַכט איבער מיר, זאָגט מיר אַלץ אונטער אויף ייִדיש. איך קאָן דאָך אים ניט זאָגן ער זאָל ניט רעדן אין דער גלות־שפּראַך. ער, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַלע נויטיקע אַטריבוטן פֿון אַן עילוי, כאַפּט אויף מײַן געדאַנק. סע איז ניט קיין גלות־שפּראַך. סע איז מאַמע־לשון, ענטפֿערט ער אויף מײַן ניט געפֿרעגטן.

פֿאַר מײַן ברודער האָב איך גרויס דרך־ארץ. ער האָט געגלויבט אין דער גוטסקייט פֿון מענטש, פֿון אַלע מענטשן. דער בראָך האָט אים טאָפּלט געטראָפֿן. די אַנטוישונג אין זײַן גלויבן, און וואָס מער — די אנטוישונג אין זיך אַליין. איצט וואַכט ער איבער מיר. ער באַלעבט מײַנע מעשׂיות מיטן אחרי־מותדיקן אַבסאָלוט. אַזוי און אַזוי איז עס געווען. אַזוי און אַזוי איז עס געשען, און דאָס מוז פֿאַרצייכנט ווערן. יעדער לויט זײַן באַנעם מוז איבערגעבן וואָס ער האָט געזען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וואָס ער האָט געטראַכט, וואָס ער האָט געפֿילט. דו ביסט דאָך ניט גלאָט אַזוי לעבן געבליבן, כדי צו עסן בלינצעס מיט סמעטענע? דו ביסט געבליבן לעבן, מוזטו אויפֿלעבן זייערע פֿאַרשניטענע לעבנס. דו מוזט רעדן מיט זייער שפּראַך, טײַטלען מיט זייערע פֿינגער...

זיץ איך און שרײַב זײַטל נאָך זײַטל, ביז עס זאַמלט זיך אָן אַ גאַנצער פּאַק מיט כּתבֿים. דעם אמת געזאָגט, טוט מיר באַנג זיך צו שיידן מיט די פֿאַרשריבענע פּאַפּירן. עס טוט מיר באַנג נאָך מײַנע חבֿרטעס, נאָך זייערע חבֿרים מיט וועלכע זיי האָבן געשפּילט ליבעס אויף ייִדיש. זיי פֿילן אָן מײַנע זײַטלעך מיט זייער געלעכטער און מיט זייער געוויין. עס טוט מיר באַנג נאָך די ייִדן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, און נאָך זייערע ייִדענעס מיט וועמען זיי האָבן זיך געקריגט און איבערגעבעטן אויף ייִדיש. עס טוט מיר באַנג אָוועקצושיקן די היימישע קלאַנגען אין קאָלירן וואָס האָבן באַשיינט און באַחנט דאָס ייִדישע לעבן. עס טוט מיר באַנג זיי משלח צו זײַן עבֿר־לים ווו מע שעמט זיך מיט ייִדיש. די שפּראַך וואָס האָט דעם חלום אויסגעטראָגן, אויפֿגעצויגן און צו שטאַנד געבראַכט — איז דאָרט מוקצה. נאָר אַזוי ווי איך געהער צו דעם פֿאָלק וואָס שפּײַט זיך אַליין אין פּנים, פּאַק איך אײַן דאָס געשריפֿט און שיק עס אַוועק.

איך דערוואַרט ניט קיין לוין, אויך ניט קיין כּבֿוד. מײַן שׂכר איז דאָס שרײַבן, אַרויסברענגען אויף פּאַפּיר דאָס וואָס לאָזט מיך ניט רוען. דער עיקר וויל איך ניט ווייכן דעם וועג פֿון מײַן גרויסן ברודער און בלײַבן אַן אָפּגעשיידטע, עלנט אין מײַן אייגענער היים.

דערווײַל זיץ איך און וואַרט אויף אַן ענטפֿער. איך וואַרט ווי מײַן שרײַבערײַ וואָלט אין גאַנצן גע־

ווען אָפּהענגיק אין פֿאַרלעגערס יאָ אָדער ניין. ווײַל איך וואַרט, טוט זיך די מוזע פֿון מיר אָפּ. ווען מען שטעלט צונויף דרײַ הונדערט און כּמה זײַטן, וויל מען וויסן וואָס די ווייסער האָבן צו זאָגן? ווײַזט זיך אַרויס, אַז די ווייסער לייענען ניט דעם מאַנוסקריפּט. זיי ציילן איבער די פֿאַרשריבענע זײַטלעך און שיקן אַרײַן אַ קוויטונג. אַזויפֿיל און אַזויפֿיל בויגנס, מאַכן אויס אַ פֿינעף וואָס שלעפּט נאָך זיך דרײַ בייכיקע נולן. קאָרעגירן און באַצירן דעם שערבלאַט, קומט צו נאָך איין איינס, מיט דרײַ קלענערע נולן. זיי בעטן גאָר פֿרײַנדלעך צו שיקן אַזוי גיך ווי מעגלעך אַ העלפֿט פֿון דער טאָטאַלער סומע, זיי זאָלן קאָנען אָנגיין ווײַטער מיט דער אַרבעט.

כּדי צונויפֿצושטעלן אַזאַ פֿאַנטאַסטישע סומע געלט, ווערט דער מאַסאָכיסט אין מיר דער גאַנצער פֿאַרזאָרגער. ער דערמאָנט מיך, אַז איך פֿאַרמאָג אַ גאָלדן קייטעלע, און אַ פֿינגערל מיט אַ דימענטל אָן אַ פֿלעק. אָן אַזעלכע אײַטעלע זאַכן, זאָגט ער מיר אונטער, קאָן מען זיך גאַנץ גוט באַגיין. דער בעל־דבֿר ווײַזט מיר אויך אָן, ווו מען קאָן די צירונג פֿאַרקויפֿן. מען דאַרף זיך נאָר צוהערן צו דער ראַדיאָ. דער קאָמענטאַטאָר וועט מיר שוין געבן דעם ריכטיקן אַדרעס. לייג איך אַוועק מײַן שרײַבגעצײַג און טו וואָס מ'הייסט מיך. ערשט ווען איך שיק אַוועק דעם טשעק, קער איך מיך אום צום טיש. אַנשטאָט די פּען, נעם איך דעם קאָפּ אין די הענט אַרײַן און וויג מיך אַבֿלדיק ווי נאָך אַ לוויה.

ווען איך עפֿן די אויגן, זע איך ווי מײַן ברודערס שאָטן טוט דאָס זעלבע אויף דער וואַנט. טרוקענע בלעטער טרײַבן קאַטאָוועס מיטן ווינט. די זומער־פֿייגל האָבן זיך שוין אײַנגעפּאַקט און אַוועקגעפֿלויגן. געבליבן זענען די ווילדע גענדז וואָס פֿיטערן בײַ דער אָזיערע. אויף די נאַקעטע ווינטער־צווײַגן זיצן דראָבנע גרויע פֿייגעלעך און וואַרטן. זיי וואַרטן אויף ברעקלעך ברויט, איך וואַרט אויף אַ בריוו פֿון פֿאַרלעגער.

איין וואָך פֿאַר פּסח קריג איך אָן ענטפֿער. איך פֿאַרגין זיך ניט דעם קאָנווערט אויפֿצורײַסן, נאָר איין גאָט ווייסט וואָס דאָרטן זאָגט זיך — גוט אָדער שלעכט. יאָרן אַרבעט ליגן אויף דער וואָגשאָל. און אָט איז דער ענטפֿער, קורץ און שאַרף. וועגן עצם חיבור, קיין וואָרט ניט. עפּעס האָב איך יאָ געווונען. דער בריוו באַטיטלט מיך: „חשובֿע שרײַבערין", דאָס מיינט, אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער בין איך אָן אָפֿיציעלע שרײַבערין. נו, לייען איך ווײַטער, אײַך איז אַוודאי באַקאַנט די שווערע לאַגע בײַ אונדז אין לאַנד. די אינפֿלאַציע שטײַגט פֿון טאָג צו טאָג. אַ פּאָר הויזן וואָס האָבן נעכטן געקאָסט צען דאָלער, קאָסטן הײַנט טאָפּלט. איר פֿאַרשטייט אַוודאי, אַז לויט דעם פֿריערדיקן פּרײַז קאָנען מיר מיט דער אַרבעט ניט אָנגיין. כּדי ניט צו קריוודען ביידע צדדים, בעטן מיר בלויז טויזנט דאָלער צולאָג. זײַט אַזוי גוט און שיקט באַלד דעם טשעק, וועלן מיר אײַן גיכן פֿאַרענדיקן די אַרבעט.

פֿאַרשעמט, באַליידיקט און נידערשלאָגן, נעם איך פּלאַנען אָן ענטפֿער. אַ פֿאַרלאַג מיט אַ וועלטנאָמען איז דאָך ניט עפּעס אַ סוחרל וואָס דינגט זיך איבער אַ בינטל קליאַטשעס? דאָס איז אַ בוך אָנגעפּראָפּט מיט לעבעדיקע כאַראַקטערן. פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק אָפּצוזוכן אַ בוך פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם מחבר, איבערקלאַפּן דעם טעקסט אויף דער מאַשינקע, וואָרט־בײַ־וואָרט ווי ער גייט און שטייט. גאָרניט אַראָפּנעמען. גאָרניט צולייגן. אַלץ וואָס איך דאַרף יאָ טאָן — איז חתמענען מײַן נאָמען, און לאָמיר זען צי זיי וועלן זיך כאַפּן?

שטיי איך אַזוי מיטן בריוו אין דער האַנט און בין זיך מישבֿ מיט זיך אַליין. לויפֿן אין באַנק נאָך אַ טויזנט דאָלערדיקן טשעק, אָדער אָפּצוזוכן עפּעס אַ בוך און זיך נעמען צו דער אַרבעט? דער פֿאַרדראָס וואַקסט. טרערן רינען. לויף איך צו צום טעלעפֿאָן און רוף אָפּ מײַנס אַ נאָענטן פֿרײַנט, אַ ווויל באַקאַנטן פּאָעט, און גיס פֿאַר אים אויס מײַן ביטער האַרץ.

„וואָס טוט זיך מיט דיר?" ענטפֿערט ער אויף מײַן צעיאָכמערטן טאָן. „וואָס זשע, דו ביסט ניט קיין היגע? דו ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף אונדזער ליטעראַרישן יאַריד? וואַרט ביז דער בוך וועט בשלום אַרויס פֿון דרוק, וועסטו ערשט דער־

פֿילן וואס עס מיינט צו זײַן אַ שרײַבער בײַ ייִדן. אויב דו וועסט ניט וועלן דײַנע ביכער זאָלן שימלען אין קעלער, וועסטו מוזן פֿאַרקאַטשן דײַנע דעליקאַטנע אַרבל, און במחילה זיי אַליין פֿאַר־שפּרייטן".

„ווי?" פֿרעג איך שוין מיט אַ דממה־דקה טאָן.

„דאָס איז אַ גוטע פֿראַגע. מען לערנט זיך אויס צו בעטלען אַדרעסן בײַ פֿרײַנט, בײַ באַקאַנטע. טייל וועלן דיר אַרײַנשיקן אַ פּאָר טולער, אַנדערע וועלן זיך מאַכן געפּגרט. ראשית־כּל, מײַן טײַערע, וועסטו טאָן ווי דער אַלטער נח האָט געטאָן. וועסט אַרויסשיקן אַ בוך, ווי די טויב פֿון דער תּבֿה, און וואַרטן די קריטיק זאָל זיך אָפּרופֿן. יאָ, מײַן טײַערע פֿרײַנדינע, סע איז אַ שווערער פּראָצעס, אָבער וויסן, זאָלסטו וויסן, אַז אונדזער שרײַבן איז אַ טייל פֿון דער ייִדישער מערכה...